STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07377

# IMPRESARYO

Harry Del

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

געווידמעט

צו מיין לעבנס־באַגלייטערין גאָסי

הערי דעל

הערי דעל

# אימפּרעסאַריאָ

זכרונות

תשכ"ז — ניו־יאָרק — 1967

HARRY DELL

# IMPRESARIO

MEMOIRES

Copyright, 1967

New York, N. Y. 1967

Printed in U. S. A.
by:
KNIGHT PRINTING CORPORATION
382 Lafayette Street, New York, N. Y. 10003
96

# אַריינפיר־וואָרט

## פון משה שטאַרקמאַן

מיט גרויס פאַרגעניגן באַגלייטן מיר אַרויס הערי דעלס זכרונות צו דער וועלט פון יידישע לייענערס.

זיינע מעמואַרן האָבן אַ דרייפאַכיקן באַטייט:

זיי זענען, ערשטנס, אַן ערלעכע און געטרייע שילדערונג ווי אַזוי יידישע וואָגלערס פון אונדזערע אַלטע היימען אין מזרח־אייראָפּע, האָבן זיך פאַרוואָרצלט אין אַמעריקע נאָך אַ סך פיינען און נאָך אַ סך ווייטאָקדיקע איבערלעבענישן בכלל; צווייטנס, מיר האָבן פאַר זיך די לעבנסגעשיכטע פון אַן אינספּירירטן קינסטלערישן מענטש, וואָס האָט אַ סך געליטן און אָפט טייער באַצאָלט פאַר דעם, וואָס ער האָט געוואָלט פאַרווירקלעכן דעם שיינעם חלום צו זיין אַן אימפּרעסאַריאָ ביי יידן; דריטנס, אין דעם בוך האָבן מיר אויך דעם מחברס איינדרוקן פון באַגעגענישן מיט באַשטימטע יחידים, וואָס האָבן אין פאַרשיידענע צייט־אָפּשניטן געשפּילט איטלעכער אַ באַדייטענדיקע ראָלע אינעם יידישן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן אין ניו־יאָרק.

דעלס זכרונות זענען, בכן, אַ ווערטפולער דאָקומענט צו דער געשיכטע פון יידישן אימיגראַנטישן לעבן אין דער ערשטער העלפט פון 20סטן יאָרהונדערט.

מיר האָבן לכתחילה געוואָלט משפיע זיין אויף הערי דעל, אַז ער זאָל באַזייטיקן אַלע אַנגליציזמען, וואָס זענען פאַראַנען אין זיין יידיש; אָבער דערנאָך האָבן מיר זיך באַרעכנט, אַז אַנגליציזמען דאַרפן בלייבן, ווייל זיי זענען מוסיף צו דער כאַראַקטעריסטיק פון די טעג און פון דער סביבה, וואָס דער מחבר דערציילט וועגן זיי. מיר האָבן אויך איינגעזען, אַז ס'איז בכלל גלייכער אויסצומיידן „פאַרבעסערונגען", וואָס וואָלטן געמאַכט זיין סטיל צופיל „ליטע־ראַריש".

מיר האָפן, אַז הערי דעלס בוך וועט אויפגענומען ווערן דורך די לייענערס מיט דער זעלביקער אויפריכטיקייט, וואָס האָט אינספּי־רירט דעם מחבר צו שרייבן זיינע זכרונות.

ניו־יאָרק, כ"א שבט, תשכ"ז, דעם 1טן פעברואַר, 1967.

# קאַפּיטל 1

איך האָב געלייענט אין איינער פון טאָלסטאָיס שריפטן וואו ער שרייבט וועגן זיין קינדהייט: „גליקלעכע, זייער גליקלעכע זיינען די יאָרן, די ניט צוריקקערנדיקע יאָרן פון קינדהייט“... דאָס איז זייער ריכטיק, טראָץ דעם וואָס די יאָרן פון מיין קינדהייט זיינען געווען פינצטערע און ביטערע; טראָץ דעם וואָס אַלס קינד האָב איך שוין געליטן פון הונגער און נויט, פון זיך לייגן שלאָפן אַ פאַרשמאַכטער און אַ הונגעריקער, זיינען דאָך מיינע קינדער יאָרן פאַררעכנט פאַר די גליקלעכסטע פון מיין לעבן...

דאָס שטעטלע, וואו איך בין געבוירן געוואָרן און פאַרבראַכט ביזן צענטן יאָר פון מיין לעבן, האָט זיך גערופן מיקאָלייעווע, אין ווילנער גובערניע. עס איז געווען אַ קליין שטעטל, אַ „טל־ומטר“ פון אַ קליינעם סידורל, בסך הכל צוואַנציק משפחות, כמעט אַלע אָרעמע, פאַרקאָפּטשעטע יידן, וועלכע האָבן אויסגעקוקט זייערע אויגן אויף דעם דאָנערשטאָג, ווען עטלעכע פויערים פון די אַרומיקע דערפער פלעגן קומען מיט זעקלעך ווייץ, קאָרן, הינער, און חזיר־האָר.

פון אָט יענע עטלעכע פויערים האָט דאָס שטעטלע געצויגן איר חיונה. איך קען זיך דערמאָנען אַז איינמאָל האָט מיך מיין מאַמע מיטגענומען צום מאַרק־פּלאַץ. דאָרט האָט זיך געפונען אַ פויער מיט אַ וואָגן, געפירט פון אַן אַלטער, דאַרער שקאַפּע. ער איז געווען אַרומגערינגלט פון עטלעכע יידן און יידענעס, וועלכע האָבן געוואָלט קויפן ביי אים „מציאות“. מען האָט קאָנקורירט איינע מיט די אַנדערע; מען האָט זיך געקריגט, געאַמפּערט, זיך געזידלט און געשאָלטן. איינער האָט באַשולדיגט דעם צווייטן אַז ער וויל אים „אַרויסרייסן דעם ביסן פון מויל“...

איך האָב בשום־אופן ניט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס אונדזערע אַ שכנטע, וועלכע פלעגט גאַנץ אָפט אַריינקומען צו אונדז אין שטוב, זאָל זיך אַזוי בייזערן אויף מיין מאַמען, ווייל זי האָט געוואָלט קויפן ביים פויער אַ טוץ אייער... מיין מאַמע איז געווען אַ פּשוטע יידענע, אָבער אַ קלוגע, אַ גוטהאַרציקע און אַן איידעלע. פון איר מויל האָב איך קיינמאָל ניט געהערט קיין קללה.

„קום מיין קינד, לאָמיר גיין אַהיים“! — האָט מיך מיין ליבע מאַמע אָנגענומען פאַר דער האַנט. ווי קליין איך בין געווען, האָב איך געוואוסט

אַז מיין מאַמע וועט זיך אומקערן אין שטוב מיט לײדיקע הענט, און די אַכט מײלער וועלן דאַרפֿן אונטערהונגערן (מיר זיינען געווען פֿיר ברידער, צוויי שוועסטער און טאַטע־מאַמע).

אין הויז איז אַפֿילו קיין שטיקל ברויט ניט געווען. די קינדער האָבן געבעטן עסן. איך בין געווען דער ייִנגסטער, האָב איך געוויינט און געשריִען אַז איך בין הונגעריק... די מאַמע האָט מיך דאַן אַרויפֿגענומען אויף איר שויס און פֿאַר מיר געזונגען אַ לידעלע... זי האָט געהאַט זייער אַ זיסע שטימע, און ווען זי האָט געזונגען אַזוי מעלאַדיש און האַרציק, האָב איך אינגאַנצן פֿאַרגעסן אָן מיין הונגער; איך בין געווען אַזוי גליקלעך צו זיצן אויף מיין מאַמעס שויס און זיך טוליען צו איר און איינדרעמלען פֿון איר זיסן, ליבלעכן געזאַנג... אָט די דאָזיקע גליקלעכע מאָמענטן פֿון מיין קינדהייט וועל איך קיינמאָל ניט פֿאַרגעסן...

ווי דורך אַ נעפּל געדענק איך ווי דער טאַטע האָט מיט מיר געלערנט דעם „אַלף־בית". איך האָב געמוזט דאַן זיין אַ יאָר דריי צי פֿיר. זיינע אויגן האָבן זיך צעלויכטן ווען איך האָב נאָכגעפּאַלגט דאָס טייטל און אויסגערופֿן: „קמץ אַלף — אָ, קמץ בית — באָ! מיט אַמאָל זע איך ווי עס פֿאַלט אַרויף אויפֿן „אַלף בית" אַ גראָשן, און דער טאַטע דערקלערט מיר אַז דאָס איז דערפֿאַר ווייל איך בין אַ גוטער אינגעלע און איך לערן זיך פֿלייסיק, האָט מיר דער מלאך פֿון הימל אַרונטערגעוואָרפֿן אַ גראָשן... מיינע באַקן האָבן זיך צעפֿלאַמט פֿון פֿרייד און גליק... נאָך אַ גליקלעכער מאָמענט פֿון מיין קינדהייט...

מיין טאַטע איז געווען אַ שוסטער. ער איז אָבער געווען געלערנט און זייער פֿרום. אין זיין יוגנט האָט ער געזונגען ביי חזנים; ער האָט געהאַט אַ שיין שטימעלע און פֿלעגט גאַנץ אָפֿט זינגען אַ סאָלאָ ביים חזן. איך געדענק אַז ימים נוראים פֿלעגט מיין פֿאָטער זיין אַ בעל־תּפֿילה אין דעם איין־איינציקן בית־המדרש פֿון אונדזער שטעטל. ער האָט געהאַט אַ גרויסע באָרד, און אויפֿן קאָפּ האָט ער שטענדיק געטראָגן אַ יאַרמעלקע.

אונדזער שטוב איז באַשטאַנען פֿון איין צימער, וואו עס האָבן זיך געפֿונען צוויי בעטן. די פֿענצטער זיינען געווען קליינע און נידעריק צום דיל. אין אַ ווינקל לעם איין פֿענצטער איז געשטאַנען דעם טאַטנס קליין וואַרשטאַטל. דאָרט האָבן זיך געפֿונען שטיקלעך לעדער, צוועקעס, אַ האַמער, אַן אָל, דראַטוועס און אַ קאַפּול. דער טאַטע פֿלעגט זיצן אויף אַ דריי־פֿוסיקן בענקל, נייען מיט דער דראַטווע דורך אַ דיקער נאָדל, און דערביי צו־זינגען אַ ביסל חזנות: „כל נדרי"; „יעלה תחנונינו" „הנשמה לך". „ומפּני חטאינו" און נאָך... איך פֿלעג זיצן אויפֿן ברעג פֿון לאַנגן בענקל און זיך צוהערן צו די טרעלן פֿון זיין זיסער שטימע, ווען ער האָט זיך צעציקלט אויף די נידעריקע טענער... דער שטיוול זיצט אויף דעם קאַפּול, דער טאַטע קלאַפּט מיטן האַמערל די צוועקעס אויף דער פּאַדעשווע, איך פֿיל

ער קלאַפּט צום טאַקט פון זיין זינגען די תפילות... אָט די דאָזיקע גליקלעכע מינוטן פון מיין קינדהייט דערמאָן איך זיך מיט אַזוי פיל לעכ־צונג און בענקשאַפט... דאָס האָט אין מיר איינגעפלאַנצט אַ ליבשאַפט צו געזאַנג, צו מוזיק, וואָס האָט מיך געפירט צו פאַרערן די קינסטלער פון נגינה און אין מיר פאַרזייט די קערנדלעך פון דער אַמביציע צו ווערן אַן אימפּרעסאַריאָ. אָט די דאָזיקע שיינע אידיליעס פון מיינע קינדער־יאָרן האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין זכרון...

דאָס וואָס מיין מאַמע פלעגט מיך פאַרוויגן מיט אַ ליד, ווען עס איז ניט געווען אין שטוב וואָס צו עסן און דער הונגער האָט מיך גענאָגט און געפּלאָגט, האָט מיר אין די שפּעטערע יאָרן געהאָלפן צו באַנעמען דאָס וואָס די תורה שרייבט: „לא על הלחם לבדו יחיה האָדם” אַז ניט אויף ברויט אַליין לעבט דער מענטש... איך האָב געפילט אַז גאָט האָט דער־הויבן דעם מענטשן איבער אַלע באַשעפענישן מיט דעם, וואָס ער האָט אים געבענטשט מיט געוויסע חושים, וואָס זאָלן באַרייכערן זיין גייסטיקן לעבן...

דאָס וואָס איך פלעג זיצן נעבן מיין טאַטן און הערן ווי ער זינגט זיך צו מיט אַזוי פיל מתיקות, מיט אַזוי פיל השתפכות־הנפש ביי זיין אַרבעט, האָט מיר געהאָלפן איינזאַפּן אין זיך פאַרערונג און ליבשאַפט צו קינסט־סטלער פון דער מוזיקאַלישער וועלט. איך האָב פאַרגעצויגן נגינה קעגן ברויט... אָט דער דאָזיקער חוש מיינער אָפּצושאַצן געזאַנג און צו קוקן אויף אַ קינסטלער מיט יראת־הכבוד, איז געוואָרן אַ טייל פון מיין לעבן...

דעריבער, ווען איך טראַכט פון מיינע קינדער־יאָרן, פאַרגעס איך אין די צרות, פּלאָגענישן פון די פאַרשמאַכטע הונגעריקע טעג און נעכט; אויפן געדאַנק קומען מיר יענע גליקלעכע מאָמענטן ווען מיינע ליבע, טייערע עלטערן האָבן מיר געגעבן די דאָזיקע „עלית־נשמה”, וואָס האָט מיר געגעבן כוח אַריבערצוטראָגן אַלע קערפּערלעכע ליידן, וואָס מיר איז אויסגעקומען דורכצומאַכן זינט איך געדענק, פון די פריסטע קינדער־יאָרן, אין אַ שטוב וואו עס האָט געהערשט הונגער, דחקות און נויט...

## קאַפּיטל 2

איך געדענק אַז אַלס קינד בין איך אַלעמאָל געווען הונגעריק און אין שטוב איז אַפילו קיין שטיקל טרוקן ברויט ניט געווען. דער הונגער האָט מיך שרעקלעך געפּייניקט. איך האָב גענומען זוכן אין אַלקירל וואו די מאַמע פלעגט האַלטן אַ שטיקל ברויט, אפשר וועל איך דאָרטן געפינען אַ פּאָר ברעקלעך צו שטילן מיין הונגער. איך האָב געזוכט, געזוכט — און גאָרניט געפונען. איך האָב געוואוסט אַז גאַנץ אָפט לייגט די מאַמע אַוועק אַ שטיקל ברויט, וואָס זי שפּאָרט אָפּ פון זיך, אויף דער אויבערשטער פּאָליצע. דאָן איז קיינער ניט געווען אין הויז. איך האָב גענומען דעם טאַטנס דריי־

פוסיקן בענקל אים צוגעטראָגן צום אַלקירל און זיך אויף דעם געשטעלט און איך האָב פּרובירט דערגרייכן די פּאַליצע, אָבער אַפּילו דאַן בין איך געווען צו קורץ צו דערגרייכן די פּאַליצע כּדי דאָרט צו זוכן אַ שטיקל סקאָרינקע צו זעטיקן מיין הונגער. איך האָב גענומען דאָס הילצערנע קעס־טעלע וואו מיין טאַטע פלעגט האַלטן די שטיקלעך לעדער, וואָס ער פלעגט אַרומשניידן פון די זוילן, איך האָב אַוועקגעשטעלט דאָס קעסטעלע אויפן דריי־פוסיקן בענקל און איך האָב אַרויפגעקלעטערט און ווען איך האָב דער־גרייכט מיט מיין האַנט די פּאַליצע האָב איך גענומען זוכן און טאַפּן, אָבער דאָרט איז גאָרניט געווען. איך האָב זיך געשטעלט אויף די שפּיץ פינגער, צו קענען דערגרייכן טיפער מיט מיין האַנט, אָבער מיט אַמאָל האָט זיך דאָס קעסטל אַרויסגעגליטשט פון אונטער מיינע פיס — און איך בין אַרונטערגעפאַלן צום דיל און זיך גוט צעבלוטיקט.

איך האָב געוויינט. מיין מאַמע איז אָנגעקומען מיט אַ קויש וועש, וואָס זי פלעגט וואַשן פאַר די מער פאַרמעגלעכע שכנות כּדי צו פאַרדינען עטלע־כע גראָשן אויף ברויט. זי האָט אָפּגעוואַשן דאָס בלוט פון מיין פּנים, זי האָט פאַרשטאַנען צוליב וואָס איך האָב אַרויפגעקלעטערט צו דער פּאַליצע און איך האָב באַמערקט ווי אירע אויגן ווערן אָנגעפילט מיט טרערן...

— באַלד, באַלד, מיין קינד — האָט זי מיך גענומען טוליען צו זיך — באַלד וועל איך גיין צום בעקער קויפן ברויט וועסטו האָבן צו עסן.. איך וועל אָפּנעמען די עטלעכע גראָשן פון דער באַלעבאָסטע פאַר די וועש און איך וועל באַלד קומען צוריק... די מאַמעס צערטלעכע און לאַסטשענדיקע רייד האָבן מיך געמאַכט פאַרגעסן אָן מיין הונגער.

עס זיינען געווען טעג ווען אין שטוב האָט זיך אַבסאָלוט ניט געפונען קיין שטיקל ברויט, און עס איז ניט געווען קיין פּרוטה אין קעשענע. מיר אַלע האָבן געהונגערט. מיין טאַטע האָט ניט געהאַט קיין שטאָך אַרבעט. די מאַמע האָט אַפּילו ניט געקראָגן צו וואַשן וועש. די עלטערע קינדער האָבן געוויינט שטילערהייט, זיי האָבן געבעטן ברויט. די אַנגסטן פון הונגער האָבן מיך אַזוי געדריקט, אַז איך האָב ניט אויפגעהערט צו וויינען און בעטן: „מאַ־מע, גיב מיר אַ שטיקל ברויט, איך בין הונגעריק!"

די מאַמע האָט געווישט אירע אויגן. זי האָט גאָרניט געזאָגט. זי האָט זיך איינגעהילט אין איר אַלטער פאַטשיילע און איז שווייגנדיק אַרויס פון שטוב. אין אַ ווילע אַרום האָט זי זיך צוריקגעקערט מיט אַ שטיק אַלט געבאַקן ברויט... אירע אויגן זיינען געווען רויט פון וויינען. זי האָט צעשניטן דאָס ברויט אויף פּעניצלעך און יעדן פון אונדז געגעבן אַ פּעניצל ברויט. ווען דער טאַטע האָט זיך צוריקגעקערט מיט ליידיקע הענט (ווייזט אויס אַז ער איז געגאַנגען זוכן אַ ביסל אַרבעט), האָט אים די מאַמע אַריינגעשושקעט אין אויער, און איך האָב געהערט ווי דער טאַטע האָט זיך אויף איר געבייזערט, און ווי יונג איך בין דאַן געווען, האָב איך

פאַרשטאַנען אַז די מאַמע איז אַוועק צו אַ שכנה בעטן ברויט פאַר אירע הונגעריקע קינדער.

נאָך אַן עפּיזאָד, וואָס איך קען קיינמאָל ניט פאַרגעסן פון מיין קינדהייט. דער טאַטע האָט איינמאָל געבראַכט אין הויז אַ קאַבטשאָנקע (אַ געזאַלצענע, געדרויכערטע פיש). מיר אַלע וועלכע זיינען געווען אַזוי זשעדנע פאַר אַזאַ לוקסוס, האָבן זיך גלייך געזעצט אַרום טיש. דער טאַטע האָט צעשניטן די קאַבטשאָנקע אויף שטיקלעך, און מען האָט מיט אַזוי פיל זשעדניקייט גענומען עס עסן מיט ברויט. אויף מיר, דעם קליינעם, האָט מען זיך גאָרניט אומגעקוקט. ווען איך האָב געזען אַז איך קריג גאָרניט, האָב איך גענומען מאָנען מיין חלק, אָבער עס איז שוין גאָרניט געבליבן, און איך האָב עס אָפּילו ניט פאַרזוכט... ביז היינטיקן טאָג געדענק איך דאָס, און איך באַשולדיק מיינע ברידער און שוועסטער אַז זיי האָבן מיר באַרויבט פון מיין חלק קאַבטשאָנקע... ווען איך האָב ניט אויפגעהערט צו וויינען, האָט מיך מיין מאַמע פאַרוויגט מיטן ליד „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען”, און איך בין פאַרטראָגן געוואָרן אויף די פליגל פון מיין פאַנטאַזיע, אַז איך וועל עלטער ווערן וועל איך אָנהייבן האַנדלען מיט „ראָזשינקעס און מאַנדלען” און פאַרדינען געלט צו קענען קויפן אַ גאַנצע קאַבטשאָנקע פאַר זיך אַליין...

איך דערמאָן זיך אָפּט, ווען עס פלעגט אָנקומען די נאַכט, און מיר פלעגן זיך דאַרפן לייגן שלאָפן, און אין שטוב זיינען געווען בלויז צוויי בעטן, פלעג איך און נאָך אַ ברודער שלאָפן מיט טאַטן אין בעט. די צוויי שוועסטער פלעגן שלאָפן אין בעט מיט דער מאַמען, און די עלטערע צוויי ברידער פלעגן שלאָפן אויף סיעניקעס וואָס זיי פלעגן אויסשפּרייטן אויף דער פּאָדלאָגע. ווען איך דערמאָן זיך דאָס, דאַן קומט מיר אויפן זינען אַברהם רייזענס ליד „אַ געזינד זאַלבע אַכט”:

אַ געזינד זאַלבע אַכט
און בעטן נאָר צוויי
און קומט אָן די נאַכט
וואו שלאָפן דאַן זיי?
דריי מיטן טאַטן
און דריי מיטן דער מאַמען
הענטלעך און פיסלעך
געפלאָכטן צוזאַמען...

אָט דאָס זיינען די דעראינערונגען פון מיין פריסטער קינדהייט, און ווי שווידערלעך זיי זיינען געווען, זיינען זיי ביי מיר, דאָך פאַררעכנט פאַר גליקלעכע יאָרן...

## קאַפּיטל 3

ווען איך בין אַלט געווען זעקס יאָר האָט מיך מיין מאַמע אַוועקגעפירט אין חדר. דער מלמד איז געווען אַ ייד מיט אַ לאַנגער באָרד, מיט אַ ברייטן

קאַרק, מיט ביסטרע אויגן און לאַנגע הענט. איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזען ביי אונדז אין שטוב. דער טאַטע האָט געגייט פאַר אים אַ פּאָר שטיוול. דער מלמד איז געווען דער חזן פון אונדזער שטעטל, דער שוחט, דער מוהל און אויך דער קצב. ער פלעגט קוילענען אַ קעלבל און מיט דעם באַזאָרגט די אַלע פאַרמעגלעכע אידן פון שטעטל מיט פלייש.

אין אונדזער הויז האָבן מיר זעלטן אַנגעזען אַ שטיקל פלייש. פאַר שבת פלעגט מיין מאַמע קויפן אַ שטיקל לונגען־מילץ און אייטער, און פון דעם פלעגן מיר האָבן צוויי מאָלצייטן. אַ מאָל פלעגט די מאַמע קריגן ביים שוחט־קצב דרויב (פריקאזי), וואָס זיינען באַשטאַנען פון הינערשע פיסלעך, פופיקעס, העלזלעך און לעבערלעך. פון דעם פלעגט מיין מאַמע מאַכן אַ טשאָלנט, וואָס האָט געהאַט טעם גן־עדן, און מיר אַלע פלעגן שוין מיט אומגעדולד וואַרטן אויף שבת, ווען מיינע עלטערע ברידער פלעגן ברענגען דעם טשאָלנט פון בעקערס אויוון.

ווען דער שוחט־מלמד איז געקומען אָנמעסטן די שטיוול וואָס מיין טאַטע האָט פאַר אים געהאַלטן אין מאַכן, האָב איך געהערט ווי מען רעדט פון מיר. איך הער ווי דער טאַטע פאַרלויבט מיך פאַרן מלמד, אַז איך האָב אַ גוט קעפּל, אַז איך קען שוין גוט דעם אַלף־בית און איך קען שוין אַפילו זאָגן עטלעכע ווערטער פון סידור... איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס פּלאַנט מיך צו שיקן צו אים אין חדר

דאָס האָט אויף מיר אַנגעיאָגט אַ שרעק. איך האָב שוין געהאַט געהערט פון עטלעכע קינדער, אַז ער שלאָגט, אַז ער קנייפּט די באַקן און אַז ער „דרייט" פאַרן אויער, אויב מען זאָגט ניט אַרויס ריכטיק אַ וואָרט פון סידור. דאָ גיט מיך די מאַמע אַ רוף. דער שוחט איז געזעסן אויף אַ קעסטעלע און אָנגעמאָסטן די שטיוול. איך הער ווי ער באַקלאָגט זיך, אַז איין שטיוול איז אַ ביסל צו ענג, און מיין טאַטע שטעלט אַרויף דעם שטיוול אויף דער קאַפּוליע און קלאַפּט שטאַרק מיטן האַמער, כדי ברייטער צו מאַכן דעם ענגן פלאַץ פון שטיוול.

איך האָב זיך געשראָקן צוצוגיין צו אים, און די מאַמע האָט מיך אָנגענומען ביים הענטל און מיך צוגעפירט. דער מלמד האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן, ווי ער וואָלט מיך אָפּגעמאָסטן מיט די בליקן. איך בין געבליבן שטיין אַ דערשראָקענער און אַ פאַרשעמטער מיטן פינגער אין מויל און האָב געווענדט מיינע אויגן צום דיל.

— דו ביזט שוין אַ גרויס יינגל — רופט זיך אָן דער טאַטע צו מיר — דו וועסט אָנהייבן גיין אין חדר. ווען איך בין געווען אַ יינגל אין דיינע יאָרן האָב איך שוין געקענט גוט דאַוונען און איך האָב שוין געטראַכט פון אָנהייבן לערנען חומש. דו דאַרפסט זיך שוין אַרויסשלאָגן פון קאָפּ דיינע נאַרישע שפּילערייען און שטיפעריייען דו הערסט, הירשעלע!

דער שוחט־מלמד האָט מיר דערווייל אַ קניפּ געטאָן אין בעקל און געזאָגט צו מיין טאַטן:

— ער וועט שוין ביי מיר זיין אַ גוט יינגל און וועלן לערנען, אַז ניט האָב איך אַ גוטן קאַנטשיק!...

די מאַמע האָט באַמערקט די שרעק אין מיינע אויגן, זי האָט מיך גענו־מען גלעטן איבערן קעפּל און איבער די בעקעלעך, זאָגנדיק: „מיין הירשעלע איז אַ טייערינקער, גוטינקער יינגעלע. ער וועט לערנען מיט גרויס חשק און ער וועט קענען דאַווענען".

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז די פּאָר שטיוול, וואָס מיין טאַטע האָט געבייט פאַרן מלמד, איז געווען דאָס „רבי־געלט" וואָס מען האָט אים באַדאַרפט צאָלן פאַרן זמן. קיין געלט צו צאָלן דעם מלמד האָט מיין טאַטע ניט געהאַט, האָט, האָט ער אים באַצאָלט מיט צוויי וואָכן אַרבעט, וואָס ס'האָט געדויערט אויפצוניייען אַ פּאָר שטיוול. איך גלייב, אַז די לעדער פאַר די שטיוול האָט דער שוחט־מלמד צוגעשטעלט צום טאָטן... דער שכר־לימוד איז דעריבער באַשטאַנען פון בלויז די צוויי וואָכן אַרבעט, וואָס מיין פאָטער האָט אַריינ־געטאָן.

אַזוי האָב איך אָנגעהויבן גיין אין חדר. די מאַמע האָט מיך אַריינגעפירט אין הויז פון מלמד. אין פאַרגלייך מיט אונדזער שטוב איז זיין הויז אין מיינע אויגן געווען אַ פּאַלאַץ. עס זיינען דאָרט געווען מעבל, וואָס איז באַ־שטאַנען פון אַ קאַמאָד, אַ טיש מיט שטולן, אַ שאַפע מיט ספרים, סידורים, חומשים און גמרות. דער מלמד איז געווען אָנגעטאָן אין אַ קאַפּאָטע, וואָס איז געווען פונאַנדערגעשפּילעט, און פון דאָרט האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ טלית־קטן מיט לאַנגע ציצית. עס איז נאָך געווען גאַנץ פרי, נאָך סוכות־צייט. אין דרויסן איז געפאַלן אַ דריבנער רעגענדל, און איך האָב געציטערט אי פון קעלט, אי פון שרעק פאַרן מלמד. דער מלמד האָט נאָר וואָס פאַר־ענדיקט עסן זיין פרישטיק און ער האָט געהאַלטן אין בענטשן. מיין מאַמע האָט דעריבער צוגעוואַרט ביז וואַנען ער וועט ענדיקן און דאַן האָט זי מיט הכנעה זיך צו אים אָנגערופן: „איך האָב געבראַכט מיין הירשעלע צו אייך. זאָל גאָט געבן, אַז ער זאָל קענען לערנען און אויסוואַקסן אַ גוטער, ערלעכער ייד!".

איך האָב באַמערקט ווי מיין מאַמע ווישט די טרערן פון די אויגן, און מיין שרעק איז נאָך גרעסער געוואָרן, ווען זי איז אַוועק און מיך איבער־געלאָזן אַליין מיטן מלמד. באַלד האָבן אָנגעהויבן אַריינקומען די אַנדערע קינדער. בלויז איינער פון זיי איז געווען אין מיינע יאָרן. די אַנדערע זיינען שוין געווען גרעסערע קינדער און זיי האָבן שוין געלערנט חומש מיט רש"י.

דער רבי האָט מיך אַריינגעפירט אין צימער וואו ער האָט געלערנט מיט די קינדער. דאָס צימער איז געווען לאַנג און ברייט. אין מיטן צימער איז געשטאַנען אַ לענגלעכער טיש, וואָס איז באַשטאַנען פון צענויפגעקלאַפּטע ברעטער, וועלכע זיינען געלעגן אויף צוויי הויכע בענקלעך. אויפן טיש האָבן זיך געפונען עטלעכע צעפליקטע סידורים, חומשים און אַן „אַלף־בית", וואָס איז געווען אָנגעקלאַפּט אויף אַ טאָוועל.

דער רבי האָט געהייסן די עלטערע קינדער עפּעס איינחזרן און ער האָט זיך גענומען צו מיר. ער האָט מיט אַ טייטל מיר אָנגעצייגט אויף די עטלעכע שורות וואָס האָבן זיך געפֿונען אונטערן אַלף־בית מיט גרויסע אותיות. ער האָט געהייסן זאָגן... איך בין געווען אַזוי צעשראָקן, אַז איך האָב מיין מויל ניט געקענט עפֿענען.

— דיין טאַטע האָט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו קענסט שוין זאָגן פֿון סידור? — בייזערט זיך אויף מיר דער רבי — נו, הייב אָן פֿון אָנהייב אָן: „קמץ־אַלף — אָ, קמץ־בית באָ. איך האָב גלייך גענומען זאָגן דעם גאַנצן אַלף־בית מיט אַלע נקודות. דאַן האָב איך שוין גענומען אויך זאָגן די שורות מיט די גרויסע אותיות.

— נו, איך זע דאָך, אַז דו קענסט שוין זאָגן „עברי״, טאָ פֿאַרוואָס האָסטו זיך געשעמט?... איך האָב אין גיכן גענומען זאָגן פֿון סידור און דער רבי האָט מיך געלויבט. ער האָט גערעדט צו מיר צערטלעכע רייד און מיר אַ גלעט־געטאָן איבערן בעקל. איך האָב באַלד איינגעזען, אַז דער רבי איז גאָרניט אַזאַ שלעכטער ווי מיין חבר, וועלכער איז געווען אין מיין עלטער, האָט אים געמאָלן.

אַזוי ווי אין דרויסן איז שוין געווען הערבסטלעך קאַלט, האָט דער רבי גענומען פֿאַרשטאָפּן די אַלע לעכער און שפּאַרונעס פֿון די פֿענצטער און פֿון טיר מיט שמאַטעס, אַזוי אַז קיין שום ברעקל לופֿט זאָל אַהין ניט צוקומען... ווען די רביצין פֿלעגט קאָכן און די שטוב פֿלעגט זיך אָנ־וואַרעמען, פֿלעגט דאָס צימער וואו מיר האָבן געלערנט אָנגעפֿילט ווערן מיט אַ פּאַרע פֿון וואָס עס איז אויסגעקומען גאַנץ שווער צו אָטעמען. איך האָב זייער שטאַרק מורא געהאַט פֿאַרן רבין, זיינער אַ קוק אויף מיר האָט מיך געמאַכט ציטערן, פֿלעג איך לערנען מיט פֿלייס און פֿאָלגן אַלץ וואָס דער רבי פֿלעגט מיך הייסן. פֿונדעסטוועגן, האָב איך ניט איין מאָל פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון זיין קאַנטשיק. ניט איינמאָל פֿלעגן מיינע באַקן ווערן רויט און געשוואָלן פֿון זיינע פּעטש, און מיינע אויערן רויט פֿון זיין אָנדרייען זיי. אָבער אויך פֿון חדר זיינען מיר פֿאַרבליבן גליקלעכע דעראַינערונגען, איינדרוקן וואָס זיינען ביי מיר געווען פֿריש פֿיל יאָרן... די וואונ־דערלעכע שיינע מעשיות, וואָס דער רבי פֿלעגט אונדז דערציילן פֿון תנ״ך און פֿון אַנדערע הייליקע ספֿרים, — ער פֿלעגט זיי דערציילן פֿאַר אַלע קינדער יעדן דאָנערשטאָג אָוונט. נאָך איצט זיינען איינגעקריצט אין מיין זיכרון די בילדער, וואָס דער רבי האָט געמאָלן פֿון גיהנום און גן־עדן, ווי מען ברענט און מען בראָט די רשעים אין גיהנום, ווי מען קייקלט זיי נאַקעטע אין שניי און נאָכדעם וואַרפֿט מען זיי אַריין אין זודיקע וואַסער; די צדיקים אָבער זיצן אין גן־עדן, מיט גאָלדענע קרוינען אויף זייערע קעפּ און האָבן הנאה פֿון דער שכינה.

## קאַפּיטל 4

אָט דאָס אַלץ האָט געהאָלפן פּלאַנצן, פורעמען און אַנטוויקלען מיין כאַ־ראַקטער... יעדער קליינער עפּיזאָד אָדער אינצידענט אין מיין לעבן האָט אָפּגעשטעמפּלט אין מיין מוח אַן איינדרוק, וואָס האָט געקענט שפּעטער ווירקן אויף מיר צו גוטן אָדער צו בייזן...

אָט שוועבט פאַרביי מיר אַן אינצידענט: איך בין געווען זייער הונגעריק. עס איז קיין נאָווינע ניט געווען אַז ביי אונדז אין שטוב זאָל פעלן אַ שטיקל ברויט צו עסן. איך קום פון חדר אַ הונגעריקער. איך קום אַריין אין שטוב, איך געפין קיינעם ניט. איך זוך אַ שטיקל ברויט צו זעטיקן מיין הונגער, אָבער עס איז ניטאָ. ווייזט אויס אַז מיינע ברידער אָדער שוועסטער האָבן שוין פאַרצערט דאָס לעצטע שטיקל ברויט וואָס די מאַמע האָט מן הסתם איבערגעלאָזן פאַר מיר. דער הונגער פּייניקט מיך... איך הויב אָן טראַכטן וואוהין צו גיין און קריגן אַ ביסן ברויט. מיין מאַמע האָט געהאַט אַ שוועסטער וועלכע האָט געוואוינט אַ האַלב מייל ווייט פון אונדז. איר מאַן איז געווען אַ פעלדשער; ער פלעגט געבן רפואות צו די פּויערים און פּויערטעס, און זיי פלעגן אים באַצאָלן מיט פּרוכט, קאַרטאָפל, אוגער־קעס בוריקעס, ברויט און אייער. איך האָב דעריבער געוואוסט אַז ביי מיין מומען אין הויז געפינט זיך תמיד וואָס צו עסן. ניט איינמאָל פלעג איך אָפּלויפן דעם האַלבן מייל און קומען צו מיין מומען. זי איז אָבער געווען אַזאַ קאַרגע אַז זי האָט מיר קיינמאָל ניט אָנגעבאָטן עפּעס צו עסן... איך פלעג צו איר קומען אַ הונגעריקער און אַוועקגיין אַ הונגעריקער. איך פלעג זיך שעמען צו בעטן אַז זי זאָל מיר געבן עפּעס צו עסן. איך האָב געקענט זען די פאַרשיידענע שפּייזן וואָס האָבן זיך געפונען דאָרט. איך פלעג זען רויטע עפּל, באַרן און פלוימען אויף דער קאַמאָד, אָבער מיין מומע האָט מיר קיינמאָל ניט אָנגעבאָטן עפּעס צו נעמען אין מויל.

איצט, אַז דער הונגער האָט מיר ניט אויפגעהערט צו פּייניקן, האָב איך באַשלאָסן צו לויפן צו מיין מומען. איך וועל איר זאָגן אַז איך בין הונגע־ריק און בעטן אַז זי זאָל מיר געבן אַ שטיקל ברויט. איך בין צוגעקומען צום הויז, און איך האָב געזען די אַלטע גויע, די וועשערין האָט געוואַשן מיין מומעס גרעט נעבן דער טיר פון הויז. איך בין אַריין אין הויז, און מיין מומע איז דאָרט ניט געווען. דער הונגער אין מיר איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז איך בין צוגעקומען צום שפּייז־קאַמער און איך האָב דאָרט דערזען אַ גרויסע סקיבע ברויט און עס אַריינגעלייגט אונטער מיין רובאַשקע און גע־נומען לויפן אַהיים. אַזוי לויפנדיק האָט זיך מיין רובאַשקע פאַרטשעפּעט אין עפּעס אַ צווייג און איינגעריסן. צו מיין שלימזל, טרעף איך אָן אויפן וועג מיין מאַמען און מיין מומען גייענדיק צוזאַמען.

— הירשעלע פון וואַנען לויפסטו עס? — פרעג מיך די מאַמע, ווען איך האָב זיך אָפּגעשטעלט.

— המ... פון ערגעץ ניט — שטאַמל איך אַרויס.

— גיב נאָר אַ קוק ווי דיין רובאַשקע איז צעריסן! — האָט מיין מומע געצייגט צו מיין מאַמען. זע ווי ער באַהאַלט דעם ריס פון דער רובאַשקע מיט זיין האַנט, — האָט זיך מיך אָנגענומען ביי דער האַנט, און דערווייל איז פון אונטער דער רובאַשקע אַרויסגעפאַלן די סקיבע ברויט, וואָס איך האָב גענו־מען ביי מיין מומען אין הויז. איך האָב עס גלייך אויפגעהויבן און געהאַלטן אין מיין האַנט.

מיין מומע האָט גלייך דערקענט אַז עס איז געווען אַ שטיקל פון איר לאַבן ברויט... זי האָט אויף מיר בייזלעך אַ קוק געטאָן און קיין וואָרט ניט געזאָגט. מיין מאַמע האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס עס איז געשען. זי האָט מיך צוגעדריקט צו זיך און געזאָגט: „מיין אָרעם קינד, ער איז נעבעך אַזוי הונגעריק, און אין הויז איז קיין שטיקל ברויט ניטאָ... אַלטער האָט שוין באַלד צוויי וואָכן ניט אָנגעזען קיין שטיקל אַרבעט... גאָט ווייסט וואָס עס וועט זיין. אַז איך ברענג אַריין אַ שטיקל ברויט אין הויז, ווערט עס פאַרצוקערט און עס בלייבט נעבעך גאַרניט איבער פאַר הירשעלען״.

שפּעטער האָב איך פאַרשטאַנען פאַרוואָס מיין קאַרגע מומע האָט מיר גאָרניט געזאָגט פאַר גנבענען אַ שטיקל ברויט פון איר שפּייז קאַמער. ווען זי וואָלט וועגן דעם געמאַכט אַ וועזן וואָלט שוין מיין מאַמע איר פאַרגע־וואָרפן איר קאַרגשאַפט, אַז זי האָט פון אַל דאָס גוטס, און אונדז קומט אויס צו הונגערן...

ווען איך בין עלטער געוואָרן און איך טראַכט פון דעם קומט מיר אויפן געדאַנק דער פסוק אין משלי כ״ח, כ״א: „על פת לחם יפשע גבר״ (איבער אַ שטיקל ברויט פאַרזינדיקט זיך דער מענטש)...

איינמאָל, גייענדיק פון חדר שטעלט מיך אָפּ אַ ציגיינערקע וועלכע האָט גערעדט יידיש. זי האָט מיך געבעטן איך זאָל איר ציייגן וואו עס וואוינט די גויע יאַדוויגע. איך האָב זי גוט געקענט, ווייל יאַדוויגע פלעגט גאַנץ אָפט אַריינברייינגען צום טאַטן אַ פּאָר שיך צו פאַרריכטן. זי פרעגט מיך אויס וועגן יאַדוויגען, ווי עס הייסן אירע קינדער, ווי מען רופט איר מאַן, און וואָס האָט פּאַסירט מיט איר טאָכטער. איך האָב שוין געוואוסט מער אָדער ווייניקער די איינצעלהייטן פון דער גויע, און האָב איר אַלץ דערציילט.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער קומט אַריין יאַדוויגע צו אונדז, און דער־ציילט אונדז וועגן אַ וואונדערלעכע ציגיינערקע וועלכע האָט אַלץ געטראָפן. זי האָט אויסגעלייגט אין קאָרטן און איר געזאָגט אַלץ וואָס מיט איר איז געשען... איך האָב דאַן דערציילט דער מאַמע וועגן דער ציגיינערקע וועלכע האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן איר. די מאַמע האָט דאַן געלאַכט און געזאָגט: „אַזוי האָט די שווינדלערקע אַרויסגעשווינדלט אַ ביסל געלט. געלט״. איך האָב שפּעטער פאַרשטאַנען, אַז אַ סך מענטשן זוכן צו נאַרן און באַשווינדלען וועמען מען קען... דאָס האָט מיר אויך געגעבן אַ לעקציע ווייטער אין לעבן...

# קאַפּיטל 5

ווען איך בין אַלט געוואָרן זיבן יאָר האָב איך געהאַט מיין ערשטן פאַרדינסטל. כ׳בין מיטן טאַטן געווען אין בית המדרש אסתר תענית בייַנאַכט צו דער מגילה, און איינער פון אונדזערע שכנים האָט מיך געפרעגט צי איך וועלן צעטראָגן שלח מנות.

— דו ווערסט פאַרדינען עטלעכע גראָשן — האָט ער צו מיר געזאָגט.

— קום אַריין צו מיר אין שטוב מאָרגן אין דער צייט פון דער פורים סעודה, וועל איך דיר געבן אַוועקצוטראָגן שלח מנות — האָט ער מיר געזאָגט.

איך בין געקומען צו אים גאַנץ פרי. די שלח מנותן זיינען נאָך ניט געווען צוגעגרייט. די באַלעבאָסטע האָט מיר דערוויייל דערלאַנגט אַ שטיקל המן־טאַש, וואָס איך האָב פאַרזוכט צום ערשטן מאָל, ווייל ביי אונדז אין שטוב וואָלט מען געווען צופרידן אויב מיר וואָלטן געהאַט אַ שטיקל ווייסע ברויט פאַר אַזאַ יום טוב ווי פורים... זי האָט מיר אויך מכבד געווען מיט עטלעכע ניסלעך וואָס איך האָב אַריינגעלייגט אין קעשענע פון מיין האַלב צעפליקטן מאַנטעלע.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט מיר די באַלעבאָסטע געגעבן אַ טעלער וואָס איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייסער סערוועטקעלע. איך האָב שוין געוואוסט וואָס עס געפינט זיך אין טעלער, ווייל איך האָב געזען ווי זי האָט אַהין אַריינגעטאָן אַ שטיקל לעקעך, עטלעכע באַנבאָנקעס, צוויי וועלישע ניס פינף טערקישע ניסלעך און עטלעכע מאַנדלען. זי האָט מיר געזאָגט צו וועמען איך דאַרף דאָס צוברייַנגען, און מיר געהייסן זאָגן ווער עס שיקט דעם שלח מנות. זי האָט מיר אָנגעזאָגט אַז איך זאָל דאָרט צווואַרטן ביז וואַנען זיי וועלן מיר געבן זייער שלח מנות צו ברייַנגען צוריק צו איר.

אין דרויסן האָט שוין דער שניי זיך צעשמאָלצן. עס זיינען געווען לו־זשעס. אַ גליק איז געווען וואָס עס איז געווען אַ קלאָרער הימל און די לבנה האָט געשיינט און באַלויכטן די בלאָטיקע געסלעך. איך האָב אָנגעטאָן אַ פּאָר אַלטע שטיוול וואָס דער טאַטע האָט צענויפגעקלאַפּט פון שטיקלעך און ברעקלעך לעדער פון די אַנדערע שיך און שטיוול וואָס מען פלעגט ביי אים באַשטעלן. איך האָב געטאָפּאַטשעט אין די לוזשעס און אין דעם פּאַר־בלאָטיקטן שניי. מיין פּנים און מיינע הענט זיינען געווען רויט פון קעלט. איך האָב אָנגעקלאַפּט אין טיר, און מען האָט מיך אַריינגעלאָזן אינעווייניק. איך האָב דערלאַנגט דעם שלח מנות און געזאָגט ווער ער שיקט עס. דער באַלעבאָס האָט מיר דערלאַנגט אַ זעקסער (זעקס גראָשן מטבע) און ער האָט מיר געהייסן צוואַרטן אַ ווײַלע. די באַלעבאָסטע האָט מיר געגעבן אַ שטיקל טאָרט, און דאַן האָט זי אין דעם זעלבן טעלער אַריינגעלייגט עטלעכע לע־קעכלעך, אַ שטיקל טאָרט, אַן עפּל, אַ באַרנע און עטלעכע ניסלעך. זי

האָט עס אַרומגעוויקלט מיט דער זעלבער סערוועטקעלע און איך האָב צוריקגעבראַכט.

איך האָב געזען ווי די באַלעבאָסטע לייגט עפּעס צו צום טעלער מיט די שלח מנות וואָס איך האָב געבראַכט, און זי פאַרדעקט עס מיט אַ סערוועטקעלע און גיט מיר דאָס צו ברײנגען צו אַן אַנדער שכן. ווייזט אויס אַז יענער שכן איז ניט געווען קיין רייכער, ווייל איך האָב דאָרט געקראָגן אַ גאַנצן פּעים (דריי גראָשן). אַזוי האָב איך געטראָגן שלח מנות און געבראַכט צוריק צו יענעם באַלעבאָס דעם זעלבן טעלער מיט אַנדערע שלח מנות. איך האָב פאַרדינט פון דעם פיר זעקסער און צוויי פּעימען, בסך הכל דרייסיק גראָשן (פופצן קאָפּיקעס). אין איין שטוב האָט די באַלעבאָסטע אויף מיר רחמנות געהאַט, זי האָט געזען ווי פאַרפראָרן איך בין, האָט זי מיר געגעבן אַ טעלער הייסע לאָקשן זופּ, וואָס איך האָב געשלונגען מיט אַפּעטיט.

אַהיים בין איך געקומען גאַנץ שפּעט. איך האָב אַרויסגענומען די קופּערנע מטבעות און זיי עטלעכע מאָל איבערגעציילט. קיין גליקלעכער פון מיר האָט זיך מיר געדוכט איז ניט פאַראַן אין דער גאַנצער וועלט... איך האָב געקענט מערקן ווי מיינע ברידער האָבן אויף מיר געקוקט מיט קינאָה.

די מאַמע האָט מיר גלייך געהייסן אויסטאָן די צעלעכערטע שטיוול און די נאַסע שמאַטעס מיט וואָס מיינע פיס זיינען געווען אַרומגעבונדן. די מאַמע האָט מיך געפרעגט צי מען האָט מיר געגעבן וואָס צו עסן, און איך האָב איר געזאָגט אַז איך האָב שוין געהאַט לאָקשן־זופּ, און לעקעך. און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל וואָס איך בין ניט געווען הונגעריק. פונדעסטוועגן האָט די מאַמע פאַר מיר געלאָזן אַ היגערישע פּיסל און אַ פּופּיק, אָבער איך האָב איר געזאָגט אַז איך וועל דאָס עסן מאָרגן.

איך האָב די פופצן קאָפּיקעס, מיין ערשטן פאַרדינסטל באַהאַלטן, ווייל איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועט איינער פון מיינע ברידער דאָס אַוועקנעמען פון מר. יעדן מאָל פלעג איך אַרויסנעמען דאָס געלט פון באַהעלטעניש און עס ווידער איבערציילן. איך האָב זיך געהאַלטן פאַר אַ גביר... אַ קלייניקייט, דרייסיק גראָשן... ווען איך וועל איצט זיין הונגעריק, וועל איך קענען אַריין אין אַ בעקעריי און קויפן אַ בייגל צי אַ בולקעלע...

לאַנג אָבער האָט זיך דאָס געלט ניט געהאַלטן ביי מיר. די מאַמע האָט געוואָלט קויפן פיש אויף שבת, און זי האָט ניט געהאַט גענוג געלט, האָט זי דאָס ביי מיר געבאָרגט.

— ווי נאָר דער טאַטע וועט פאַרדינען וועל איך אָפּגעבן צוריק דיין געלט, — האָט די מאַמע פאַרזיכערט... אָבער איך האָב שוין דאָס געלט מער ניט געזען ווייל דער טאַטע איז אַרומגעגאַנגען ליידיק, און דאָס ביסל פאַרדינסט פון דער אַרבעט וואָס ער האָט געקראָגן צוויי וואָכן פאַר פּסח האָט קוים געקלעקט פאַר מצות, אייער און וויין.

ווען איך בין אַכט יאָר אַלט געוואָרן, האָב איך איינמאָל געהערט

אַ געשושקעריי אין הויז. דער טאַטע איז געקומען אין שטוב און זיין פּנים האָט געפלאַמט, זיינע אויגן האָבן זיך צעלויכטן. ער האָט געוויזן דער מאַמען אַ קאָנווערט, און איך הער ווי ער זאָגט אַז דאָס זיינען צוויי שיפסקאַרטן צו פאָרן קיין אַמעריקע.

אַלס קינד האָב איך נאָך אינגאַנצן ניט באַגריפן וואָס דאָס מיינט. שפּעטער האָט מיר די מאַמע געזאָגט אַז אונדזערער אַ קרוב האָט געשיקט דעם טאַטן צוויי שיפסקאַרטן צו קומען קיין אַמעריקע, און דער טאַטע וועט מיטנעמען טאַדרעס לייבקען (אַזוי האָט געהייסן מיין עלטסטער ברודער) און מיט אים אַוועקגעפאָרן קיין אַמעריקע.

— איך וויל אויך פאָרן קיין אַמעריקע — האָב איך זיך צעוויינט.

— דו נאַרעלע! — ענטפערט מיר די מאַמע — מיר וועלן אַלע פאָרן קיין אַמעריקע. פריער וועט דער טאַטע אַהין פאָרן מיט טאַדרעס לייבקען. דאָרט וועט ער פאַרדינען אַ סך געלט און דאַן וועט ער אונדז שיקן דאָס געלט אַז מיר אַלע זאָלן פאָרן אַהין צו אים.

אירע רייד האָבן מיר באַרואיקט. איך האָב געטראַכט אַז דער טאַטע וועט אונדז פון אַמעריקע שיקן אַ סך געלט און מיר וועלן קענען קויפן ברויט און אפשר אויך אַ קאַבטשאַנקע אָדער אַ הערינג...

איך דערמאָן זיך אַז מען האָט אַריינגעבראַכט אין שטוב די שטרויענע קאָרזינע אין איר האָט דער טאַטע אַריינגעלייגט אַן אַלטן גאַנג חומשים אַ מחזור, אַ סידור, און נאָך עטלעכע ספרים. ער האָט אַהין אַריינגעלייגט זיין קיטל, זיין טלית און תפילין, זיין לאַנגע קאַפּאָטע וואָס ער פלעגט טראָגן שבת און יום טוב, זיין פאַרלאַטעטן ווינטערדיקן מאַנטל מיט אַ וואַטאָוועץ קאַפּטל. מען האָט אַהין אויך אַריינגעלייגט טאַדרעס לייבקעס מאַנטל און קאַפּטל מיט נאָך אייניקע זאַכן. ער האָט אויך מיטגענומען זיינע שוסטעריי־געצייג.

נאָכדעם האָט מען צוגעמאַכט די קאָרזינע און מען האָט זי אַרומגע־בונדן מיט אַ דיקער שטריק. עס איז צוגעפאָרן צו אונדזער שטוב אַ פור וואָס אויף איר זיינען געזעסן נאָך אַ פּאָר יידן מיט פּעקלעך. דער טאַטע האָט זיך צעקושט מיט דער מאַמען. (דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל ווען איך האָב געזען ווי דער טאַטע קושט דער מאַמען). ער האָט אויך געקושט מיינע ברידער, מיינע שוועסטער און מיך. מיר זיינע אַלע אַרויס אין דרויסן. איך האָב געזען ווי דער פורמאַן הויבט אויף די קאָרזינע און לייגט זי אַוועק צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פּעקלעך וואָס ער האָט אַרומגעבונדן מיט אַ שטריק. דאַן איז דער טאַטע אַרויף אויפן פור. נאָך אים מיין עלטסטער ברודער. איך האָב געזען ווי די מאַמע וויינט און מורמלט: „אין אַ גליק־לעכער שעה, אָה, גאָטעניו"... די פור האָט זיך גערירט און אין אַ ווײַלע אַרום האָב איך שוין געקענט זען בלויז די שטויב וואָס דאָס פערד און וואָגן האָבן איבערגעלאָזן אין אונדזער געסל. ווייזט אויס אַז דער טאַטע האָט

איבערגעלאָזט דער מאַמען עטלעכע רובל, ווייל אייניקע וואָכן נאָכדעם ווי זיי זיינען אָפּגעפאָרן האָט די מאַמע געהאַט געלט מיט וואָס צו קויפן ברויט, אייער און אויך אויף שבת אַ שטיקל פלייש ביי דעם שוחט און מיין מלמד.

## קאַפּיטל 6

ביסלעכווייז אָבער, האָט זיך דאָס געלט אויסגעלאָזט און מיר האָבן ווידער אָנגעהויבן הונגערן. די ערשטע צייטן פלעגט זי נעמען אויף באָרג ביי דעם בעקער, ביי דעם שפּייז קרעמער און אויךביים קצב. זי האָט זיי געזאָגט אַז זי ערוואַרט אין גיכן אַ בריוו פון טאַטן מיט געלט, און ווי נאָר זי וועט קריגן דאָס געלט וועט זי באַצאָלן אַלעמען.

אָבער חדשים זיינען אַוועק און מיר האָבן גאָרניט געהערט פון טאַטן. די מאַמע פלעגט אַרומגיין אַ פאַרטרויערטע, אַ פאַרווייניטע. זי פלעגט זיצן אין שטוב. מיט אַמאָל באַקומט זי אַ בריוו אַז ער און טאָדרעס לייבקע זיינען געזונט און ווי נאָר ער וועט אָנהייבן צו אַרבעטן וועט ער אונדז שיקן געלט.

מיט אָט דעם בריוו פון טאַטן האָט די מאַמע ווידער געקראָגן קרעדיט ביים קרעמער, ביים בעקער און ביים שוחט־קצב. ווידער זיינען אַוועק אַ סך וואָכן און מיר האָבן גאָרניט געהערט פון טאַטן און פון מיין עלטסטן ברודער. מיין מאַמע האָט שוין געקומט אַ סך געלט פאַר עסנוואַרג, און מען האָט שוין ווידער אויפגעהערט איר צו געבן אויף באָרג. זי פלעגט זוכן אַרבעט, צו וואַשן גרעט און מיט אָט די דאָזיגע קליינע פאַרדינסטן האָט זי קוים געהאַט גענוג צו קויפן ברויט.

און אָט דערמאָן איך זיך איינמאָל, אָנהייבווינטער, איז מיין מאַמע מיט מיר אַוועק צום קצב־שוחט און מיין געוועזענער מלמד (איך האָב דאָן געהאַט אַ צווייטן רבין, מיטן נאָמען ישראל דאַווידזאָן, וועלכער איז איצט אין אַמעריקע אַ גרויסער מיליאָנער, דער אייגנטימער פון פעדעראַל סטאָרס דעטראָיט מישיגאַן). מיין מאַמע איז צו אים געקומען בעטן ער זאָל איר באָרגן נאָך אַ פונט פלייש אויף שבת.

דער חזן־שוחט קצב איז געוואָרן שטאַרק צאָרנדיק און ער האָט אויס־געשריען:

— איך בין ניט מחויב אויסצוהאַלטן אייך מיט אייער משפחה! איך האָב אייך שוין געגעבן אויף באָרג מער ווי גענוג. מער וועל איך אייך ניט געבן. פריער באַצאָלט מיר פאַר די פלייש וואָס איר האָט גענומען אויף באָרג אויפן חשבון וואָס אייער מאַן איז אין אַמעריקע. נו, היבשע חדשים זיינען פאַריבער און דערווייל האָט איר גאָרניט געקראָגן פון אים.

מיין מאַמע האָט זיך קוים באַהערשט פון וויינען. זי האָט זיך צו מיר אָנגערופן:

— „קום, הירשעלע, לאָמיר גיין אַהיים, עס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס מיר וועלן ניט האָבן קיין פלייש אויף שבת!״

איך בין געוואָרן שטאַרק בייז אויף מיין געוועזענעם רבין דעם קצב. ער איז געווען אַ גרויסער כעסן און ווען דער כעס פלעגט אים אָנקומען פלעגט ער קיינעם ניט שאַנעווען. איך בין שוין דאַן אַלט געווען נאָענט צו צען יאָר, און איך האָב שוין אַ סך דורכגעמאַכט דורך די אַלע קינדער יאָרן מיינע... ווען איך האָב אָבער געזען ווי מיין מאַמעס אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן, האָט מיר פאַרקוועטשט אין האַרצן און איך האָב זיך געווענדעט צום קצב, מיין געוועזענעם רבין און אויסגערופן: „איר זייט אַ שלעכטער מענטש״!...

ווען מיר זיינען אַרויס פון דאָרט, האָט מיר די מאַמע געמוסרט: „עס איז ניט שיין פאַר אַ אינגל אַזוי צו ריידן צו אַן עלטערן מענטשן, בפרט אַז ער איז דאָך געווען דיין רבי״. איך האָב געשוויגן. איך האָב איינגעזען אַז די מאַמע איז גערעכט.

אין אַ וואָך אַרום האָבן מיר דערהאַלטן אַ בריוו פון טאַטן אין אַמעריקע מיט זעקס שיפס־קאַרטן פאַר דער מאַמען, פאַר מיינע צוויי ברידער, צוויי שוועסטער און פאַר מיר. אויסער די שיפס־קאַרטן האָבן מיר דערהאַלטן געלט, וואָס מיין מאַמע האָט אויסגעביטן אויף דער פאָסט.

— די ערשטע זאַך וואָס איך וועל טאָן — האָט זיך די מאַמע אָנגערופן צו אונדז, קינדער, איז באַצאָלן דעם שוחט דאָס גאַנצע געלט וואָס איך קום אים. קום הירשעלע, דו וועסט מיט מיר מיטגיין, איך וויל, אַז דו זאָלסט זיך אַנטשולדיקן פאַר אים, וואָס דו האָסט דאַן גערעדט צו אים אַזוי גראָב.

איך בין געווען זייער צופרידן צו גיין מיט דער מאַמען צום קצב. איך האָב געוואָלט זען ווי ער וועט אונדז אויפנעמען איצט, ווען ער וועט דערזען אַז די מאַמע האָט שוין געלט אים צו באַצאָלן דעם גאַנצן חוב. די מאַמע איז אָבער באַשטאַנען אויף דעם, אַז איך זאָל זיך אַנטשולדיקן פאַר אים.

ווען די מאַמע און איך זיינען אַריין צו אים אין געוועלב, האָט דער קצב זיך אָנגערופן: „אָ, איר זענט שוין ווידער אַהער געקומען מיט דעם יונגאַטש!״.

— זייט ניט אַזוי בייז! — ענטפערט אים די מאַמע — איך בין געקומען אייך באַצאָלן וואָס עס קומט אייך און מיין הירשעלע איז געקומען זיך אַנטשולדיקן פאַר אייך. איצט זאָגט מיר וואָס איך קום אייך און איך וועט אייך באַלד באַצאָלן.

ער האָט אַריינגעקוקט אין אַ ביכל און ער האָט איר דערלאַנגט אַ חשבון. די מאַמע האָט אָפּגעציילט עטלעכע זילבערנע רובל און אים דער־לאַנגט.

— וואָס שרייבט אייך ר׳ אַלטער, אייער מאַן? — פרעגט ער מיין מאַמען.

— איר זעט דאָך, ער האָט אונדז געשיקט שיפס־קאַרטן מיט געלט און מיר וועלן, אם ירצה השם, אין גיכן אָפּרייזן קיין אַמעריקע.

נו, אַ דאַנק גאָט! — האָט ער געזאָגט — איך בעט אייך, אַז איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן וואָס איך האָב צו אייך אַזוי גערעדט... איך בין גראָד דאַן געווען שטאַרק געענגט און איך האָב זיך פאַרלאָרן.

דערווייל האָב איך שוין פאַרשפּאָרט זיך צו אַנטשולדיקן פאַר אים.

איך געדענק דעם גערודער, וואָס איז געווען ביי אונדז אין הויז אַ וואָך איידער מיר האָבן פאַרלאָזן אונדזער שטעטעלע מיקעלייעווע. ווייבער זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט אונדז. דערווייל האָט מען באַטראַכט דאָס ביסל אָרעמקייט, וואָס מיר האָבן געהאַט: עטלעכע בענקלעך, אַ פּאָר טישלעך, צוויי בעטן און אַ גרויסע פּערענע, וואָס די מאַמע האָט געקראָגן בירושה פון איר באָבען. די הילצערנע בעטן זיינען געווען גאַנץ אַלטע און אין מאַנכע פּלעצער זיינען זיי געווען פאַרלאַטעט און צוגעקלאַפּט מיט טשוועקעס, פונדעסטוועגן האָבן זיך געפונען צווישן די פרויען אַ סך בעלנטעס, וועלכע האָבן מיט אַ געניט אויג באַטראַכט דאָס ביסל „מעבל״. זיי האָבן געוואוסט, אַז דאָס וועט די מאַמע ניט קענען מיטנעמען מיט זיך קיין אַמעריקע. זיי האָבן אויך געוואָרפן אַן אויג אויף די גרויסע טשוגונענע טעפּ און טעפּלעך.

איך האָב געהערט ווי אייניקע ווייבער האָבן אָנגעבאָטן דער מאַמען עטלעכע גילדן פאַר די בעטן און די מאַמע האָט פאַרלאַנגט צוויי רובל.

ענדלעך איז געקומען דער טאָג. דער פורמאַן איז אָנגעקומען מיט זיין בויד. אייניקע יידן זיינען געקומען מיט שטריק און האָבן פונאַנדערגענומען די בעטן און מען האָט זיי גענומען אַרויסטראָגן פון אונדזער שטוב. ערשט איצט האָט מען געקענט זען ווי גרויס דער דלות איז געווען אין אונדזער הויז. עטלעכע לעפל, מעסער, גאָפּל און אַפילו טעלער האָט די מאַמע איינגעוויקלט און מיטגענומען, ווי זי וואָלט מורא געהאַט, אַז אין אַמעריקע וועט מען דאָס ניט קריגן. אַ פּאָר קישעלעך האָט די מאַמע פאַרבונדן מיט אַ שטריק. ווען עס איז געקומען צו דער פּערענע, האָט די מאַמע געהאַט היפּשע שוועריקייטן. דער בעל עגלה האָט געזאָגט, אַז ער וועט ניט האָבן קיין פּלאַץ פאַר דער פּערענע, וואָס איז געווען זייער גרויס. די מאַמע אָבער האָט געטענהט, אַז אָן דער פּערענע וועט זי ניט פאָרן. איך געדענק, אַז מיר אַלע האָבן גענומען אַרומבינדן די פּערענע מיט שטריק אַזוי שטייף אַז זי זאָל איינשרענקען, כדי מען זאָל זי קענען אַריינלייגן אין דער פור.

כמעט אַ האַלב שטעטל יידן און יידענעס זיינען געקומען זיך געזעגענען מיט אונדז. מען האָט אונדז צוגעוואונטשן, אַז מיר זאָלן האָבן אַ גליקלעכן וועג און מיר זאָלן אָנקומען אין אַמעריקע אין אַ מזלדיקער שעה. איך האָב געמערקט, אַז אייניקע פון מיינע חברים האָבן אויף מיר געקוקט מיט אויגן פון קנאה. איך און מיינע שוועסטער זיינען שוין געווען אין בויד. מיינע

צוויי עלטערע ברידער האָבן געהאָלפן דעם בעל עגלה אַרויפצולייגן אויף דער פור נאָך עטלעכע קליינינקייטן. די מאַמע האָט זיך געקושט מיט עטלעכע שכנות. אירע באַקן האָבן זיך געררויטלט, אירע אויגן האָבן געגלאַנצט. דער פורמאַן האָט איר געגומען אונטעראיילן און די מאַמע האָט זיך קוים אָפּגעריסן פון די ווייבער און דער פורמאַן האָט איר געהאָלפן אַריינגיין אין דער בויד. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון דער בייטש און אַ געשריי „וויאָ!״, און די בויד האָט זיך גערירט. איך האָב באַמערקט ווי אייניקע ווייבער ווישן זייערע אויגן און ווי יונג איך בין געווען האָב איך פאַר־שטאַנען, אַז זיי זיינען אונדז מקנא וואָס מיר האָבן דאָס גליק צו פאָרן קיין אַמעריקע...

די מאַמע האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר פאָרן קיין ווילנע קורירן די אויגן, ווייל אויב מען קומט קיין אַמעריקע מיט קראַנקע אויגן שיקט מען גלייך צוריק. מיר האָבן געוואוסט, אַז מיר וועלן דאַרפן פאַרברענגען אַ לענגערע צייט אין ווילנע ביז וואַנען דער אויגן־דאָקטאָר וועט אונדז זאָגן, אַז אונדזערע אויגן זיינען אויסגעהיילט געוואָרן.

## קאַפּיטל 7

עס איז געווען שפּעט אין ווינטער. אין דרויסן איז געפאַלן אַ געדיכטער שניי און טראָץ דעם וואָס די מאַמע האָט אונדז אַלעמען אַרומגעוויקלט מיט קאָלדרעס און שמאַטעס, האָב איך געציטערט פון קעלט. דער וועג איז געווען באַרגיק, מיט שטיינער און גריבער און די פור האָט זיך געטרייסלט אַרויף און אַראָפּ, פונדעסטוועגן האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט פון דער רייזע. דאָס האָצקען זיך האָט מיר געגעבן דעם געפיל, אַז איך הוידע זיך אויף אַ הוידע...

אין ווילנע האָבן מיר געזאָלט פאַרפאָרן אין הויז פון אונדזערער אַ קרובה און די מאַמע האָט אונדז אָנגעזאָגט ווי אַזוי מיר זאָלן זיך אויפפירן דאָרט. מיין עלטערע שוועסטער האָט געהאַט געשריבן אַ בריוו קיין ווילנע צו אונדזער קרובה, וואָס מיר האָבן זי גערופן די „מומע מירל״. אין בריוו האָט זי איר געשריבן אין נאָמען פון דער מאַמען, אַז מיר פאָרן קיין אַמעריקע און אַז מיר דאַרפן זיך אָפּשטעלן אין ווילנע אויף עטלעכע וואָכן צוליב די אויגן. זי האָט זיך אָנגעפרעגט אויב עס וועט ניט זיין צו שווער פאַר איר ווען מיר וועלן פאַרפאָרן צו איר. די מומע מירל האָט באַלד געענטפערט, אַז געוויס זאָלן מיר פאַרפאָרן צו זיי... כאָטש עס וועט זיין אַ ביסל ענגלעך, אָבער אויף אַ גוטן אופן וועט מען זיך „פּאָמיעסטשען״.

מיר זיינען אָנגעקומען אין ווילנע שפּעט אין אָוונט. דער פורמאַן האָט שוין געוואוסט דעם אַדרעס פון דער מומע מירלס הויז. מיר זיינען אַלע געווען אויסגעהונגערט און פאַרפראָרן. די מומע מירל האָט באַלד געשטעלט דעם סאַמאָוואַר. זי האָט אונדז געגעבן ברויט באַשמירט מיט גענדזן־שמאַלץ.

זי האָט אויך צוגעשטעלט אַ טאָפּ מיט קאַרטאָפל און מיר זיינען געזעסן אַרום טיש. פון סאַמאָוואַר האָט געשלאָגן אַ פּאַרע. די מומע האָט שוין געהאַט געבאַרגט עטלעכע טעלער און גלעזער פון אירע שכנים, ווייל מיט אַ מאָל זיינען צוגעקומען צו איר משפּחה פון פיר (זי האָט געהאַט אַ ייִנגל און אַ מיידל, אַ צווילינג פון פופצן יאָר) נאָך זעקס מענטשן און זי האָט ניט געהאַט אַזוי פיל כלים פאַר אַזאַ משפּחה...

ביז גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט האָבן מיר פּאַבראַכט. די מאַמע האָט גערעדט צו איר קרובה און איר דערציילט, וואָס זי און די קינדער האָבן דורכגעמאַכט.

— נו, אַ דאַנק גאָט — האָט מירל געשאָקלט מיטן קאָפּ — אם ירצה השם, דער דאָקטאָר וועט געפינען אַז אייערע אויגן זיינען גוט און איר וועט אין אַ גוטער שעה אָפּפאָרן קיין אַמעריקע און דאָרט וועט איר שוין מער ניט וויסן פון אָרעמקייט און דחקות. אַז דיין מאַן האָט געקענט אַרויס־שיקן זעקס שיפס־קאַרטן מיט אַ מאָל און דערצו אַ ביסל געלט אין מזומן, איז דאָך אַ באַוויז, אַז ער פאַרדינט דאָרט ניט שלעכט... הלוואי וואָלטן מיר געקענט אַרויסקריכן פון דער אָרעמקייט און נויט און האָבן צו וועמען צו פאָרן קיין אַמעריקע, וואָלטן מיר זיך דאָך געשעצט גליקלעך...

מיר זיינען שוין אַלע געווען שלעפעריק. מיינע אויגן האָבן זיך גע־קלעפּט. איצט איז געווען אַ פראַגע: וואו וועלן מיר זיך לייגן שלאָפן? די ספּאַלנע (שלאָף־צימער) איז געווען אַ לענגלעכע, דאָרט זיינען געווען אַ בעט און אַ קאַנאַפּע, וואו מירל און איר מאַן זיינען געשלאָפן. ביים אַריינ־גאַנג פון ספּאַלנע איז געווען אַ בעטל, וואָס איז געווען אָפּגעטיילט מיט אַ מין פאָרהאַנג, וואָס איז געווען צונויפגעטשאָבעט פון שטיקלעך לייוונט, אַלטע פאַטשיילעס און פון צעריסענע זעק. דאָס איז געווען די מחיצה, וואו זייער פופצן־יאָריקע טאָכטער איז געשלאָפן. דאָס ייִנגל איז געשלאָפן אין גרויסן עס־צימער אויף אַ שלאָפבאַנק, וואָס בייטאָג איז עס באַנוצט געוואָרן ווי אַ מין קושעטקע. ביינאַכט פלעגט מען אַרונטערנעמען דעם הילצערנעם צודעק און אינעווייניק האָט זיך געפונען אַ שטרויענער סיעניק (מאַטראַץ), מיט אַ קישן. די מומע מירל האָט גענומען פּלאַנעווען ווי אַזוי אונדזער גאַנצע משפּחה, וואָס איז באַשטאַנען פון זעקס, זאָל זיך קענען לייגן שלאָפן. נאָך היפּשע איבערטראַכטונגען האָט מיר באַשלאָסן: מיין מאַמע און איינע פון מיינע שוועסטערס זאָלן שלאָפן אין איר צימער, אויף איר בעט; אַ צווייטע שוועסטער וועט שלאָפן מיט דער מומע מירל אויף דער קאַנאַפּע; איר מאַן וועט שלאָפן אויף דער שלאָפבאַנק; זייער טאָכטער וועט שלאָפן ווי אַלע מאָל און זייער זון וועט שלאָפן מיט מיר און מיט מיינע צוויי ברידער אויף דער פּאָדלאָגע. דאָ איז צוניץ געקומען די גרויסע ברייטע פּערענע. מען האָט פונאַנדערגעבונדן די פּערענע, מירל האָט פאַרשפּרייט צוויי צעריסענע ליילעכער און איך, צוזאַמען מיט מירלס

יינגל און מיט מיינע צוויי ברידער האָבן זיך געלייגט אויף דער פּערענע. איך בין נאָך אַזוי געשמאַק ניט געשלאָפן ווי יענע נאַכט.

אויף מאָרגן האָט מירל אונדז אַלעמען באַגלייט צו דעם אויגן־דאָקטאָר. איך געדענק, אַז דער דאָקטאָר האָט זיך אויף מיר געבייזערט. ער האָט מיך געהייסן האַלטן אָפן מיינע אויגן ווען ער האָט באַדאַרפט אַריינשפּריצן עטלעכע טראָפּנס. אָבער ווי נאָר ער האָט צוגעטראָגן דעם שפּריצער צו מיינע אויגן, האָב איך זיי צוגעמאַכט. מיין מאַמע האָט געמוזט אויפעפענען מיינע ברעמען און דער דאָקטאָר האָט אַריינגעשפּריצט די טראָפּנס.

די שטאָט ווילנע האָט אויף מיר געמאַכט אַ גרויסן רושם. דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבן האָב איך געזען אַזאַ גרויסע שטאָט. די געביידעס זיינען אין מיינע אויגן געווען זייער גרויסע, די גאַסן זיינען געווען ברוקירטע, ביי די זייטן פון די גאַסן זיינען געווען הילצערנע לאַוועס (סאַידוואָקס). מירלס יינגל האָט אונדז געפירט אויפן שול־הויף, וואו מיר האָבן געזען די גרויסע ווילנער שטאָט־שול און פיל אַנדערע שולן. איך האָב געזען ווי פרויען זיצן ביים אַריינגאַנג פון שול־הויף מיט טעפּ הייסע אַרבעס און באָב. זיי האָבן געשריען: „ווייבער, הייסע אַרבעס, הייסע באָבעס". טייל האָבן פאַרקויפט פאַרפאַרענע עפּל און אַנדערע פּרוכטן. דאַן האָט ער אונדז געפירט אַנצוקוקן זאַלקינדס גרויס גע־שעפט. ער האָט אונדז געזאָגט, אַז דאָ קען מען געפינען צו קויפן אַלץ וואָס מען וויל. איך האָב זיך צוגעקוקט צו די ברייטע און גרויסע שויַ־פענצטער און צו מיין אַנטציקונג איז קיין גרענעץ ניט געווען.

איך בין אַרומגעגאַנגען ווי אַ באַרוישטער. איך בין געווען אין אַ גאַנץ אַנדער וועלט ווי איך בין געווען געוואוינט אין מיין קליין שטעטעלע מיקאַלאַיעווע. די מאַמע איז פאַרבליבן מיט מירלען אין שטוב און זיך באַשעפטיקט מיט קאָכן. מען האָט דאָך באַדאַרפט שפּייזן איצט אַזאַ גרויסע משפחה פון עסערס, וועלכע האָבן ניט געהאַט וואָס זיך צו באַקלאָגן אויף זייערע אַפּעטיטן. איך האָב שפּעטער געהערט, אַז די מאַמע האָט דער־לאַנגט מירלען עטלעכע רובל צושטייער צו קויפן שפּייז פאַר אונדז אַלעמען. מיינע צוויי שוועסטער זיינען אויך פאַרבליבן אין הויז און זיי האָבן מיטגעהאָלפן אין קאָכן און צוגרייטן שפּייז פאַר אונדז.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט פון דעם שפּאַציר איבער ווילנע, האָבן מיר שוין געזען ווי אויפן טיש שטייט אַ גרויסע שיסל מיט גע־קאָכטע קאַרטאָפל אין פלעצלעך, פון וועלכער עס איז געגאַנגען אַ פּאַרע... עס זיינען דאָרט געווען גרויסע סלאָיקעס מיט זויער מילך און מיר האָבן מיט גרויס אַפּעטיט געקייט די קאַרטאָפל און פאַרטרונקען מיט זויער־מילך. אין אָוונט האָבן מיר געגעסן פליישיקע קניידלעך און האָבער גריץ־זופּ מיט קאַרטאָפל. אויפן טיש איז געווען אַ גרויסער לאַבן ראַזאָווע (שוואַרצע) ברויט, פון וואָס די מומע מירל האָט יעדן פון אונדז געגעבן אַ דיקע „המוציא".

די עטלעכע וואָכן, וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אין ווילנע, זײַנען פאַר מיר געווען די גליקלעכסטע טעג פון מײַן קינדהייט. איך האָב זיך שוין צוגעוואוינט צום דאָקטאָר מיט די טראָפּנס אין מײַנע אויגן. מײַן מאַמע און מירל האָבן ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן אַמעריקע, וואו מען „שאַרט גאָלד אין די גאַסן". איך האָב אַפילו אַ פּאָר מאָל געהערט, אַז ווען מיר וועלן זײַן אין אַמעריקע און גאָט וועט אונדז העלפן, וועלן מיר שיקן שיפס־קאַרטן פאַר זיי און אויך זיי וועלן קענען קומען קיין אַמעריקע, אי דעם גאָלדענעם לאַנד...

ענדלעך האָט אונדז דער אויגן־דאָקטאָר געזאָגט, אַז אונדזערע אויגן זײַנען אויסגעקורירט און מען וועט אונדז שוין אַרײַנלאָזן קיין אַמעריקע. אויב אַזוי האָבן מיר שוין ניט וואָס צו בלײַבן לענגער אין ווילנע. דורך דער צײַט זײַנען אין ווילנע געווען גרויסע שנייען און זאַווערוכעס. טיפע שנייען האָבן באַדעקט דעם ברוק און אַנשטאָט די איזוואָשטשיקעס אויף רעדער, האָט מען איצט געווען איזוואָשטשיקעס אויף שליטנס. איך געדענק, אַז עס האָט זיך געפונען עפּעס אַ מאַן, וואָס האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַלץ. ער האָט פאַר אונדז געקראָגן אַלע נייטיקע פּאַפּירן און אויך די באַן־בילעטן. דאַן איז צוגעפאָרן אַ בעל־עגלה אויף אַ שליטן, און מען האָט אויף אים אַרויפגעטאָן אַלע אונדזערע בעבעכעס.

דאָס געזעגענען זיך מיט דער טאַנטע מירל און מיטן פּעטער (איך געדענק שוין ניט זײַן נאָמען) איז געווען פאַר זיי אַ מין תשעה באָב. מען האָט זיך געקושט, מ׳האָט געוויינט, מען האָט זיך געוואָרפן אויף די העלדזער און ווידער געוויינט. מען האָט אונדז באַדאַרפט צופירן צום וואָקזאַל. מירל האָט זייער געוואָלט מיטפאָרן מיט אונדז צום וואָקזאַל, אָבער דער בעל־עגלה האָט געזאָגט, אַז עס וועט ניט זײַן מער קיין פּלאַץ אין שליטן; האָבן ביידע, מײַן מאַמע און מירל, זיך ווידער געוואָרפן אויף די העלדזער און מען האָט זיך געקושט און געוויינט. מיר זײַנען שוין אַלע געזעסן אין שליטן. די מומע מירל, דער פּעטער און זייער צווילינג זײַנען אַרויס אין דרויסן אײַנגעוויקלטע אין פּאַטשיילעס און נאָכגעקוקט ווי דער שליטן רירט זיך פון אָרט.

דער וואָקזאַל אין ווילנע האָט פאַר מיר אויסגעקוקט ווי אַ פּאַלאַץ. מיר האָבן שוין געהאַט די בילעטן. מײַן מאַמע האָט געבעטן מײַנע שוועסטער זיי זאָלן איר פאַרשטעלן און דאַן האָט זי אַרויסגענומען פון איר בוזעם אַ קליינעם טײַסטער מיט אַסיגנאַציעס. זי האָט עפּעס געגעבן דעם מאַן, וועלכער האָט אַלץ באַזאָרגט און אויך ער האָט אונדז צוגע־וואונטשן אַ גליקלעכע רייזע.

אָט איז אָנגעקומען דער צוג. איך האָב אויף מײַן לעבן ניט געזען קיין באַן. איצט האָט מען אונדז אַרײַנגעפירט מיט אונדזערע פּעקלעך אין אַ וואַגאָן, וואו עס האָבן זיך געפונען פיל פּאַסאַזשירן וועלכע זײַנען

געפאָרן אין פאַרשידענע שטעט. מיר זיינען אָבער דאָרט געווען די ערשטע פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען געפאָרן קיין אַמעריקע. ווער האָט זיך גאָר געקענט גלייכן צו אונדז!...

איך געדענק ווי מיר האָבן, נאָכן אָפּפאָרן היפּשע עטלעכע שעה, באַדאַרפט בייטן דעם צוג. ווייזט אויס, אַז מיר האָבן באַדאַרפט צופאָרן צו דער גרענעץ און אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אַלע פּאַפּירן, האָבן מיר זיך אַריינגעזעצט אין אַ צוג, וואָס האָט אונדז געפירט קיין אַנטווערפּן, בעלגיע.

## קאַפּיטל 8

איך בין געווען נאָענט צו צען יאָר, ווען מיר זיינען אָנגעקומען אין אַנטווערפּן, אויפן וועג קיין אַמעריקע. איך בין פריער קיין מאָל ניט אַרויס פון אונדזער שטעטעלע מיקאַלאַיעווע אויסער איין מאָל, ווען מיין טאַטע האָט מיך מיטגענומען צו גיין מיט אים צום נאָענטן דאָרף. מיין טאַטע האָט באַדאַרפט אָפּברענגען אַ פּאָר שטיוול צו אַ רייכן פּויער און ער האָט מיך געפרעגט צי איך וועל גיין מיט אים. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר זיבן. איך האָב געזען דאָס דאָרף, וואו עס האָבן זיך געפונען עטלעכע הייזלעך מיט פון שטרוי באַדעקטע דעכער, אַ ברונעם אין מיטן און עטלעכע חזירים, ציגן, הינער, קאַטשקעס און גענדז. דאַן האָב איך געטראַכט, אַז אונדזער שטעטל מיקאַלאַיעווע איז אַ גרויסע שטאָט, און זי שטייט אין צענטער פון דער וועלט. ווען איך האָב פאַרבראַכט אין ווילנע, האָב איך שוין דאַן איינגעזען ווי קליין און נישטיק אונדזער שטעטעלע איז...

איצט אָבער, אַז מיר זיינען אָנגעקומען אין אַנטווערפּן, בין איך אין גאַנצן געוואָרן איבערוועלטיקט פון דער גרויסקייט, פּרעכטיקייט און אימפּאַזאַנטקייט פון דער שטאָט. אין פאַרגלייך מיט ווילנע איז אַנטווערפּן געווען אַ ריז קעגן אַקאַרליק.

איך געדענק ניט ווי אַזוי מיר האָבן דאָס באַוויזן, אָבער מיין מאַמע האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ פאַרשטייער פון האַיאַס, וועלכער האָט געזען אונדז צו באַזאָרגן מיט אַ צייטווייליקער קוואַרטיר, ביז וואַנען אונדזער שיף, אויף וועלכער מיר האָבן געהאַט אונדזערע שיפס־קאַרטן, וועט אָנקומען אין האַפן פון אַנטווערפּן. מען האָט אונדז אַוועקגעפירט אין אַ יידישער געגנט און מען האָט אונדז געגעבן אַ צימער אין אַ הויז, מען האָט אונדז אויך באַזאָרגט מיט כשרע מאכלים. די עטלעכע טעג וואָס עס איז אונדז אויסגעקומען צו פאַרברענגען אין אַנטווערפּן, האָבן זיך איינגעקריצט אין מיין זכרון. איך האָב געזען פּרעכטיקע געביידעס, פאַרשידענע קאָלירטע עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס איך האָב אַלץ געזען צום ערשטן מאָל.

מיין מאַמע האָט מורא געהאַט אַרויסצוגיין פון קוואַרטיר, טאָמער וועט

זי פֿאַרבלאָנדזשען און זי וועט אַפֿילו ניט וויסן ווי צו רעדן צו די מענטשן, וועלכע רעדן אַזאַ מאָדנע שפּראַך. מיינע ברידער, שוועסטער און איך האָבן ניט געקענט איינרוען. אונדז האָט געצויגן אין דרויסן. די מאַמע האָט אונדז אָנגעזאָגט ניט אַוועקצוגיין צו ווייט, אָבער מיר האָבן קיין מורא ניט געהאַט. מיר האָבן געהאַט דעם געשריבענעם אַדרעס פֿון אונדזער קוואַרטיר און מיר האָבן געזאָגט דער מאַמען, אַז אויב מיר וועלן פֿאַר־בלאָנדזשען וועלן מיר צייגן דעם אַדרעס. מיר זיינען געגאַנגען איבער אייניקע גאַסן, וואו מיר האָבן געזען גרויסע געשעפֿטן. איך האָב זיך אָפּגע־שטעלט נעבן אַ קאָנדיטאָריי און ניט אויפֿגעהערט צו באַטראַכטן די שיינע געשמאַקע פּיראָזשנעס און אַנדערע לעקעכער וואָס האָבן געדרייצט מיין אַפּעטיט...

דער מאַן, וואָס האָט אַלץ באַזאָרגט פֿאַר אונדז, האָט געזאָגט דער מאַמען, אַז ווען מיר וועלן אָנקומען אין עליס איילענד וועט מען אונדז אַלעמען אונטערזוכן צי מיר זיינען ריין (ניט פֿאַרלייזיקט). דעריבער האָט ער אונדז געוואָרנט, אַז איידער מיר זעצן זיך אויף דער שיף וועלן מיר דאַרפֿן גיין אין באָד אַריין, מיר וועלן זיך דאַרפֿן גוט אַרומוואַשן, דיזענ־פֿעקטירן, כדי מיר זאָלן קיין שום שוועריקייטן ניט האָבן.

איך געדענק ווי דער מאַן האָט אונדז, מיך און מיינע צוויי ברידער, אַריינגעפֿירט אין אַ באָד. דאָרט איז געווען אַ גרויסער צימער, טונקל־פֿינצטער, די ווענט און די פֿענצטער זיינען געווען נאַס, ווי פֿאַרשוויצט, פֿון דער פּאַרע. די מאַמע האָט אָנגעזאָגט די עלטערע ברידער מיינע, אַז זיי זאָלן מיך גוט אַרומוואַשן און עטלעכע מאָל אויסצוואַגן מיין קאָפּ מיט הייסע וואַסער און זייף.

די מאַמע און מיינע צוויי שוועסטער זיינען אַריין אין דער ווייבער־שער באָד. איך געדענק, אַז איך האָב צוגעקוקט ווי יידן גיסן שעפֿעלעך וואַסער אויף די הייסע שטיינער און די פּאַרע ווערט גרעסער, אַז מען קען דאָרט קיין זאַך ניט זען. די יידן האָבן הנאה און קרעכצן פֿון פֿאַרגעניגן. מיינע ברידער האָבן געוואָגט צוצוגיין צום אונטערשטן פּאָל, אָבער איך בין געשטאַנען פֿון וויטן. איך האָב ניט געקענט דולדן די שרעקלעכע היץ, וואָס איז פֿון דאָרט געקומען. מיר האָבן מיט זיך געהאַט אַ פּעקעלע פֿון ריינע אונטערוועש. מיר האָבן אַלע געפֿילט ריין און ציכטיק נאָך דעם ווי מיר זיינען אַרויס פֿון באָד.

די מאַמע און די שוועסטער האָבן שוין אויף אונדז געוואַרט. מיינע שוועסטערס האָר זיינען געווען פֿאַרפֿלאָכטן אין צעפּ און זיי האָבן גע־גלאַנצט. איך האָב אָבער געקענט פֿילן דעם ריח פֿון קעראָסין, מיט וועלכן זיי האָבן געוואַשן זייערע האָר.

ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט צו אונדזער קוואַרטיר האָט די מאַמע גוט באַטראַכט מיין קאָפּ, זי האָט דורכגעפֿירט אירע פֿינגער דורך

מיין קאָפּ און האָט געזאָגט מיט אַ לייכטן שמייכל: „דו דאַרפסט אַלע מאָל האַלטן די האָר פון דיין קאָפּ ריין. מאָרגן גייט אָפּ די שיף, יעדער איינער פון אייך וועט מוזן גוט אַכטונג געבן, אַז די האָר פון קאָפּ זאָלן זיין ריין. אויב ניט, קען מען נאָך אונדז, חלילה, צוריקשיקן פון וואַנען מיר זיינען געקומען...״.

איך האָב קוים דערוואַרט דעם טאָג ווען מיר האָבן באַדאַרפט אַרויפּ־שטייגן אויף דער שיף, וואָס האָט געזאָלט אָפּגיין צוויי נאָך מיטאָג. אָבער מיר זיינען שוין דאָרט געווען צען אַזייגער אין דער פרי. מען האָט אונדז נאָך ניט אַרויפגעלאָזט און מיר זיינען אַלע געבליבן זיצן אויף די פּעקלעך, וואָס מיר האָבן געפירט מיט זיך. דערווייל האָב איך באַטראַכט די שיף. איך האָב פריער ניט געזען קיין שיף. און איך האָב געקוקט אויף איר מיט נייגעריקע בליקן. עס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס איך האָב געזען דעם ים און איך האָב באַוואונדערט ווי אַזוי די לייכטע כוואַליעס שלאָגן זיך אָפּ אין דער שיף און די שיף בלייבט שטיין און זי טוט זיך ניט קיין ריר.

באַלד האָט מען אונדז אַרויפגעלאָזט אויף דער שיף. מיר האָבן מיט־גענומען די פּעקלעך, אָבער די גרויסע פּערענע איז געווען שווער און אומגעלומפּערט זי אַרויפצוטראָגן, האָבן מיר געמוזט אָנקומען צו אַ טרע־גער, וועלכער האָט זי אַרויפגעטראָגן און אַריינגעבראַכט אין אונדזער קאַיוטע, וואָס איז געווען גאָר אונטן אין דער שיף. די קאַיוטע איז געווען אַ גרויסע אָבער אַ פינצטערע, אָן פענצטער, פוןביידע זייטן צימער זיינען געווען צו דריי שלאָף־בעטלעך איינס איבערן אַנדערן. נעבן ביידע זייטן פון די בעטן איז געשטאַנען אַ לייטער, וואָס איז געווען צוגעטשעפּעט מיט קייטלעך צו דער אויבערשטער זייט פון בעטל. מיינע צוויי עלטערע ברי־דער האָבן פאַרנומען די צוויי אויבערשטע בעטן און פאַר מיר האָט די מאַמע באַשטימט דאָס אונטערשטע בעטל. די בעטלעך פון דער צווייטער זייט פון דער קאַיוטע זיינען געווען פאַרנומען פון מיינע צוויי עלטערע שוועסטער, און פון דער מאַמען, וועלכע איז געלעגן אויפן אונטערשטן בעטל. מען האָט באַדאַרפט קלעטערן אויפן לייטער אַרויפצוקומען אויף די אויבערשטע בעטלעך.

די שיף האָט אַרויסגעלאָזט אַ פייף און זי האָט אָן אויפהער געטרובעט ביז וואַנען מיר זיינען שוין אַריבער דעם ענגלישן קאַנאַל. דאָס וואַסער איז געווען זייער שטורמיש און איך געדענק, אַז עס האָט מיך אָנגעהויבן צו איבלען. די מאַמע איז געווען די ערשטע, וועלכע האָט גענומען ברעכן. באַלד נאָך איר האָבן די אַנדערע געטאָן דאָס זעלבע...

די שיף האָט זיך געוואַקלט פון זייט צו זייט און אין אַ פּאָר שעה אַרום האָט זיך געהערט אַ מין קלאַנג און מען האָט אונדז געזאָגט, אַז מיר דאַרפן גיין עסן אָנטבייס. מיין מאַמע האָט געהאַט די ים־קראַנקייט און זי איז

געבליבן ליגן אין בעטל. זי האָט געזאָגט, אַז זי איז ניט הונגעריק און זי קען גאָרניט עסן. איך און מיינע ברידער האָבן דערפילט דעם הונגער און מיר זיינען געווען גרייט. די מאַמע האָט אונדז געהייסן גיין עסן, זי האָט נאָר געוואָלט, אַז דער באַדינער זאָל איר ברענגען אַ גלאָז טיי מיט לימענע.

מען האָט אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן עס־זאַל. עס זיינען געווען דאָרט אַ סך לאַנגע טישן, צוויי פון די טישן זיינען געווען באַשטימט פאַר די וועלכע עסן כשרס. איך האָב זיך קוים צוגעכאַפּט צו די עסנס. מיר האָבן שוין ניט פאַרזוכט דעם טעם פון פלייש היפשע עטלעכע וואָכן און דעריבער האָב איך, מיינע ברידער און שוועסטער געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט. מיין עלטערע שוועסטער האָט געבעטן דעם יידישן באַדינער (סטיואַרט), אַז ער זאָל זען ברענגען פאַר דער מאַמען טיי מיט לימענע, ווייל זי פילט זיך קראַנק און קען ניט אַרויסקומען. איך געדענק, אַז דער באַדינער האָט איר געבראַכט טיי אין אַ קליינעם טשייניקל און לימענעס. ער האָט אויך אַריינגעבראַכט אַ טעלער פון ציין, אויף וועלכן עס האָבן זיך געפונען עטלעכע אַפּעלסינען און עפּל.

דער ים איז געווען נאָך אַלץ שטורמיש און די שיף האָט זיך גע־וואַקלט און געוואָרפן פון איין זייט צו דער צווייטער. די מאַמע האָט די גאַנצע צייט געליטן פון דער ים־קראַנקייט. זי האָט אָבער זיך אָנגע־שטרענגט און אַרויסגעקומען עסן די לעצטע טעג פון דער רייזע.

איין נאָכמיטאָג האָבן מיר געהערט אַ גערודער, אַגעלויף פון די מאַטראָסן, געשרייען און אויסרופן. די שיף האָט זיך מיט אַ מאָל ווי אָפּ־געשטעלט. אַ שרעק איז באַפאַלן די פּאַסאַזשירן. מיר זיינען אַלע אַרויס פון אונדזער קאַיוטע און זי געגומען נאָכפרעגן ביי די שיף־לייט וועלכע זיינען אַרומגעלאָפן פאַרשמאַיעטע הין און צוריק. מיר האָבן אָבער גאָר ניט געקענט דערגיין. ניט מיר האָבן פאַרשטאַנען זייער שפּראַך און ניט זיי האָבן אונדז פאַרשטאַנען. מיר האָבן ניט געוואוסט וואָס צו טאָן. באַלד איז צו אונדז צוגעקומען דער יידישער באַדינער, וועלכער איז אויך געווען דער משגיח איבער דער כשרער קיך. מיר האָבן אים אַרומגערינגלט און פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

— אַלץ וואָס איך קען אייך זאָגן איצט — האָט דער משגיח זיך צו אונדז אָנגערופן — אַז ווען מיר וועלן אם ירצה השם אָנקומען אין ניו־יאָרק וועלן מיר אַלע בענטשן „גומל”...

— אָבער וואָס אַזוינס איז געשען? — האָט די מאַמע גענומען צו אים צושטיין.

— נו, אַ דאַנק גאָט, אַ נס איז געשען מיט אונדז! די געפאַר איז פאַראיבער. מיר זיינען געווען אַזוי נאָענט צו אַן אייז־באַרג, אַז ווען ניט די מאַנעוורעס פון אונדזער גוטן און געניטן קאַפּיטאַן, וואָלט זיך די שיף אָנגעשלאָגן אָן אייז־באַרג. דער קאַפּיטאַן האָט גלייך אָפּגעשטעלט די שיף

און מיט גרויס פּאַרזיכטיקייט זי אַ קער געטאָן אויף דער צווייטער זייט. מיר האָבן געשפּילט מיט גליק, דער צוזאַמענשטויס מיטן אייז־באַרג איז פאַרמיטן געוואָרן. איך האָב דאָן ניט באַגריפן וואָס דאָס מיינט. ווי אַזוי קען אַ באַרג שווימען אין ים, בפרט אַ באַרג פון אייז? שפּעטער האָט מיר מיין עלטערער ברודער אַלץ דערקלערט. איך האָב טאַקע איינגעזען, אַז מיט אונדזער שיף איז געשען אַ גרויסער נס. מיר זיינען אַלע ניצול געוואָרן פון דערטרונקען ווערן.

## קאַפּיטל 9

אונדזער שיף האָט דערגרייכט עליס איילענד אַ טאָג פאַר ערב פּסח. מיר זיינען אַרונטערגעשטיגן פון שיף און מען האָט אונדז צוגעפירט מיט קליינע שיפלעך צו עליס איילענד, וואו איך האָב געזען אַ סטאַטוע פון אַ גרויסער פרוי מיט אַ פאַקעל אין איר האַנט. איך האָב געהערט ווי מען רעדט וועגן דעם און מען רופט זי די „סטאַטוע פון פרייהייט". דאָרט האָט מען אונדז גוט באַטראַכט, אַ דאָקטאָר האָט אונטערזוכט אונדזערע אויגן. דערנאָך האָט מען אונדז אַריינגעפירט אין אַ גרויסן, לאַנגן קאָרידאָר, דאָרט זיינען געווען צימערן פאַר פרויען און צימערן פאַר מענער. מיך און מיינע ברידער האָט מען אַריינגעפירט אין די צימערן פאַר די מענער, מיין מאַמע און די צוויי שוועסטער האָט מען געהייסן אַריינגיין אין דער אָפּטיילונג פון פרויען, וואו עס האָבן זיך געפונען פרויען דאָקטוירים און נוירסעס. מען האָט אונדז געהייסן זיך אויסטאָן אין גאַנצן נאַקעט. אַ דאָקטאָר האָט אונדז באַטראַכט, אַריינגעקוקט אין די קעפּ. איך האָב געציטערט פון שרעק, ווייל אויף דער שיף האָב איך ניט געקענט צוואַגן מיין קאָפּ יעדן טאָג און איך האָב מורא געהאַט טאָמער וועט מען דאָרט עפּעס געפינען.

אַלץ איז, דאַנקען גאָט, אַריבער בשלום. נאָר אַזוי ווי עס איז שוין געוואָרן אָוונט האָט מען אונדז געלאָזט וויסן, אַז מאָרגן פאַרמיטאָג וועט מען אונדז אַרויסלאָזן. ווייזט אויס, אַז דער טאַטע איז שוין דאָ געווען, נאָר מען האָט אים געהייסן קומען מאָרגן אין דער פרי.

אויף מאָרגן אין דער פרי, דאָס איז געווען ערב פּסח, האָבן מיר דערזען אונדזער טאַטן, וועלכער איז אָנגעקומען מיט מיין עלטסטן ברודער טאָדרעס לייבקע. איך בין געווען דער ערשטער וועלכער האָט אים דערזען. איך האָב אים גלייך דערקענט, טראָץ דעם וואָס עס זיינען שוין אַוועק מער ווי צוויי יאָר זינט איך האָב דעם טאַטן געזען. ווען איך האָב אָנגעזאָגט דער מאַמען, אַז דער טאַטע קומט אָן, האָט זי אויסגערופן: אָ, אַ דאַנק גאָט! זי איז גלייך געלאָפן אים אַנטקעגן, מיר אַלע האָבן איר נאָכגעפאָלגט. ווען ער איז אָנגעקומען האָט די מאַמע זיך מיט אים צעקושט און אויך מיט טאָדרעס לייבקען. דערנאָך בין איך צוגעלאָפן צום טאַטן, וועלכער האָט

מיך אַ הייב געטאָן, ווי איך וואָלט געווען אַ קליין קינד. די מאַמע האָט באַמערקט, אַז טאָדרעס לייבקע האָט זיך אַ סך געענדערט. מיר האָבן זיך אַלע צעקושט מיט טאָדרעס לייבקען.

— הירשעלע, מיין זון! — האָט דער טאַטע מיך געקושט.

ווען מען איז פאַרטיק געוואָרן מיט דער באַגעגעניש, האָט ער אונדז געזאָגט, אַז דאָרט, ביי דער סאָוטה פערי, וואַרט שוין אַ פור, וואָס ער האָט באַשטעלט און מען וועט אונדז ברענגען צום הויז, וואָס ער האָט שוין פאַר אונדז געהאַט אָנגעגרייט.

— היינט ביינאַכט האָבן מיר דאָך דעם ערשטן סדר! — רופט זיך אָפּ דער טאַטע צו אונדז. — מיר זיינען אַלע איינגעלאַדן צום סדר ביי אונדזער קוזין דאַווידאָף. כאָטש אין אונדזער הויז געפינט זיך שוין מצה, וויין, אייער און שמאַלץ — האָט ער געזאָגט — אָבער די סדרים וועלן מיר פּראַווען ביים קוזין דאַווידאָף, וועלכער וואוינט ניט ווייט פון אונדזער הויז.

איך האָב אַפילו ניט באַוויזן גוט צו באַטראַכטן אונדזער נייע היים, וואָס איז באַשטאַנען פון פיר צימערן אויף וואַטקינס סטריט, ברוקלין. איך האָב זיך שוין געגומען גרייטן צום סדר. דער טאַטע האָט מיך געלאָזט וויסן, אַז אַזוי ווי איך בין דער יינגסטער, וועל איך דאַרפן פרעגן די „פיר קשיות". ער האָט מיר געגעבן אַן הגדה און ער האָט מיך געהייסן זי גוט איינחזרן ווייל ער האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז איך האָב שוין אַלץ געמוזט פאַרגעסן.

אַזוי האָבן מיר געפּראַוועט דעם ערשטן סדר אין אַמעריקע. איך האָב געפרעגט די פיר קשיות און מיר האָבן געטרונקען די ארבע כוסות און געזונגען צוזאַמען „חד גדיא" און „אחד מי יודע"...

אין די ערשטע יאָרן פון מיין לעבן אין אַמעריקע האָב איך קיין סך נחת ניט געהאַט. די אילוזיע, אַז דער טאַטע פאַרדינט געלט און מיר וועלן שוין מער ניט דאַרפן וויסן פון הונגער און נויט, איז שנעל פאַר־שוואונדן געוואָרן. די דירה אונדזערע, וואָס האָט זיך געפונען אין בראַנזוויל אויף וואַטקינס סטריט, איז באַשטאַנען פון פיר צימערן אין אַ טענעמענט הויז. די צימערן זיינען געווען אָפּגעלאָזענע, פינצטערע, אָן באַלייכטונג (קיין עלעקטריציטעט און גאַז האָבן מיר ניט געהאַט). מיר האָבן זיך באַנוצט מיט אַ קעראָסין־לאָמפּ. די רענט וואָס מיין טאַטע האָט געצאָלט פאַר די פיר צימערן איז געווען צוועלף דאָלאַר און פופציק סענט אַ חודש.

דער טאַטע האָט זיך נישט געקענט צופּאַסן צו די דעמאָלסטיקע „סוועט־שאָפּ"־באַדינגונגען, האָט ער געעפנט אַ „שו־ריפּעיר שאָפּ". ער איז געווען דער זעלביקער קבצן ווי אין דער אַלטער היים. דעריבער איז פאַר אונדזער משפחה געווען די אָרעמקייט און נויט דאָ, אין אַמעריקע, אַ מין פאָרטזעצונג פון דער אַלטער היים. עס איז אָבער פאָרט געווען אַ



**אַ פֿאַמיליען־בילד**

אונטן (רעכטס צו לינקס): פֿעני און לינע דעל, הערי (דאָלאַטיצקי) דעל, מיניע דאָלאַטיצקי. אויבן (רעכטס צו לינקס): לואי, איידע, ווילי, חנה און רובי.

ביסל לייכטער, ווען מיין עלטערער ברודער האָט געאַרבעט און די עטלעכע דאָלאַר פאַרדינסט האָט ער אַריינגעבראַכט אין הויז.

איך בין אָנגעקומען אין „פּאַבליק סקול" און ווען איך האָב גראַדואירט בין איך שוין אַלט געווען זעכצן יאָר. די ערשטע זאַך וואָס איך האָב געטאָן ווען איך בין פאַרטיק געוואָרן מיט „פּאַבליק סקול", איז געווען צו זוכן אַ דזשאַב. איך האָב באַמערקט אין אַ געשעפט פון „ווינדאָו־שעידס" אַ „סאַין" (אויפשריפט) אין פענצטער „באָי וואָנטעד" (אַ יינגל ווערט געזוכט). איך בין אַהין אַריין און נאָך אַ קורצן שמועס מיט אייגנטימער האָב איך געקראָגן דעם דזשאַב. איך האָב זיך גלייך געשטעלט אַרבעטן. מען האָט מיך אַרונטערגעפירט אין בעיסמענט (קעלער) פון סטאָר און מיין אויפגאַבע איז געווען צו פּאַקן און שלעפּן שווערע פּעק. איך האָב באַלד איינגעזען, אַז עס איז ניט פאַר מיינע כוחות. איך האָב אָפּגעאַרבעט די וואָך, געקראָגן מיינע שכירות — פינף דאָלער... צו מיין גליק, איז קיין גרענעץ ניט געווען. דאָס זיינען געווען די ערשטע פינף דאָלאַר וואָס איך האָב פאַר־דינט.

איך געדענק, אַז ווען איך בין געקומען אַהיים און דערלאַנגט דעם טאַטן די פינף דאָלאַר, האָט זיך די באַציאונג פון טאַטן צו מיר מיט אַ מאָל געענדערט. ביז דאַן בין איך פאַררעכנט געוואָרן ביי אים און ביי די אַנדערע פאַר אַ „דאַרמאָיעדניק", אומזיסטער פרעסער. איצט אָבער בין שוין געוואָרן אַ פאָלנער מענטש, מיט וועמען מען דאַרף זיך רעכענען...

איך האָב אָבער באַשלאָסן מער זיך ניט צוריקצוקערן צו דעם דזשאַב. צו זיין אָפּגעזונדערט און נאָך דערצו אין אַ בעיסמענט און שלעפּן שווערע באַנדלס, איז פאַר מיר ניט קעווען קיין אידעאַלער דזשאַב און איך בין מער אַהין ניט געגאַנגען.

איך בין ווידער אַרומגעגאַנגען ליידיק, געזוכט אַ דזשאַב, געוואָרן אַ קאָטער ביי קלאָוקס. אויך דאָרט זיך ניט לאַנג געהאַלטן; געוואָרן אַ דרוקער, אָפּגעאַרבעט אַ שטיקל צייט, אָבער איך האָב אויך דאָס אויפ־געגעבן. עפּעס האָב איך געפילט, אַז איך בין ניט צוגעפּאַסט צו אַזעלכע אַרבעטן. איך האָב געשטרעבט צו עפּעס העכערס, צו שענערס, וואָס דאָס איז אַזוינס און ווי אַזוי איך וועל עס דערגרייכן, האָב איך אַליין ניט גע־וואוסט... איך בין באַזעסן געוואָרן פון אַ מין אומרו. איך האָב געפילט, אַז איך ווער צעדריקט צווישן די ווענט פון אַ שאָפּ. איך האָב דורכגעמאַכט אַ מין „ויתרוצצו", אַ געראַנגלעניש אין מיין נשמה.

מיין פאָטער, דער אָפּגעהיטענער פרומער ייד, פלעגט לייענען דעם „אידישן טאָגעבלאַט", וואָס איז געווען אַן אָרטאָדאָקסישע ציייטונג. מיין עלטערער ברודער טאָדרעס לייבקע (לואי), אַן אַרבעטער, איז שוין געווען אונטער דעם איינפלוס פון די ראַדיקאַלע אַרבעטער, די סאָציאַליסטן. ער האָט געלייענט דעם „פאָרווערטס", וואָס האָט געפּרעדיקט „אַרבייטער פון

אַלע לענדער פאַראייניגט אייך!״. די ראַדיקאַלן האָבן דאַן געפירט אַ מלחמה קעגן רעליגיע. זיי האָבן באַטראַכט רעליגיע ווי אַן אָפּיום פאַר די מאַסן... איך האָב דעריבער געלייענט ביידע צייטונגען — סיי דעם אָרטאָדאָקסישן „טאָגעבלאַט״, סיי דעם אַפּיקורסישן „פאָרווערטס״, און צו זיבעצן־אַכצן יאָר בין איך געווען צווישן צוויי וועלטן און אַליין ניט געוואוסט צו וועל־כער וועלט איך געהער... אינסטינקטיוו האָב איך געהאַט אַ רעליגיעזן טריב. איך בין דערצויגן געוואָרן אין אַ פרום הויז. ווי אָרעם מיר זיינען געווען, האָט מען אָבער אָפּגעהיט יידישקייט מיט אַלע פּיטשעווקעס... דאָס וואָס מיינע עלטערן און מיינע מלמדים האָבן אין מיר איינגעפלאַנצט, איז מיט מיר פאַרבליבן...

פון דער צווייטער זייט בין איך מיטגעריסן געוואָרן מיט דער נייער ריכטונג, צו וועלכער די יידישע יוגנט האָט זיך אַריינגעלאָזט. עס איז דאַן געווען דער „דראַנג און שטורם״־פעריאָד פון דער יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון צאַרישן רוסלאַנד, וואו זיי זיינען געווען גייסטיק פאַרשקלאַפט פון דער רעאַקציאָנערער מלוכה פון איין זייט און פון זייערע פאַנאַטיש־פרומע עלטערן פון דער צווייטער זייט. איצט, אַז זיי זיינען אָנגעקומען אין דער פרייער אַמעריקע, וואו זיי האָבן געקענט טאָן וואָס זיי האָבן געוואָלט, האָבן מער ניט קיין מורא געהאַט צו זאָגן אַלץ וואָס זיי האָבן געטראַכט, זיינען זיי ווי פאַרשיכורט געוואָרן פון דער פלוץ־לינגדיקער ענדערונג אין זייער לעבן. זיי האָבן שנעל אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דעם עול פון יידישקייט, פון רעליגיע; זיי האָבן צעריסן די קייטן פון טראַדיציע און מיט גרויס ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג געשאַפן זייער אייגן וועלטל, אַ וועלט פון ראַדיקאַליזם, סאָציאַליזם... אַנדערע זיינען אַוועק נאָך ווייטער... זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט אין הפקרות, אין — צעלאָזנקייט.

אין דער יידישער גאַס האָבן זיך שוין דאַן געלאָזט הערן אַזעלכע באַרימטע אַנאַרכיסטן ווי עמאַ גאָלדמאַן און אַלעקסאַנדער בערקמאַן.. די יוגנט האָט געבראַוזט און רעוואָלטירט קעגן רעאַקציע, קעגן קלעריקאַליזם. די יידישע יוגנט, וואָס איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן מעכטיקן שטראָם פון ראַדיקאַליזם, איז געגאַנגען אַזוי ווייט, אַז אַ סך פון זיי האָבן זיך אַוועק־געלאָזט אויפן וועג פון צו להכעיס טאָן, פון זיך רייצן מיט די פרומע יידן. ביי זיי איז געווען רעכט אַוועקצושטעלן זיך נעבן בית המדרש הגדול אויף דער איסט סאַיד אום פסח מיט אַן איטאַליעניש ברייטל און דאָס קייען פאַר די אויגן פון די יידן, וועלכע פלעגן גיין פון שול. פיל פון זיי פלעגן אַראַנזשירן בעלער פונקט אום יום־כיפור ביינאַכט צו כל נידרי... עס האָט דאַן געהערשט אַ מין צעטומלעניש, אַ בילבול המוחות צווישן דער יידישער יוגנט. איך האָב אָבער געפילט, אַז מיינע בענדער צו יידישקייט זיינען צו שטאַרק, אַז זיי זאָלן זיך אַזוי שנעל צערייסן.

דער נאַציאָנאַלער געפיל איז ביי מיר שטאַרק איינגעוואָרצלט געוואָרן, אַזוי אַז עס האָט ביי מיר קיין רייד ניט געקאָנט זיין איך זאָל צושטיין צו דער באַוועגונג פון סאָציאַליזם, פון בונדיזם, פון אינטערנאַציאָנאַליזם. איך האָב געשטרעבט צו עפעס, וואָס זאָל מיר געבן אמתע באַפרידיקונג. איך האָב געהאַט אַן אויער פאַר געזאַנג, מוזיק, איבערהויפט פאַר חזנות.

איך געדענק, אַז מיין טאַטע האָט מיך איין מאָל מיטגענומען צו הערן דעם באַרימטן חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט, וועלכער האָט געדאַוונט איין שבת אין סטאָון עווענױ תלמוד תורה. צו מיין באַגייסטערונג און אַנטציקונג איז קיין גרענעץ ניט געווען. איך האָב דעמאָלט זיך אָנגערופן צו מיין טאַטן: „דו ווייסט, טאַטע, אַז אָט דער יאָסעלע ראָזענבלאַט וועט נעמען די וועלט מיט שטורם. ער איז איינער פון די גרעסטע חזנים פון אונדזער צייט”. זינט דעמאָלט האָב איך ניט אויפגעהערט צו טראַכטן וועגן יאָסעלע ראָזענבלאַט. איך האָב געהאָפט, אַז איך וועל זיך מיט אים זען פערזענלעך און דורך אים קענען עפעס אויפטאָן אויף דעם געביט פון יידישער ליטורגישער מוזיק.

## קאַפּיטל 10

ווען איך בין אַלט געוואָרן אַכצן יאָר האָב איך געגרינדעט דעם „פּרץ ליטעראַרישן קלוב”. איך האָב גאַנץ שווער געאַרבעט און אין משך פון אַ קורצער צייט האָבן מיר שוין געהאַט אין אונדזער קלוב אַן ערך פון הונדערט מיטגלידער. מיר האָבן געדונגען אַ צימער, וואו מיר פלעגן זיך פאַרזאַמלען פאַר ליטעראַרישע צוועקן. מיר האָבן אַראַנזשירט יידישע קאָנצערטן מיט פאַרוויילונגען. מיר האָבן אויך געקראָגן באַרימטע יידישע פערזענלעכקייטן פון יענער צייט, ווי בנימין פייגענבוים, זאַמעטקין און אַנדערע. מיר האָבן געמאַכט אונטערנעמונגען, וואו פאַרשידענע גרויסע טאַלאַנטן האָבן זיך באַטייליקט און דאָס געלט איז געגאַנגען פאַר די מלחמה־קרבנות.

איך בין געווען דער טשערמאַן פון קלוב און צווישן די מיטגלידער זיינען געווען אַזעלכע באַוואוסטע פערזענלעכקייטן ווי דער פידל־שפּילער מאַקס זאַריצקי און איזראַעל לוצקי, וועלכער איז שפּעטער באַקאַנט געוואָרן אַלס דער „יידישער פילאָזאָף” אויף דער יידישער ראַדיאָ.

אונדזער קלוב איז באַשטאַנען פון מיטגלידער און מיטגלידערינס. מיר פלעגן זיך צוזאַמענקומען אויך צו פאַרברענגען און זיך צו אַמוזירן. מיר פלעגן מאַכן טאַנץ־בעלער, אָבער מיר האָבן געזען, אַז עס זאָל תמיד זיין אַ יידישע סביבה. מיר האָבן געהאַט קליינע פאַרשטעלונגען פון אייגענע אַמאַטאָרן. מיר האָבן פאָרגעשטעלט „אַ שפּאַס חתונה” (מאַק מערידוש), וואו די „כלה” האָט געשפּילט אַ יונגער בחור, און די ראָלע פון „חתן” האָט געשפּילט אַ יונג מיידל...

אַזוי האָבן מיר געגאַסן פון אונדזער קלוב, וואָס איך האָב געגרינדעט, אי גייסטיקע פאַרגעניגנס פון די פאַרשידענע לעקציעס און זיך אַמוזירט פון די פאַרשידענע שפּילערייען און פון טאַנצן.

אין אָט דעם קלוב האָב איך אויך געהאַט מיין ערשטן ראָמאַן. איך בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר ניינצן און אַ מיטגלידערין פון אונדזער קלוב האָט מיטגעבראַכט אירס אַ פריינדין, אַ מיידל לאָמיר זי רופן פאַניע. זי איז געווען אַ רייצנדע שיינהייט — בלאָנדע האָר, בלויע אויגן, אַ געטאָקט נעזל, שלאַנק און גראַציעז. ווען איך האָב זיך מיט איר באַקאַנט און אויף איר אַ קוק געטאָן, בין איך געבליבן אַ פאַרבליפטער... איך האָב נאָך אין מיין לעבן ניט געזען אַזאַ פּרעכטיקע שיינהייט. ווייזט אויס, אַז איך בין איר אויך שטאַרק געפעלן, ווייל זי האָט מיט מיר געטאַנצט די גאַנצע צייט. איך האָב איר געמאַכט אַ קאָמפּלימענט אַז זי טאַנצט אויסערגעוויינ־לעך גוט און זי האָט צוגעשמייכלט און איר שמייכל האָט איר צוגעגעבן נאָך אַ גאָר באַזונדערן חן.

איך האָב מיט איר געמאַכט אַ באַשטעלונג זיך צו טרעפן. זי איז געווען צופרידן און מיר האָבן גענומען גיין צוזאַמען. שפּעטער אָבער, נאָך דעם ווי איך בין מיט איר אויסגעגאַנגען עטלעכע מאָל, האָב איך איינגעזען, אַז זי איז נאַרישעוואַטע און אומוויסנדיק. איך האָב מיט איר גאָרניט געהאַט וואָס צו רעדן. זי האָט מיר דערציילט, אַז זי איז אַ יתומה, אַז זי אַרבעט ערגעץ אין אַ מילינערי־שאַפּ און נאָך אַזעלכע קלייניקייטן. אָבער מער פון דאָס האָט זי ניט געהאַט וואָס צו רעדן. זי האָט נאָך אין איר לעבן קיין בוך ניט געלייענט. זי האָט אַפילו ניט אַריינגעקוקט אין אַ צייטונג, ניט קיין יידישע און ניט קיין ענגלישע...

איך האָב פּרובירט מיט איר רעדן וועגן אינטעלעקטועלע זאַכן און זי האָט אויף מיר געקוקט ווי אַ האָן אין „בני אָדם״... ניט זי האָט געוואוסט פון עפּעס און ניט זי האָט זיך פאַראינטערעסירט צו וויסן פון עפּעס... איך האָב באַשלאָסן, אַז זי איז ניט קיין מיידל פאַר מיר, צו וואָס טויג מיר אַ מיידל מיט אַ שיין פּנים, ווען דער קאָפּ איז פּוסט...

איך האָב זיך געזאָלט מיט איר טרעפן ערגעץ, אָבער איך האָב איר געזאָגט, אַז איך וועל יענעם אָוונט זיין שטאַרק פאַרנומען. איך האָב זי גענומען אויסמיידן און זי האָט אַפילו דורך איר פריינדין, די מיטגלידערין פון אונדזער קלוב, געוואָלט וויסן פאַרוואָס איך קום זי מער ניט זען. אָבער איך האָב איר געזאָגט, אַז איך בין שטאַרק פאַרנומען...

גראָד בין איך שוין גאָרניט געווען פאַרנומען. קיין שטענדיקן דזשאָב האָב איך ניט געהאַט. איך האָב געקראָגן אַ דזשאָב, אָפּגעאַרבעט עטלעכע וואָכן און אים אויפגעגעבן. עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז איך האָב אַפילו קיין רעכטן מאַנטל ניט געהאַט און ווען עס איז געוואָרן קאַלט,

פלעג איך זיין געצוואונגען צו גיין אָן אַ מאַנטל. די מאַמע האָט שוין דאָס ניט געקענט צוזען און זי איז צוגעשטאַנען צום טאַטן, אַז ער זאָל מיר קויפן אַ מאַנטל. נאָך אַ היפשן איינטענהן מיט אים, האָט די מאַמע ביי אים געפועלט. ער איז מיט מיר אַוועק אויף פּיטקין עוועניו און מיר געקויפט אַ נייעם מאַנטל. מיט אָט דעם מאַנטל איז פאַרבונדן אַ שטיקל עפּיזאָד.

די דרעסמעיקערס יוניאָן האָט געהאַט אַ באַל און מיין קוזין אַברהם סטאָלאָף איז צו מיר צוגעשטאַנען, אַז איך זאָל מיט אים גיין אויף יענעם באַל, וואָס האָט באַדאַרפט פאַרקומען.

— ניין, איך וויל צום באַל ניט גיין! — רוף איך זיך אָפּ.

— אָבער פאַרוואָס ניט? — פרעגט מיך מיין קוזין.

— ווייל איך האָב נאָר וואָס געקויפט אַ נייעם מאַנטל.

— טאָ וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט דיין ניט וועלן גיין צום באַל?

— דער באַל וועט דאָך זיין אין זאָל פון היברו עדיוקעישאַנאַל סאָ־סייעטי. איך ווייס, אַז דאָרט איז ניטאָ קיין פּלאַץ וואו צו טשעקן מאַנטלען און איך האָב מורא, אַז מען וועט אַוועקגנבענען מיין מאַנטל.

מיין קוזין סטאָלאָף האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און געזאָגט: „וואָס ביזטו, משוגע? פאַרוואָס זאָל מען דווקא גנבענען דיין מאַנטל?“.

— ווייל מיין מאַנטל איז אַ נייער. מען לייגט אויס די מאַנטלען אויף אַ באַנק און איינעם אויפן אַנדערן און מען קען אים נאָך צוגנבענען...

ער האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט און איז אַוועק אויפן באַל. אויף מאָרגן איז ער צו מיר געקומען אַן אומעטיקער און אַ פאַרטרויערטער. ער האָט זיך צו מיר אָנגערופן: „הערי, דו ביזט דאָך אַ נביא! מען האָט נעכטן אויפן באַל אַוועקגעגנבעט מיין מאַנטל און נאָך צוויי אַנדערע מאַנטלען!...

איך האָב געפילט, אַז ערשט איז מיין צייט צו לאַכן, אָבער איך האָב ניט געלאַכט...

## קאַפּיטל 11

אין תלמוד ווערט געבראַכט, אַז פערציק טעג איידער אַ קינד ווערט געבאָרן, ווערט שוין באַשטימט אין הימל ווער עס איז דער באַשערטער פאַר דער און דער טאָכטער און וועלכעס מיידל איז די באַשערטע פאַר דעם און דעם מאַן. איך גלויב אין באַשערטקייט. פון מיין ערשטן ראָמאַן האָט זיך גאָרניט אויסגעלאָזט, טראָץ דעם וואָס דאָס מיידל איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכע שיינהייט און זי איז געווען פאַרליבט אין מיר. עפּעס האָט מיר דאָס האַרץ געזאָגט, אַז זי איז ניט פאַר מיר, טראָץ דעם וואָס זי האָט מיך געהאַט צוגעצויגן מיט איר שיינקייט. איך האָב זי דעריבער אָפּגעלאָזן... איך האָב עס געקענט דורכפירן, ווייל זי איז ניט געווען מיין באַשערטע...

דאָס צווייטע מיידל, מיט וועמען איך האָב זיך באַקאַנט, האָב איך געפילט, אַז איך ראָמאַנסיר מיט מיין באַשערטער. איך האָב זי צום ערשטן מאָל דערזען אין אונדזער קלוב־זאַל. זי האָט געטאַנצט מיט אַ צווייט מיידל, עטוואָס נידעריקער פון איר. איך בין דאָרט געווען צוזאַמען מיט מיין קוזין אייבי סטאָלאָף. מיר האָבן באַטראַכט די טאַנצנדיקע פּאָר מיידלעך. דאַן רופט איך זיך אָפּ צו מיין קוזין:

— זעסטו, יענע צוויי מיידלעך, וועלכע טאַנצן צוזאַמען. לאָמיר צוגיין צו זיי און מיר וועלן זיי איינלאַדן צום נעקסטן טאַנץ. זיי זיינען ביידע גאַנץ שיינע מיידלעך...

— און וואָס וועט זיין אויב זיי וועלן אונדז אָנטזאָגן? — פרעגט מיך מיין קוזין.

— פאַרוואָס זאָלן זיי אונדז אָנטזאָגן? — ענטפער איך מיט אַ פראַגע אויף זיין פראַגע. — און טאָמער יאָ, טאָ וואָס וועלן מיר פאַרלירן? לאָמיר צוגיין צו זיי. דו וועסט איינלאַדן די קלענערע, און איך וועל בעטן די גרעסערע צו טאַנצן מיט מיר.

מיר האָבן זיך אָנגענומען מיט מוט און צוגעגאַנגען צו די מיידלעך. איך האָב זיך גלייך געווענדעט צו דעם גרעסערן מיידל און זי געפרעגט אויב זי האָט ניט דאַקעגן צו טאַנצן מיט מיר. „מיט פאַרגעניגן!" — ענטפערט זי מיר. דאַן האָט מיין קוזין געפרעגט דער קלענערער און אויך זי איז געווען צופרידן צו האָבן אַ טאַנץ־פּאַרטנער פון אַנדערן געשלעכט.

איך האָב געטאַנצט מיט מיין מיידל און איך האָב געפילט, אַז מיט יעדער רגע ווער איך צוגעצויגן צו איר. איך האָב איר קאָמפּלימענטירט, אַז זי טאַנצט וואונדערלעך און זי האָט מיר געזאָגט, אַז אויך איך טאַנץ זייער גוט. איר פריינטלעכקייט און צוגעלאָזנקייט האָבן מיר געגעבן מער מוט און איך האָב איר געבעטן זי זאָל מיר דערלויבן זי צו באַגלייטן אַהיים. זי האָט געוואוינט אין אָסבאָרן סטריט, אין בראַנזוויל. מיר האָבן שפּאַצירט לאַנגזאַם און איך האָב איר געלאָזט רעדן. זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי איז אַ בוכהאַלטערין. איך האָב פאַרשטאַנען פון אירע רייד, אַז איר מוטער איז אַן אַלמנה און אַז זי האַלט זי אויס.

איך, פון מיין זייט האָב, האָט געהאַט איר ווינציק וואָס צו דערציילן. איך בין דאַן אַרומגעגאַנגען ליידיק, איך האָב ניט געהאַט קיין פּאָסטן. איך האָב דאַן בלויז געהאַט חלומות, איך האָב פאַנטאַזירט פון גרויסע אונטער־נעמונגען, איך האָב געהאַט אַמביציעס צו ווערן אַן אימפּרעסאַריאָ, איך בין געווען פאַראינטערעסירט אין קונסט, אין געזאַנג און אין מוזיק. אָבער דערווייל בין איך געבליבן מיט מיינע טרוימערייען... איך האָב אַפילו ניט געטראַכט פון האַלטן זיך ביי אַן אַרבעט. איך האָב טאַקע ניט געהאַט מיט וואָס זיך צו באַרימען. איך האָב געטראַכט: וואָס זאָל איך מיין באַגלייטערין זאָגן ווען זי וועט מיך פרעגן וואָס איך טו?...

זי איז אָבער געווען זייער טאַקטפול. פון מיין שווייגן האָט זי פאַר־

שטאַנען, אַז איך בין אַרבעטסלאָז און זי האָט מיט מיר אַפילו ניט גערעדט וועגן דעם. איך האָב זי געפרעגט ווען איך וועל קענען האָבן דעם פּאַר־געניגן זי צו זען נאָך אַ מאָל. זי האָט געשמייכלט און מיר געענטפערט, אַז זי וועט זיין צופרידן מיך צו זען צו יעדער צייט.

ווי באַלד איך האָב ניט געהאַט קיין דזשאָב, האָב איך ניט געהאַט קיין געלט אויסצוגעמען אַ מיידל. אָבער זי האָט שוין געזען איך זאָל ניט פאַרשעמט ווערן. זי האָט גאָרניט פאַרלאַנגט. זי האָט מיך איינגעלאַדן צו איר מוטער אין הויז. די ערשטע זאַך וואָס איר מוטער האָט מיך געפרעגט איז — וואָס איך טו און צי איך האָב אַ דזשאָב.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב איר געזאָגט דעם אמת, אַז איך בין צייטווייליק ניט אויף קיין דזשאָב, אָבער איך טראָג זיך אַרום מיט פאַר־שידענע פּלענער וואָס איך גלייב, אַז דאָס וועט מיט דער צייט ברענגען גוטע רעזולטאַטן...

— מיט פּלענער אַליין קען מען ניט צאָלן קיין דירה־געלט, מען קען ניט קויפן אין גראָסערי אָדער ביים בוטשער — רופט זיך אָן איר מאַמע צו מיר. — אַ יונגערמאַן דאַרף פריער קומען צו אַ תכלית און נאָך דעם טראַכטן וועגן אַ מיידל...

נאָך איר לעקציע, וואָס זי האָט מיר געגעבן, בין איך געבליבן זיצן ווי אָן אָפּגעשמיסענער איך האָב איינגעזען, אַז זי האָט רעכט... אָבער איך בין פאַרט צוגעצויגן געוואָרן צו דעם מיידל, וועלכע האָט מיך פאַרטיידיקט. זי האָט געזאָגט איר מוטער, אַז איך בין אַלרייט, אַז איך בין אַמביציעז און זי האָט צוטרוי צו מיר, אַז איך וועל גוט מאַכן...

איר מוטער אָבער איז נאָך אַלץ ניט געווען צופרידן; זי האָט גענומען דערציילן, אַז זי קומט פון גרויסן יחוס און אַז רייכע יונגע לייט זיינען געווען פאַראינטערעסירט אין איר טאָכטער און זי האָט מיר געגעבן אָנ־צוהערן, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער פאַר מיר און פאַר איר טאָכטער, ווען איך וועל זי צו רו לאָזן.

מיין מיידל, מיס ב., האָט איינגעזען, אַז זי וועט גאָר ניט קענען פּועלן ביי איר מוטער, וועלכע האָט גאַנץ ווינציק געהאַלטן פון מיר און דעריבער האָט זי מיך געבראַכט צו איר עלטערער שוועסטערס הויז. זי האָט מיך פאַר איר פאַרגעשטעלט און ווי עס ווייזט אויס האָב איך אויף איר געמאַכט אַ גוטן איינדרוק. ביידע שוועסטער האָבן צווישן זיך געשושקעט און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז זיי שושקען זיך וועגן מיר.

שפּעטער האָט מיר מיס א. דערציילט, אַז איר שוועסטער האָט איר צוגעזאָגט צו רעדן מיט זייער מוטער און זען צו געווינען זי אויף מיין זייט. זי האָט טאַקע גערעדט מיט דער מוטער און מיך שטאַרק געלויבט פאַר איר. זי האָט איר געזאָגט, אַז איך בין זייער אַ פיינער ערלעכער בחור און אַז איך וועל מיט דער צייט זיין גאַנץ דערפאָלגרייך.

ווען איך בין געקומען אַ צווייט מאָל צו איר מוטער אין הויז, האָט זי מיך שוין אויפגענומען אַ סך פריינדלעכער. אין אַ קורצער צייט אַרום זיינען מיר געוואָרן פאַרקנסט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר האָבן אָפּגעלייגט אונדזער חתונה אויף אַן אומבאַשטימטער צייט, ווייל איך האָב קיין פּעני ביי דער נשמה ניט געהאַט. ווען איך האָב יאָ געאַרבעט פאַר אַ קורצער צייט, פלעג איך מיינע פאַרדינסטן אָפּגעבן אין הויז. אָבער די מערסטע צייט בין איך אַרומגעגאַנגען אָן אַ דזשאָב. אַלץ וואָס איך האָב געהאַט זיינען געווען פאַנטאַזיעס. אָבער מיין כלה האָט פון מיר גאָרניט פאַרלאַנגט... זי האָט געהאַט פולן צוטרוי, אַז איך וועל גוט מאַכן און זי איז געווען געניג טאַקטפול ניט אָנצורירן די פראַגע פון פרנסה...

## קאַפּיטל 12

זייענדיק פאַרליבט אין מיין כלה, האָב איך איצט געקראָגן אַ סך מער אַמביציע. איך האָב געטראַכט ווי אַזוי דורכצופירן מיינע פּלענער, מיט וועלכע איך האָב זיך אַרומגעטראָגן. אין יענער צייט, אין 1920, האָט זיך געטומלט אין דער יידישער וועלט וועגן דעם קאָלאָסאַלן דערפאָלג פון חזן הערשמאַן, וועלכער האָט געגומען ניו־יאָרק מיט שטורם סיי מיט זיין חזנות ביים עמוד און סיי מיט זיינע קאָנצערטן. דאַן איז מיר איינגעפאַלן, אַז איך זאָל אַנגאַזשירן חזן הערשמאַן פאַר אַ קאָנצערט, אַ מעריב און ספירה.

צוצוקומען דאַן צו חזן הערשמאַן איז געווען פאַרבונדן מיט שוועריקייטן, אָבער איך האָב עס באַוויזן. איך בין צו אים געקומען און פאָרגעשלאָגן, אַז ער זאָל דאַווענען אַ וואָכעדיקן מעריב, ציילן ספירה און דאַן געבן אַ קאָנצערט. איך האָב אים געציילגט, אַז איך בין טשערמאַן פון דעם פּרץ ליטעראַרישן קלוב און אַז איך בין פאַרטרויענסווערט. איך האָב אים איבערגעצייגט, אַז דער קאָנצערט וועט זיין אַ דערפאָלג. ער האָט איינגעשטימט און מיר האָבן געחתמעט אַ קאָנטראַקט פאַר 1,500 דאָלאַר צו געבן אַ קאָנצערט מיט אַ צוגאָב פון אַ מעריב און ספירה־ציילן.

אַ גליקלעכער, מיטן קאָנטראַקט אין מיין קעשענע, האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב צונויפגעזאַמלט אויפן סמך פון קאָנטראַקט פינף הונדערט דאָלאַר און זיך גענומען צו דרוקן בילעטן און פלוגבלעטלעך, אין וועלכע איך האָב געלויבט דעם „וועלט־באַרימטן חזן" מרדכי הערשמאַן און וועגן דעם גרויסן, גראַנדיעזן קאָנצערט, וואָס וועט פאָרקומען אין שול פון דער חברה אַנשי ספרד אין באָראָ פּאַרק, וואו חזן הערשמאַן וועט דאַווענען מעריב, ציילן ספירה און זינגען פאַרשידענע יידישע פאָלקס־לידער.

איך האָב געגעבן דעם קאָנצערט אַ סך פּובליסיטי און מען איז געקומען קויפן טיקעטס פאַרן קאָנצערט. די פרייזן זיינען געווען צוויי דאָלאַר,

דריי דאָלאַר און פינף דאָלאַר. די צוויי און דריי דאָלאַרדיקע טיקעטס האָבן זיך שנעל פאַרקויפט, די פינף דאָלאַרדיקע אָבער האָבן זיך ניט אַזוי גוט פאַרקויפט. איך און די אַנדערע, וועלכע האָבן מיר אַרויסגעהאָלפן, האָבן אין די לעצטע טעג פון קאָנצערט באַשלאָסן צו פאַרקויפן די פינף דאָלאַרדיקע טיקעטס פאַר דריי דאָלער. דאָס האָט געהאָלפן און מיר האָבן אויספאַרקויפט כמעט אַלע בילעטן.

אָט איז שוין געקומען דער טאָג פון קאָנצערט. איך בין געווען אין זיבעטן הימל פון גליק. די הכנסה וואָס דער באַשטימטער קאָנצערט האָט אַריינגעבראַכט פון די טיקעטס, איז ניט נאָר געווען גענוג צו באַצאָלן דעם חזן הערשמאַן די פופצן הונדערט דאָלאַר לויט אונדזער קאָנטראַקט, נאָר עס האָט אויך געדעקט די אַלע אויסגאָבן פון די טיקעטס און פאַר דער פובליסיטי און עס איז נאָך געבליבן אַ היפשער פראָפיט פאַר מיר.

אָט איז שוין נאָך האַלבן טאָג. איך בין געשטאַנען ביי אַ קליין פענצ־טערל און געהאַלטן ביים פאַרקויפן די לעצטע פאַרבליבענע פינף דאָלאַרדיקע טיקעטס פאַר דריי דאָלאַר, ווען פלוצלונג קומט צו מיר צו אַ יונגער מאַן און זאָגט מיר, אַז ער איז געשיקט געוואָרן פון חזן הערשמאַן מיר צו לאָזן וויסן, אַז ער וועט ניט קענען קומען צום קאָנצערט.

— וואָס מיינט עס?! — רוף איך אויס — וואָס הייסט ער וועט ניט קומען! אַלץ איז דאָך שוין גרייט... אַלע טיקעטס זיינען אויספאַרקויפט, איך האָב דאָך אַ קאָנטראַקט!

— חזן הערשמאַן איז פלוצלונג קראַנק געוואָרן און ער קען ניט קומען זינגען!

— מיין גאָט! — האָב איך אויסגערופן — וואָס זאָל איך איצט טאָן? מען וועט דאָך מיר ניט וועלן גלויבן. מען וועט זאָגן, אַז איך האָב דורך פאַלשע אויסריידן אויסגענאַרט דאָס געלט ביים עולם. זאָל חזן הערשמאַן זיך באַווייזן אין שול פאַרן עולם. זאָל ער אַליין זאָגן צו די פאַרזאַמלטע, אַז ער איז הייזעריק און דורך דעם אַרונטערנעמען די שולד פון מיר.

— איך קען ניר גאָרניט זאָגן — רופט אויס יענער יונגערמאַן — איך בין בלויז אַ שליח פון חזן הערשמאַן, ווייטער וויס איך גאָרניט!

איך בין שוין אַליין גלייך אַוועקגעלאָפן צום חזן הערשמאַן אין הויז. איך האָב אָנגעקלאַפט אין טיר און מען האָט מיך געהייסן אַריינקומען. איך האָב געקענט שווערן, אַז דאָס איז געווען הערשמאַנס שטים, וואָס האָט געזאָגט: „קומט אַריין!‟. אָבער ווען ער האָט מיך דערזען, האָט ער גע־נומען רעדן מיט אַ הייזעריקער שטים.

— וואָס הער איך, אַז איר ווילט ברעכן דעם קאָנטראַקט און ניט קומען געבן דעם קאָנצערט אין אַנשי ספרד שול? — פרעג איך אים.

— וואָס קען איך טאָן, אַז איך בין פלוצלינג הייזעריק געוואָרן! — רופט אויס הערשמאַן מיט אַ הייזעריק געמאַכטער שטים.

חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט



חזן מרדכי הערשמאַן

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן ? — רוף איך זיך אָן — איך האָב געהאַט אַ סך הוצאות און מיר האָבן אויספאַרקויפט כמעט אַלע פּלעצער פאַרן קאָנצערט. איך וועל דאָך אומגליקלעך ווערן !

— אָבער עס איז אויך ניט מיין שולד — זאָגט הערשמאַן מיט דער זעלבער געקינצלטער הייזעריקייט — איר קענט דאָך ניט דערוואַרטן, אַז איך זאָל קומען זינגען מיט אַ הייזעריקער שטים...

— אויב אַזוי וועט איר אַמווייניקסטן זיך מוזן באַווייזן אין שול און אַליין רעדן צום עולם און זאָלן זיי הערן פון אייער מויל, אַז איר זענט הייזעריק, אויב ניט וועט מען מיך נאָך לינטשן...

— עס פּאַסירט גאַנץ אָפט, אַז אַ חזן קען ניט קומען צו זיין קאָנצערט צוליב הייזעריקייט — דערהער איך נאָך אַ שטים.

איך האָב זיך גענומען צוקוקן און איך האָב דערזען, אַז דאָס רעדט הערשמאַנס דיריגענט.

— חזן הערשמאַן, — רוף איך זיך אָן — איר וועט מוזן צוקומען און מאַכן אַ דערקלערונג פאַרן פּובליקום, אויב ניט וועל איך רואינירט ווערן.

— נו, גוט, איך וועל צוקומען. אָבער איר האָט זיך ניט וואָס צו ריכטן אויף אַ קאָנצערט !

שפּעטער האָב איך אויסגעפונען, אַז דער דיריגענט איז געווען בייז אויף מיר, וואָס איך האָב זיך פריער ניט געווענדעט צו אים, אַז ער זאָל דיריגירן דעם קאָנצערט פאַרן חזן הערשמאַן. דעריבער האָט ער אים

געװאָלט. געקומען איבעררעדן, אַז ער זאָל ניט געבן דעם קאָנצערט; ער האָט אים געזאָגט, אַז ניט נאָר װעט מען פון אים דערװאַרטן דעם קאָנצערט, נאָר ער װעט דאַרפן טאָן דריי זאַכן: דאַװנען מעריב, ציילן ספירה און זינגען לידער — אַלץ פאַר פופצן הונדערט דאָלאַר. הערשמאַן האָט זיך צוגע־הערט צו אים און ער האָט באַשלאָסן ניט צו קומען צום קאָנצערט זינגען. ער איז אָבער געקומען און מיט דער זעלבער געקינצלטער הייזעריקייט דערקלערט, אַז ער איז קראַנק.

איך בין געצװאונגען געװען אומצוקערן דאָס גאַנצע געלט צום עולם און צו די װעלכע האָבן געקױפט די פינף דאָלאַרדיקע טיקעטס פאַר דריי דאָלאַר, האָב איך געמוזט זיי צוריקגעבן פינף דאָלאַר. איך בין פון יענעם קאָנצערט אַרױסגעקומען מיט אַ פאַרלוסט פון עטלעכע הונדערט דאָלאַר, װאָס איך האָב געמוזט באָרגן אַלץ גוט צו מאַכן...

## קאַפּיטל 13

די ביטערע דערפאַרונג, װאָס איך האָב געהאַט מיט חזן הערשמאַנס קאָנצערט האָט מיך שטאַרק אַנטמוטיקט. איך בין אַרומגעגאַנגען אַ דער־שלאָגענער, פול מיט ייאוש און פאַרצװייפלונג. איך בין געבליבן אַ בעל־חוב און איך האָב באַדאַרפט טראַכטן װי אַזױ צו קריגן געלט אָפּצוצאָלן אַלע מיינע חובות. אױסער דעם זיינען געפאַלן פיילן מיט שטעכװערטלעך, װאָס זיינען געצילט געװאָרן קעגן מיר. מיין צוקונפטיקע שװיגער, װעלכע האָט געהאַט אירע צװייפלען װעגן מיר, װעגן מיינע פעאיקייטן צו מאַכן אַ לעבן און עס איז קוים געלונגען גאָסין, מיין כלה, און איר שװעסטער *) דאָרע, די מוטער פון היי בראַון, צו קריגן זייער מוטערס צושטימונג צו אונדזערע תנאים (ענגעידזשמענט), איז שױן מער װי פריער געװען זיכער, אַז איך בין אַ „לא יוצלח" און אַז איך װעל קיין מאָל ניט מאַכן קיין לעבן.

מיין כלה גאָסי, אָבער, האָט מיך געטרייסט. זי האָט מיר געזאָגט, אַז דער פאַקט װאָס מיר איז געלונגען צוזאַמענצושטעלן אַזאַ קאָנצערט און צו פאַראינטערעסירן אַזױ פיל מענטשן און אײַינגעקראָגן אַזױ פיל געלט, װאָס האָט געדעקט די אַלע הוצאות און עס זיינען פאַרבליבן עטלעכע הונ־דערט דאָלאַר פּראָפיט, איז אַ באַװייז, אַז איך בין פעאיק... עס איז דאָך ניט געװען מיין שולד, װאָס דער חזן הערשמאַן האָט חרטה געקראָגן די לעצטע מינוט און ער האָט אַלץ רואינירט...

גאָסיס רייד האָבן מיך געטרייסט און דערמוטיקט. איך האָב איינגעזען, אַז זי רעדט זייער לאָגיש. עס איז דאָך טאַקע ניט מיין שולד. איך האָב דאָך באַװיזן װאָס איך קען טאָן. װען חזן הערשמאַן װאָלט מיך ניט פאַר־פירט, װאָלט דאָך מיין אונטערנעמונג געקרוינט געװאָרן מיט דערפאָלג...

*) דאָרע בראַון די מוטער פון היימען בראַון דער פּראָדוסער.

איך האָב דעריבער קורץ נאָך מיין דורכפאַל מיט חזן הערשמאַן געגומען טראַכטן פון אַן אַנדער חזן און דאָס איז פון חזן יאָסעלע ראָזענ־בלאַט. ווי איך האָב שוין געהאַט באַמערקט פריער, האָב איך אַלס יינגל געהאַט געהערט יאָסעלע ראָזענבלאַט אין סטאָון עוועניו תלמוד תורה און איך האָב דאַן שוין באַמערקט צו מיין פאָטער, אַז דער חזן יאָסעלע ראָזענ־בלאַט וועט נעמען די וועלט מיט שטורם... זינט דאַן האָב איך ניט אויפ־געהערט צו טראַכטן פון זיין באַצויבערנדער שטים... אויך איצט האָב איך געגומען טראַכטן פון יאָסעלע ראָזענבלאַט. ווי וואונדערבאַר עס וואָלט געווען ווען איך קען אַראַנזשירן אַ קאָנצערט מיט דעם וועלט־באַרימטן חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט.

איך האָב זיך דורכגערעדט מיט גאָסין, און זי האָט מיך צוגערעדט. זי האָט מיר געגעבן מוט און אַפילו צוגעזאָגט צו העלפן קריגן אַ ביסל געלט, כדי דאָס דורכצופירן. וואָס מער איך האָב געטראַכט פון דעם, אַלץ גרעסער איז געוואָרן מיין באַגייסטערונג פאַר דעם געדאַנק זיך צו זען מיט יאָסעלע ראָזענבלאַט און אים פאָרשלאָגן צו געבן אַ קאָנצערט. איך האָב געגומען זיך נאָכפרעגן צו וועמען מען דאַרף זיך ווענדן, כדי זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אים. מען האָט מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף זיך ווענדן צו דער וואולפסאָהן מיוזיקאַל ביוראָ, ווייל דאָס איז די איידזשענסי פאַר יאָסעלע ראָזענבלאַט. איך בין גלייך אַוועק אַהין און איך האָב זיך פאַרגע־שטעלט פאַר דעם מר. וואולפסאָהן און אים געזאָגט, אַז איך וויל אַראַנ־זשירן אַ קאָנצערט פאַר יאָסעלע ראָזענבלאַט אין דעם גרויסן סטעידיום טעאַטער, וואָס ציילט ביז צוויי טויזנט זיץ־פּלעצער.

ער האָט מיך אויסגעהערט און דאַן האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף גאַראַנטירן ראָזענבלאַטן 1,250 דאָלאַר. ווען איך וועל דאָס טאָן וועט ער שוין זען רעדן מיט אים. איך האָב איינגעזען, אַז דאָס איז פאַר מיר אַ צו טייערער ביסן. ווי אַזוי קען איך אים גאַראַנטירן אַזאַ סומע געלט, אַי־בערהויפּט קורץ נאָך דעם ווי איך האָב זיך אָפּגעבריט מיט חזן הערשמאַן.

איך בין אַוועק אַהיים אַן אַנטוישטער. איך האָב אָבער ניט אויפ־געגעבן דעם געדאַנק צו אַראַנזשירן אַ קאָנצערט פון יאָסעלע ראָזענבלאַט. איך האָב געגומען טראַכטן פאַרוואָס זאָל איך אַליין ניט רעדן מיט יאָסעלע ראָזענבלאַטן? איך האָב שוין געהערט, אַז ער איז זייער אַן ערלעכער, מילדער און באַשיידענער מענטש. איך וועל מאַכן אַ פאַרזוך זיך צו זען מיט אים... וואָס וועל איך פאַרלירן?

די פראַגע איז ווי אַזוי וועל איך קענען צוקומען צו אים? ער איז דאָך אַזאַ פאַרנומענער מענטש און צענדליקער מענטשן זוכן זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אים. איך האָב באַשלאָסן אַוועקצוגיין אין שול, וואו ער דאַוונט יעדן טאָג און מיט אים רעדן. איך בין געווען זיכער, אַז ווען איך וועל צו אים צוקומען און זיך פאָרשטעלן, וועט ער מיט מיר רעדן.

אַזוי איז געווען. איך האָב אויסגעפונען וואו יאָסעלע ראָזענבלאַט דאַוונט און איך בין אַהין אַוועקגעגאַנגען מיט מיינע תפילין און ווען איך האָב אים דערזען, האָב איך אָנגעטאָן מיינע תפילין און געדאַוונט. ווע מען איז פאַר־טיק געוואָרן מיטן דאַוונען, בין איך צו אים צוגעגאַנגען, געוואַרט ביז וואַנען ער וועט צונויפלייגן זיין טלית און תפילין. איך האָב אים דאַן געגעבן „שלום עליכם" און זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט:

— איך האָב אַ בקשה צו אייך — רוף איך זיך אָפּ צו אים — און איך האָף, אַז איר וועט אויף מיר קיין פאַראיבל ניט האָבן, וואָס איך באַ־לעסטיק אייך און איר וועט מיך אויסהערן.

— איך וועל זיין צופרידן אייך אויסצוהערן — האָט ער צו מיר גע־זאָגט — קומט, לאָמיר צוגיין צו מיין היים.

מיט זיין וואַרעמקייט און פריינדלעכקייט האָב איך שוין גענומען פילן אַ נאָענטקייט צו אים. איך האָב אים באַגלייט ביז זיין היים. איך האָב אים איבערגעגעבן מיין דערפאַרונג מיט חזן מרדכי הערשמאַן. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אים ניט געזאָגט, אַז הערשמאַן האָט געבראָכן זיין קאָנטראַקט, נאָר אַז עס איז געווען אַ צופאַל וואָס ער איז מיט אַ מאָל הייזעריק געוואָרן און איך האָב געהאַט גרויס שאָדן. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב אין דעם אַריינגעלייגט אַ סך געלט און מי און אַלץ איז אַוועק לאיבוד...

ראָזענבלאַט האָט אַרויסגעוויזן צו מיר אַ סך מיטגעפיל. דאָס האָט מיך נאָך מער דערמוטיקט און איך האָב גענומען רעדן מיט אים וועגן מיין פּלאַן צו אַראַנזשירן אַ קאָנצערט פון אים פאַר די בראָנזווילער יידן אין דעם גרויסן זאַל פון דעם סטאַדיום טעאַטער. איך האָב אים דערקלערט ווי גליקלעך די בראָנזווילער יידן וואָלטן זיך געשעצט ווען זיי קענען קומען הערן זייער באַליבטן חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט.

— קומט אַריין צו מיר אין הויז און מיר וועלן רעדן וועגן דעם — רופט זיך אָפּ יאָסעלע ראָזענבלאַט צו מיר.

איך בין מיט אים אַריין אין זיין שיין הויז און ער האָט מיך פאַר־בעטן אַריינצוקומען אין זיין צימער. ער האָט מיך געבעטן זיך זעצן און איך האָב אים דערציילט דעם גאַנצן אמת, אַז איך האָב שוין זיך געהאַט געזען מיט וואולפסאָהנען אין זיין מיוזיקעל ביוראָ און ער האָט געפאָדערט אַ גאַראַנטיע פאַר 1,250 דאָלאַר, אָבער דאָס איז אונטער די אומשטענדן אוממעגלעך... חזן ראָזענבלאַט איז געזעסן און אויסגעהערט אַלץ וואָס איך האָב געהאַט אים צו זאָגן. ער האָט גוטמוטיק צוגעשמייכלט און ער האָט זיך צו מיר אָנגערופן:

— איך בין וויליק צו געבן אַ קאָנצערט אין בראָנזוויל. וועגן געלט דאַרפט איר ניט זאָרגן. איך וועל נעמען פון אייך בלויז 750 דאָלאַר...

— אָ, איך דאַנק אייך, חזן ראָזענבלאַט! — האָב איך געדריקט זיין

האַנט — איך וועל גלייך אָנהויבן די אַרבעט. אָבער אייער אידזשענט וועט ניט זיין דאַקעגן? — פרעג איך.

— וועגן דעם האָט איר ניט וואָס צו זאָרגן. איך וועל אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט מיט אייך און מיר וועלן באַשטימען אַן אָוונט און מיט גאָטס הילף וועל איך דאָרט זיין און געבן אַ קאָנצערט פאַר מיינע בראָנזווילער ברידער.

מיר האָבן אויסגעאַרבעט אַ קאָנטראַקט. יאָסעלע ראָזענבלאַט האָט זיך אונטערגעשריבן און דאַן האָב איך זיך אונטערגעשריבן. מיר האָבן באַשטימט דעם קאָנצערט אויף אַ וואָכעדיקן אָוונט, אין זעקס חדשים אַרום.

אַ גליקלעכער, מיטן קאָנטראַקט אין מיין קעשענע, בין איך אַוועק אַהיים. גאָסי איז געווען די ערשטע, וועמען איך האָב באַוויזן יאָסעלע ראָזענבלאַטס קאָנטראַקט. איך האָב איר דערקלערט וואָס דאָס מיינט פאַר מיר. איך האָב איר אויך איבערגעגעבן ווי אַזוי איך האָב עס אויסגעמאַרקירט זיך צו זען מיט אים און ווי פריינדלעך ער האָט מיך אויפגענומען.

איך האָב זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. מיטן קאָנטראַקט אין האַנט בין איך אַוועק צום פאַרוואַלטער פון זאַל פון סטאַדיום טעאַטער און געדונגען דעם זאַל פון אים פאַר יענעם אָוונט פאַר 500 דאָלאַר. איך האָב גלייך אַנאָנסירט אין דער לאָקאַלער בראָנזווילער צייטונג וועגן ראָזענבלאַטס קאָנצערט, וואָס איז דאַן געווען אַ זייער וויכטיקע געשעעניש פאַר גאַנץ בראָנזוויל. איך האָב אויף דעם סמך פון קאָנטראַקט געקראָגן צו לייען געלט פון פריינד און באַקאַנטע. איך האָב אויך גענומען אַן אַרויסהעלפער און מיר האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב געלאָזט דרוקן בילעטן לויט די נומערן פון די זיץ־פּלעצער. איך האָב אויך געלאָזט דרוקן פלוג־בלעטלעך, אין וועלכע איך האָב געלאָזט וויסן וועגן דער גרויסער סענסאַציע, וואָס דער גרעסטער חזן אין דער וועלט, יאָסעלע ראָזענבלאַט, וועט אָפּגעבן קאָנצערט אין דעם גרויסן זאַל פון סטאַדיום טעאַטער.

גאַנצע זעקס חדשים האָב איך געאַרבעט זייער שווער צוצוגרייטן דעם קאָנצערט. די טיקעטס האָבן זיך שנעל פאַרקויפט. איך האָב שוין געוואוסט פון דערפאַרונג, אַז ווען מען קריגט אַ גרויסן סטאַר פאַר אַ קאָנצערט, דאַרף מען האָבן קלענערע טאַלאַנטן, וועלכע זאָלן אונטערהאַלטן דעם עולם ביז וואַנען דער הויפּט־סטאַר הייבט אָן זיין קאָנצערט. איך האָב דעריבער געקראָגן אַ יינגן וויאָליניסט, מאַקסימיליאַן ראָוז, צו שפּילן עטלעכע סעלעקשאַנס אויפן פידל.

אָט האָט זיך דערנענטערט דער טאָג פון קאָנצערט. עס זיינען פאַרבליבן אַ קליינע צאָל טיקעטס, וואָס זיינען שנעל אויספאַרקויפט געוואָרן. מיט אַ טאָג פריער האָב איך זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט ראָזענבלאַטן, ווי איך וואָלט געוואָלט זיין פאַרזיכערט, אַז ער פילט גוט און אַז דער קאָנצערט וועט פאַרקומען ווי געפּלאַנט...

אין אָוונט פון קאָנצערט בין איך מיט מיין כלה גאָסי געקומען נאָך האַלבן טאָג און זיך געשטעלט ביי דער קאַסע. עס זיינען געקומען פיל מענטשן און זיך נאָכגעפרעגט צי מען קען נאָך קריגן בילעטן. דער גאַנצער זאַל איז אָנגעפולט געוואָרן. גאָסי, איר מוטער, שוועסטער און איר שוואָגער זיינען געזעסן אויבן אָן, אין דער ערשטער ריי. איך האָב זיך געפונען הינטער די קוליסן. איך האָב געזען אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג... דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן פונקט אַכט אַזייגער, ווי מיר האָבן אַנאָנסירט. פריער האָט מאַקסימיליאַן ראָוז געשפילט עטלעכע נומערן. יעדע רגע בין איך אַרויס פון הינטער די קוליסן אויסצוגעפינען צי יאָסעלע ראָזענבלאַט איז שוין אָנגעקומען. מיין האַרץ איז אָנגעפולט געוואָרן מיט פרייד, ווען איך האָב אים דערזען, זיין דירגענט מיטן כאָר זיינען שוין אויך געווען. איך בין אַרויף אויף דער בינע און אַנאָנסירט, אַז דער חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט הייבט אָן זיין קאָנצערט. דער זאַל האָט אָפּגעהילכט מיט שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן היפּשע עטלעכע מינוט.

עס איז איבעריק פאַר מיר צו באַשרייבן די באַגייסטערטע אויפנאַמע, וואָס ראָזענבלאַטס זינגען האָט געקראָגן ביים פּובליקום. ער האָט ממש אַלעמען געהאַלטן פאַרכישופט און די אַפּלאָדיסמענטן האָבן ניט אויפגעהערט. מיט איין וואָרט, דער קאָנצערט איז געווען אַ קאָלאָסאַלער דערפאָלג סיי גייסטיק סיי פינאַנציעל. נאָך דעם ווי איך האָב באַצאָלט ראָזענבלאַטן און נאָכן אַרונטעררעכענען אַלע הוצאות, וואָס איך האָב געהאַט, איז מיר דאַן פאַרבליבן דריי טויזנט דאָלאַר ריינער פּראָפיט...

ניט נאָר בין איך שוין געוואָרן אַ פינאַנציעלער דערפאָלג, נאָר פון דאַן אָן האָט מען זיך שוין מיט מיר גענומען רעכענען. דאָס האָט געמיינט, אַז איך בין שוין אויפן וועג... אַפילו ביי מיין צוקונפטיקער שוויגער בין איך שוין ניט מער געווען דער „לא יוצלח". מען האָט שוין אויף מיר געקוקט אַנדערש... עס איז געווען אַ ריזיקע אונטערנעמונג און איך האָב אַלץ אַליין דורכגעפירט. מען האָט מיך געלויבט פון אַלע זייטן...

זינט דאַן פלעג איך גאַנץ אָפט אַריינקומען צו יאָסעלע ראָזענבלאַטן אין הויז. ער פלעגט מיט מיר פאַרברענגען און מיר דערציילן פאַרשידענע אַנעקדאָטן פון זיין לעבן. ער איז געווען זייער פרום און ער האָט מיר דערציילט ווי אַזוי ער איז בייגעשטאַנען דעם נסיון, ווען דער דירעקטאָר פון דער שיקאַגער אָפּערע האָט אים אָנגעבאָטן צו זינגען די ראָל פון אליעזר אין דער אָפּערע „די יידין". ער האָט אים אַפילו געזאָגט, אַז ער וועט ניט דאַרפן אויפטרעטן אין דער אָפּערע אום שבת און אַז ער וועט אַפילו זיין באָרד ניט דאַרפן אַרונטערנעמען אָדער פאַרקירצן. ער האָט אים אָנגעבאָטן דריי טויזנט דאָלאַר בלויז פאַר איין אויפטריט. אָבער ער, יאָסעלע, האָט אים געזאָגט, אַז ער וועט ניט קענען אָננעמען דעם אָנבאָט

אָן דער צושטימונג פון זיין קהלה און ער איז זיכער, אַז מען וועט דאָרט זיין דאַקעגן.

ער האָט מיר אויך דערציילט פון אַ צווייטן נסיון, נאָך אַ גרעסערן, וואָס ער איז בייגעשטאַנען, און דאָס איז געווען ווען אַ ניו־יאָרקער פילם־קאָמפּאַני האָט אים אָנגעבאָטן הונדערט טויזנט דאָלאַר ער זאָל זיך לאָזן פילמירן אין טלית און קיטל, זינגענדיק „כל נידרי". ער האָט זיך אָבער אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז עס איז אַ חילול השם צו מאַכן אַ שפּיל פון אַזאַ הייליקער תפילה ווי „כל נידרי"...

קורץ נאָכן קאָנצערט האָט מיין כלהס משפחה גענומען רעדן וועגן חתונה. לאַנג האָבן מיר שוין ניט געוואַרט. גאָסי און איך האָבן חתונה געהאַט. פאַר די דריי טויזנט דאָלאַר, וואָס איך האָב פאַרדינט פון קאָנצערט, האָבן מיר אויסמעבלירט אַ שיינע היים. מיר האָבן אויסגעגעבן דאָס גאַנצע געלט אויף מעבל און אַנדערע זאַכן און אויף מאָרגן נאָך דער חתונה האָבן מיר אַפילו ניט געהאַט קיין געלט אויף פרישטיק... אָבער מיר זיינען געווען גליקלעך. איך האָב געוואוסט, אַז איך דאַרף מער ניט זאָרגן, מיין דערפאָלג אין לעבן איז געזיכערט...

## קאַפּיטל 14

קורץ נאָך אונדזער חתונה האָב איך זיך נאָך אַלץ געמאַטערט צו מאַכן אַ לעבן. אָבער דאָס האָט ניט אָפּגעשוואַכט מיין אינטערעס אין מוזיק און אין געזאַנג. דער געדאַנק צו ווערן אַן אימפּרעסאַריאָ האָט מיך ניט אָפּגעלאָזן. דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס איך האָב געהאַט מיטן קאָנצערט פון יאָסעלע ראָזענבלאַט, האָט מיך נאָך מער דערמוטיקט. איך האָב ליב געהאַט צו הערן גרויסע באַרימטע זינגער און שפּילער.

אין יענער צייט האָט זיך אין דער מוזיקאַלישער וועלט געטומלט מיט דעם גרעסטן און באַרימטסטן זינגער ענריקאָ קאַרוזאָ, וועלכער האָט מיט זיין גאָלדענער אָפּערעטישער טענאָר־שטימע גענומען די וועלט מיט שטורעם, און ער איז טאַקע געקרוינט געוואָרן אַלס דער איטאַליענישער טענאָר־קעניג. פאַר אַכצן יאָר האָט ער געשפּילט אין ניו־יאָרק מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע הויז און איך האָב שטאַרק נאָכגעפאָלגט די אַנטציקונג און באַגייסטערונג פון די מוזיק קריטיקערס. איך האָב גענומען חלומען פון דער צייט ווען איך וועל האָבן די מעגלעכקייט צו קויפן אַ בילעט אין דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע און הערן דעם אויסערגעווייינלעכן, וואונדערלעכן זינגער ענריקאָ קאַרוזאָ פּערזענלעך.

אָבער אין יענער צייט איז דאָס ביי מיר ווירקלעך געווען בלויז אַ חלום. די מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע הויז פלעגט אָנגעפילט ווערן פון מיליאָנערן, פון באַרימטע קינסטלער און בלויז אַ באַגרענעצטע צאָל בילעטן האָט מען געקענט קריגן צו קויפן. אָבער די פרייזן פון די בילעטן זיינען

ניט געווען דאָן פאַר מיין קעשענע. דער בילעקסטער בילעט איז געווען אַכט דאָלאַר. עס זיינען אויך געווען בילעטן פאַר שטיין אויף דער גאַלערי, אָבער יענע בילעטן פלעגן אויספאַרקויפט ווערן לאַנג אין פאָראויס... אויף אַזאַ אופן בין איך געבליבן ביי מיין חלום און ניט געקענט האָפן אויף דער מעגלעכקייט ווען עס איז צו קענען הערן אין דער אָפּערע דעם גרעסטן זינגער.

איין מאָל האָב איך געליענט אין אַ צייטונג, אַז דער סטיידזש־מענע־דזשער פון דער „מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע הויז" האָט אַדווערטייזט, אַז ער ברויכט יונגע מענער און פרויען פאַר מאַסן־סצענעס, וואָס מען האָט אָנגערופן „סטאַטועןּ". די וועלכע וועלן אָנגענומען ווערן, וועלן זיך ניט נאָר באַטייליקן אין די „מאָב־סצענעס", נאָר זיי וועלן קענען פאַרבלייבן צו זען און הערן די גאַנצע אָפּערע און דערצו נאָך קריגן אַ דאָלאַר צי צווי.

איך האָב געטראַכט, אַז אויב איך וועל אָנגענומען ווערן אַלס „סטאַ־טוע", וועל איך דאָך מיין חלום צו קענען הערן קאַרוזאָן אין מעטראָפּאָלי־טאַן אָפּערע הויז פאַרווירקלעכן...

אויף מאָרגן גאַנץ פרי בין איך אַוועק צום מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע הויז. איך האָב שוין דאָרט געפונען אַ היפּשע ריי פון יונגע לייט און מיידלעך, וועלכע האָבן געוואָרט זיך צו רעגיסטרירן אַלס „סטאַטועןּ". מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ בין איך געשטאַנען און געוואָרט אויף מיין ריי אַריינ־גערופן צו ווערן. איך האָב געקענט מערקן, אַז פיל פון די וועלכע זיינען אַריינגעקומען אין אָפיס פון סטיידזש־מענעדזשער, זיינען אַרויסגעקומען אַנטוישטע. מען האָט זיי אויסגעבראַקירט. ענדלעך האָט מען מיך אַריינגע־רופן. דער סטיידזש־מענעדזשער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס. איך זע, אַז ער ווענדעט זיך צו זיין געהילף און יענער טוט אַ שאָקל מיטן קאָפּ אויף יאָ. דאַן פאַרשרייבט ער מיין נאָמען און מיין אַדרעס און ער זאָגט מיר אָן, אַז איך זאָל צוקומען אַ נאָך מיטאָג, כדי אונדז אַלעמען צו זאָגן וואָס מיר דאַרפן טאָן אין די „מאָב־סצענעס".

קיין גליקלעכער פון מיר, דוכט זיך, איז דאַן ניט געווען אין גאַנץ ניו־יאָרק. אַ קלייניקייט, איך וועל האָבן אַזאַ גלענצנדע געלעגנהייט צו הערן דעם גרעסטן אָפּערע־זינגער ענריקאָ קאַרוזאָ אין דער אָפּערע. איך האָב אויסגעפונען, אַז די אָפּערע וואָס מען וועט דאַן שפּילן הייסט „סאַמסאָן ענד דעליילאַ" (שמשון און דלילה). דאָס האָט מיך נאָך שטאַרקער פאַר־אינטריגירט.

איך בין געקומען אַהיים פול מיט באַגייסטערונג. איך האָב גלייך איבערגעגעבן גאָסין, מיין יונגער ווייבל, וועגן דעם גרויסן גליק, וואָס מיך האָט געטראָפן.

— שטעל זיך פאָר, סוויטהאַרט, — זאָג איך צו איר — ניט נאָר וועל איך קענען הערן קאַרוזאָן, נאָר איך וועל זיך פּשוט באַטייליקן אין דער

אָפּערע אַלס איינער פון המון. יעדער איינער פון אונדז וועט קריגן אַ מין כאַלאַט, כדי עס זאָל אויסקומען, אַז מיר זיינען די מאַסן פון יענער צייט.

— אפשר וואָלסטו געקענט קריגן אויך פאַר מיר אַ „פּעס״? — רופט זיך אָפּ גאָסי צו מיר.

— איך וועל פּרובירן! — ענטפער איך און מיינע אויגן צעלויכטן זיך פון גליק. — דו ווייסט וואָס נאָך איך האָב געהערט פון די אַנדערע אַנגענומענע „סטאַטוען״? זיי האָבן גערעדט, אַז די וועלכע קענען אויס־לייגן געלט צו קויפן בילעטן פאַר דעם אָוונט, קענען גוט פאַרדינען. מען זאָגט, אַז עס זיינען נאָך פאַרבליבן אַ צאָל בילעטן. איך גלויב, אַז ווען איך וועל צוקומען פאַר דעם „ריהוירסל״ פון דער מאַסן־סצענע, וועל איך איינ־האַנדלען צוויי בילעטן און אין אָוונט פון דער אָפּערע וועל איך די בילעטן פאַרקויפן און דערצו פאַרדינען עטלעכע דאָלער...

איך האָב געליען ביי מיינעם אַ פריינד צוואַנציק דאָלאַר און איידער איך בין אַריינגעקומען צום „ריהוירסל״ האָב איך געקויפט צוויי בילעטן צו אַכט דאָלאַר אַ בילעט. איינער פון די אַנדערע „סטאַטועס״ האָט מיר גע־זאָגט, אַז אין אָוונט פון דער אָפּערע וועל איך קענען קריגן פינף און צוואַנציק דאָלאַר פאַר יעדן פון די אַכט דאָלארדיקע בילעטן.

מיט די צוויי בילעטן אין מיין קעשענע בין איך אַריינגעקומען צו דעם „ריהוירסל״ פון דער מאַסן־סצענע. מען האָט אונדז געהייסן אָנטאָן די כאַלאַטן, כדי צו פאַרשטעלן אונדזערע מאָדערנע קליידונג. מען האָט אויך געזאָגט, אַז מיר וועלן שטיין גאַנץ ווייט אין הינטערגרונט פון דער בינע. אַלץ וואָס מיר וועלן דאַרפן טאָן איז — טומלען...

מען האָט אונדז געהייסן קומען אַ שעה פריער איידער דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף. מען האָט יעדן פון אונדז געגעבן אַ „פּעס״, אַז מיר זאָלן קיין שום שוועריקייטן ניט האָבן אַריינצוקומען יענעם אָוונט אין טעאַטער. איך בין צוגעקומען צום סטייג־מענעדזשער און אים געזאָגט, אַז איך האָב נאָר וואָס געהייראַט און איך וואָלט געוואָלט קריגן אַ „פּעס״ אויך פאַר מיין פרוי, מעג אַפילו זיין אַ „סטענדינג רום״ אויף דער גאַליאַרקע.

— גוט, — האָט ער מיר געענטפערט — ווען דו וועסט צוקומען מיט עטלעכע מינוט פריער, וועל איך דיר געבן אַ „פּעס״ פאַר דיין פרוי.

איך האָב זיך קוים דערוואַרט צו קומען אַהיים און אָנזאָגן די גליקלעכע בשורה צו גאָסין. מיר ביידע זיינען געווען גליקלעך און צופרידן. מיר האָבן זיך געגרייט צו יענעם אָוונט.

— מיר וועלן אַוועקגיין צו דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע הויז גאַנץ פרי, צוויי שעה פאַרן פאָרהאַנג. פריער וועל איך פאַרקויפן די צוויי בילעטן און דאַן וועל איך אַריינקומען צום סטייג־מענעדזשער און פון אים קריגן אַ „פּעס״ פאַר דיר, און נאָך דעם וועל איך זיך צוריקקערן און זיך אָנשליסן אין דער „מאָב״־סצענע...

מיר האָבן זיך אויסגעפּוצט, גענומען די סאָבוועי און צוגעפאָרן צו דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע הויז. אין לאָבי פון דער אָפּערע האָט גע־שווימלט און געגריבלט מיט מענטשן. עס זיינען געווען רייען ביי דער קאַסע.

— דו זעסט, גאָסי, דאַרלינג, — רוף איך זיך אָפּ צו מיין פרוי — איך וועל שוין ניט האָבן קיין שום שוועריקייטן צו פאַרקויפן די בילעטן. די קאַסע האָט שוין אַרויסגעשטעלט אַ סיין „סאָלד אַוט״ און עס איז פאַרבליבן בלויז „סטענדינג רום״. איצט איז מיין ריי צו פאַרקויפן די צוויי בילעטן און כאַפּן אַ פאַרדינסטל פון זיי... הלוואי וואָלט איך געקענט באַ־הויפּטן זיך איינצושאַפן מער טיקעטס, וואָלט איך שוין גוט פאַרדינט.

איך האַלט אַן אויג אויף דער קאַסע. איך זע ווי מענטשן קוקן אויף דער קאַסע, ווי זיי וואָלטן געווען אַנטוישט וואָס זיי קענען ניט קריגן קיין בילעטן. איך גיי צו צו איינעם און ציי אים מיינע בילעטן און איך פרעג אים צי ער וואָלט וועלן זיי קויפן.

— וויפל פאַרלאַנגסטו פאַר זיי? — פרעגט ער מיך.

— פינף און צוואַנציק דאָלאר אַ בילעט! — זאָג איך.

יענער האָט זיך פון מיר אויסגעלאַכט און איז אַוועק. איך האָב באַלד איינגעזען, אַז פינף און צוואַנציק דאָלאַר פאַר אַן אַכט דאָלאַרדיקן בילעט איז טאַקע אַ ביסל צו פיל. אמת, איינער פון די אָפּטע באַזוכער אין דער אָפּערע האָט מיר געזאָגט, אַז מען צאָלט אַזעלכע הויכע פרייזן ווען מען נייטיקט זיך אין אַ בילעט און מען קען ניט קריגן ביי דער קאַסע. אָבער עס איז פאָרט צו פיל, איך האָב גלייך אַרונטערגעלאָזט פינף דאָלאַר פון פרייז. איך האָב אָנגעבאָטן נאָך אַ פּראָספּעקטיוון קויפער, אָבער אויך יענער האָט זיך פון מיר אָפּגעקערט. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין לאָבי אַ האַלבע שעה און דערווייל האָב איך נאָך ניט באַוויזן צו פאַראינטערעסירן אימיצן ער זאָל ביי מיר קויפן די צוויי בילעטן. אימיצער האָט מיר אָנגע־באָטן די זעלבע אַכט דאָלאַר וואָס איך האָב באַצאָלט, אָבער איך האָב אָפּילו ניט געוואָלט הערן פון דעם.

דערווייל ווערט שוין שפּעט. אָט אין עטלעכע מינוט אַרום וועל איך דאָך דאַרפן אַריינגיין הינטער די קוליסן אַלס „סטאַטוע״ און אויך קריגן דעם „פעס״, וואָס דער סטיידזש־מענעדזשער האָט מיר צוגעזאָגט פאַר מיין פרוי. איך האָב שוין פאַרלאַנגט בלויז צען דאָלאַר פאַר אַ בילעט, אָבער אָן דערפאָלג.

— איך האָב מורא, אַז איך וועל מוזן פאַרקויפן די בילעטן פאַרן קאָסט־פּרייז — זאָג איך צו מיין פרוי.

איך האָב געפונען אַ פּאָר מענטשן, וועלכע האָבן געוואָלט קויפן טי־קעטס און איך צייג זיי מיינע צוויי טיקעטס.

איך קען היינט ניט נוצן די טיקעטס — רוף איך זיך אָן צו איינעם

— און אויב איר ווילט קענט איר זיי ביי מיר אָפּקויפן.

— וויפיל ווילט איר פאַר זיי?

— צען דאָלאַר אַ טיקעט!

— פינף דאָלאַר אַ טיקעט גיב איך אייך!

— איר ווילט, אַז איך זאָל נאָך דערלייגן צו די טיקעטס?! — ווער איך שוין אויפגעבראַכט צוליב זיין חוצפּה.

איך זע, אַז עס ווערט שוין גאָר שפּעט. איך דאַרף קומען הינטערן סטיידזש פּונקט זיבן אַזייגער און אָט איז שוין פינף מינוט נאָך זיבן... אָבער איך קען דאָך ניט פאַרלירן דאָס געלט פון די טיקעטס. איך לויף אַרום הין און צוריק. קיינער וויל זיי ביי מיר ניט קויפן. איך דערזע דעם מאַן, וועלכער האָט מיר אָנגעבאָטן פינף דאָלאַר. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און געזאָגט, אַז איך וועל אים אָוועקגעבן די טיקעטס פאַר זיבן דאָלאַר. ער דינגט זיך מיט מיר, ער באָט מיר אָן זעקס דאָלאַר... איך זע, אַז די צייט לויפט, נעם איך שוין ביי אים צוועלף דאָלאַר פאַר די טיקעטס, וואָס האָבן מיך געקאָסט זעכצן דאָלאַר. איך מאַך אָפּ מיט מיין פרוי, אַז זי זאָל וואַרטן אין לאָבי פון דער מעטראָפּאָליטאַן ביז וואַנען איך וועל אַרויסקומען. אויב איך וועל ניט אַרויסקומען אין אַ האַלבער שעה אַרום, איז אַ באַווייז, אַז איך האָב ביי דעם סטיידזש-מענעדזשער ניט געקראָגן דעם „פּעס״ פאַר איר און זי וועט דאַרפן פאָרן אַהיים אַליין.

איך לויף שנעל מיט מיין „פּעס״ אין האַנט הינטערן סטיידזש. איך צייג מיין „פּעס״ צו דעם „סטיידזש דאָרמען״. ער שאָקלט מיטן קאָפּ און זאָגט: „טו לעיט!״ (צו שפּעט).

— אָבער איך בין דאָך אַ „סטאַטוע״ — טענה איך צו אים. — דער סטיידזש-מענעדזשער וואַרט דאָך אויף מיר!

— דער סטיידזש-מענעדזשער האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז די וועלכע וועלן קומען נאָך זיבן אַזייגער, זאָל איך ניט אַריינלאָזן. אומזיסט איז דיין וואַרטן, דו וועסט שוין ניט קענען אַריינקומען.

איך בין געבליבן שטיין פאַרווירט און דערשלאָגן... ניט איך וועל זיך קענען באַטייליקן אַלס „סטאַטוע״, ניט איך וועל קריגן אַ „פּעס״ פאַר מיין פרוי און דערצו האָב איך צוגעלייגט צו די בילעטן, וואָס איך האָב געקויפט פאַר ספּעקולאַציע.

דאָס איז פאַר מיר געווען אַ שרעקלעכער קלאַפּ. מיין חלום צו הערן קאַרוזאָן זינגען אין דער אָפּערע איז אינגאַנצן אויסגערונען געוואָרן...

מיין פרוי האָט מיך געטרייסט און געזאָגט, אַז איך זאָל זיך ניט נעמען צום האַרצן. איך אָבער האָב זיך געפילט שטאַרק אַנטוישט און פאַרביטערט.

מיין פרוי האָט פאָרגעשלאָגן, אַז ווי באַלד מיר זיינען שוין יאָ אויף בראָדוועי, טאָ זאָלן מיר אַריינגיין זען אַ מואווי. מיר האָבן דאַן געזען די מואווי „דהי האַנטשבעק אָוו נאָטערדאַם״, מיט לאָין טשעיני אַלס הויפּט-

סטאַר. פאַרנדיק אַהיים פון דער מואווי האָב איך זיך שוין געפילט אין אַ בעסערער שטימונג און איך האָב זיך אָנגערופן צו מיין פרוי: „מיין איצטיקע דערפאַרונג דערמאָנט מיך אָן אַ מעשהלע, וואָס איך האָב אַ מאָל געהערט: אַן אָרעמער פויער איז אַ מאָל געגאַנגען אין פעלד, ער האָט פון ווייטן דערזען אַ האָז, האָט זיך אין אים צעשפּילט זיין פאַנטאַזיע. ער האָט געזאָגט: 'אָט וועל איך כאַפּן דעם האָז, איך וועל פאַרקויפן זיין פעל און קויפן אַ האָן און אַ הון, זיי וועלן לייגן אייער, די אייער וועלן זיך אויס־בריען, וועל איך האָבן אַ סך הינער און הענער. איך וועל דאַן פאַרקויפן די הינער און פאַרן געלט וועל איך קויפן אַ חזיר. זי וועט האָבן אַ סך חזירימלעך און וועל זיי פאַרקויפן און זיך קויפן פאַרן געלט אַ קו. די קו וועט מיר געבן מילך. איך וועל מאַכן קעז און פּוטער און דאָס פאַרקויפן און איך וועל פון דעם רייך ווערן. דער פויער איז געוואָרן אַזוי באַגייס־טערט פון דעם, אַז פון גרויס פרייד האָט ער אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט. דער האָז האָט זיך דערשראָקן און איז אַנטלאָפן און דער פויער איז געבליבן ביי זיין אָרעמקייט'".

מיין פרוי האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט פון דעם משל און איך האָב מיט איר מיטגעלאַכט...

## קאַפּיטל 15

טראָץ דעם, וואָס מיין דורכפאַל אין דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע הויז, וואו איך האָב געהאַט אַזאַ גלענצנדע געלעגנהייט צו קענען הערן דעם גרעסטן זינגער קארוזאָ, און דורך מיין אייגענער שולד דאָס פאַרלאָרן, האָב איך נאָכגעפאָלגט אין די צייטונגען אַלץ וואָס מען האָט דאָרט געשריבן וועגן די גרויסע זינגער, אַרטיסטן און קינסטלער.

איך האָב אויסגעפונען, אַז דער דעמאָלסטיקער יונגער אימפּרעסאַריאָ סאָל היוראָק האָט אַריבערגעבראַכט קיין אַמעריקע די גרעסטע און באַ־רימטסטע קינסטלער פון אייראָפּע און איך האָב באַשלאָסן זיך מיט אים צו באַקענען און לערנען פון אים די טעכניק ווי אַזוי ער פירט דאָס דורך און האָט אַזאַ גלענצנדן דערפאָלג.

האָבנדיק צו מיין קרעדיט דעם דערפאָלגרייכן קאָנצערט פון יאָסעלע ראָזענבלאַט, האָב איך זיך געפילט ווי אַ שטיקל מחותן צו אים. איך האָב זיך מיט אים באַקענט און גענומען רעדן מיט אים וועגן די אויסערגעוויינ־לעכע גרויסע טאַלאַנטן, וואָס ער ברענגט אַריבער און מאַכט דעם גרעסטן דערפאָלג. די קאָנצערטן, וואָס ער פלעגט אַראַנזשירן, זיינען דורכגעפירט געוואָרן אין היפּאָדראָם. היוראָק האָט פשוט קאָנטראָלירט דעם היפּאָדראָם.

איין טאָג לייען איך אין די צייטונגען, אַז סאָל יוראָק האָט אַריבער־געבראַכט קיין ניו־יאָרק דעם וועלט־באַרימטן זינגער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש שאַליאַפּין. איך האָב נאָכגעפאָלגט מיט גרויס אינטערעס די קאָנצערטן,

וואָס ער האָט אָפּגעגעבן און די פיל לויב־געזאַנגען, וואָס ער האָט געקראָגן אין דער פּרעסע פון די מוזיק־קריטיקערס. איך האָב זיך דאַן געטראַכט: אויב שאַליאַפּין איז אַזוי דערפאָלגרייך אין ניו־יאָרק, וואָלט ער דאָך געווען פונקט אַזוי דערפאָלגרייך אויב איך קען אים אַריינקריגן צו געבן אַ קאָנצערט פאַר די איינוואוינער פון בראַנזוויל און איסט ניו־יאָרק.

איך האָב גלייך אויסגערעכנט וואָס זיינען אַ קאָנצערט קען אַריינברענגען, ווען איך גיב אים די ריכטיקע פּובליסיטי. איך האָב געטראַכט, אַז אויב איך וועל קענען דינגען פאַר אַ וואָכנדיקן אָוונט דעם פּרעמיער טעאַטער אויף סאָטער עוועניו און הינסדעיל סטריט, וואָס פאַרמאָגט 3,200 זיץ־פּלעצער און אויספאַרקויפן אַלע פּלעצער, וואָלט איך ניט נאָר געקענט מאַכן אַ ריזיקן פּראָפיט, נאָר מיין פּרעסטיזש אַלס אימפּרעסאַריאָ וואָלט געשטיגן. איך האָב זיך ניט געפוילט און אַוועק צו סאָל היוראָק מיט אַ פאָרשלאַג, אַז ער זאָל מיר דערלויבן צו אַנגאַזשירן שאַליאַפּינען פאַר אַ וואָכעדיקן אָוונט, ער זאָל געבן קאָנצערט פאַר דעם פּובליקום פון בראַנזוויל און איסט ניו־יאָרק.

— איך בין זיכער, אַז ניט איר און ניט שאַליאַפּין וועלן צו דעם דערלייגן — רוף איך זיך אָן צו אים — איך וועל זען אים געבן אַ סך פּובליסיטי...

— איך וויל פאַר דעם 3,500 דאָלאַר! — זאָגט מיר היוראָק.

— איך בין צופרידן דאָס צו באַצאָלן! — רוף איך זיך אָן.

היוראָק האָט מיך אָפּגעמאָסטן מיט זיינע בליקן. אַ לייכטער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיינע ליפּן און ער האָט זיך אָנגערופן צו מיר:

— וועט איר מיר קענען גאַראַנטירן די פינף און דרייסיק הונדערט דאָלאַר?

— איך גאַראַנטיר אייך, אַז אַ וואָך פאַרן קאָנצערט וועל איך האָבן דאָס געלט אַריינצולייגן אין באַנק פאַר אים צו קריגן עס נאָך דעם ווי ער וועט אָפּגעבן דעם קאָנצערט ווי מיר וועלן האָבן אָפּגעמאַכט.

— און וואָס וועט זיין, אַז איר וועט ניט קענען צושטעלן דאָס גאַנצע געלט? — פרעגט ער מיך.

— וועט ער דאָך אַלץ איינס גאָרניט האָבן וואָס צו פאַרלירן. די פּובליסיטי וועט ער האָבן געקראָגן, שאַליאַפּינס בילד און נאָמען וועלן זיין אויף די אַפּישן, וואָס וועלן אויסגעקלעפּט ווערן איבער גאַנץ בראַנזוויל און איסט ניו־יאָרק. אין די צייטונגען וועלן זיין אַדווערטייזמענטס און נאָטיצן וועגן זיין קאָנצערט. אויב איך וועל ניט צושטעלן די גאַנצע סומע געלט אַ וואָך פאַרן קאָנצערט, וועט ער האָבן אַ רעכט ניט צו קומען צום קאָנצערט. איך וועל זיין דער פאַרלירער און ניט ער...

— גוט, איך וועל זיך דורכרעדן מיט שאַליאַפּינען — האָט היוראָק



פיאָדאָר שאַליאַפּין

ראָזע ראַיסאַ

איזראַ קרעמער

הערי דעל

צו מיר געזאָגט — און אויב ער וועט איינשטימען, וועלן מיר שרייבן אַ קאָנטראַקט. איך וועל אייך לאָזן וויסן אין אַ פּאָר טעג אַרום.

איך האָב געוואַרט אַ וואָך צייט און איך האָב פון אים ניט געהערט. איך האָב פּרובירט זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אים טעלעפאָניש. אָבער אָן דערפאָלג. כ'האָב זיך ניט געפוילט און כ'בין אַריבערגעפאָרן צו זיין אָפיס. ער האָט מיר געזאָגט, אַז שאַליאַפּין קווענקלט זיך. ער וויל פריער פון אַלץ וויסן וואָס פאַר אַ טעאַטער דאָס איז, וויפיל פּלעצער ער האָט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל קריגן דעם גרויסן „פּרעמיער"־טעאַטער מיט צוויי און דרייסיק הונדערט פּלעצער.

— ברענגט מיר אַ קאָנטראַקט מיטן טעאַטער, אַז איר וועט אים קריגן אויף אַ געוויסן וואָכעדיקן אָוונט — זאָגט היוראָק צו מיר.

— ווי אַזוי קען איך אייך ברענגען אַזאַ קאָנטראַקט איידער איך קען צייגן דעם מענעדזשער פון „פּרעמיער"־טעאַטער, אַז שאַליאַפּין וועט דאָרט אָפּגעבן קאָנצערט?

— גוט, קומט מאָרגן אַהער אין דער צייט. שאַליאַפּין וועט דאָ זיין. איך וועל אים פאַר אייך פאָרשטעלן און דאַן וועלן מיר אונטערשרייבן אַ קאָנטראַקט.

איך בין געקומען פונקט אין צייט און איך האָב דאָרט געטראָפן שאַ־ליאַפּינען. היוראָק האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר אים און שאַליאַפּין האָט וואַרעם געדריקט מיין האַנט. שוין מיט דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט אים, האָב איך דערפילט זיין פריינדלעכקייט. ער האָט גערעדט אַ געבראָ־כענעם ענגליש, אָבער איך האָב אים געקענט גאַנץ גוט פאַרשטיין.

איך האָב געהאַט מיטגענומען מיט זיך די אַלע אויסשניטן פון די צייטונגען, מיט די פילע נאָטיצן און אַדווערטייזמענטס פון דעם באַרימטן יאָסעלע ראָזענבלאַט און איך האָב אים דאָס געצייגט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער האָט געהערט פון ראָזענבלאַטן, אַז ער האָט זיינע עטלעכע רע־קאָרדס... איך האָב זיך געוואונדערט ווי אַזוי אַזאַ טאַלאַנטפולער, וועלט־באַרימטער זינגער ווי שאַליאַפּין זאָל זיך פאַראינטערעסירן אין די חזנות־געזאַנגען פון יאָסעלע ראָזענבלאַט. ער האָט אים שטאַרק געלויבט און געזאָגט, אַז ער האָט זעלטן ווען געהערט אַזאַ קרעפטיקן, זיסן לירישן טענאָר (שאַליאַפּין איז באַרימט געווען מיט זיין באַסאָווער שטים). איך בין געווען אַנטציקט צו הערן פון אַ גוי, אַ רוס, אַזעלכע לויב־געזאַנגען פאַר אַ חזן. שאַליאַפּין האָט אַרויסגעוויזן אַ סך באַקאַנטשאַפט און באַ־האַוונטקייט אין דעם יידישן ליטורגישן טראַדיציאָנעלן געזאַנג. דאָס האָט מיך נאָך מער צוגעצויגן צו אים.

איך האָב געקענט מערקן, אַז ער האָט צוטרוי צו מיר און אַז איך האָב אויף אים געמאַכט אַ גוטן איינדרוק.

מיר האָבן פאַרבראַכט אַ היפּשע ווײַלע. מיר האָבן געשמועסט וועגן

די פאַרשיידענע גרויסע קינסטלער און טאַלאַנטפולע זינגער, און איך האָב אַרויסגעוויזן מיין ערודיציע אויף דעם געביט.

היוראָק האָט דאַן אַרויסגענומען פון שופלאַד דעם קאָנטראַקט און מיר געגעבן איינעם. ער האָט אויך דערלאַנגט איינעם צו שאַליאַפּינען. אָבער ער האָט אַפּילו ניט אַריינגעקוקט אין אים. ווייזט אויס, אַז ער האָט זיך אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף זיין אימפּרעסאַריאָ סאָל היוראָק. איך האָב דורכ־געלייענט דעם קאָנטראַקט און אים געזאָגט, אַז עס איז צופרידנשטעלנד. איך האָב זיך באַלד אונטערגעשריבן. שאַליאַפּין האָט מיך נאָכגעפאָלגט און נאָך אים האָט זיך אונטערגעשריבן היוראָק. דאָס זעלבע האָבן מיר געטאָן מיט די אַנדערע צוויי קאָנטראַקטן.

דעם דאַטום פון קאָנצערט האָבן מיר דערוויילן ניט אויסגעפּילט, ווייל מיר האָבן דאָך ניט געקענט זיין זיכער צי יענער אָוונט וועט זיין פריי אין טעאַטער. אין קאָנטראַקט איז געווען אַריינגעשריבן, אַז איך דאַרף האָבן די גאַנצע סומע פון 3,500 דאָלאַר, וואָס דאַרף גאַראַנטירט ווערן פון אַ באַנק, אַז שאַליאַפּין וועט עס קריגן גלייך נאָך זיין קאָנצערט. איך בין געווען אַזוי זיכער מיט אַ גרויסן דערפאָלק, אַז איך האָב אויף אַ רגע ניט געטראַכט פון אַ מעגלעכן דורכפאַל.

איך האָב זיך גע׳זעגנט מיט שאַליאַפּינען און אים באַדאַנקט פאַר האָבן פולן צוטרוי צו מיר. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל זיך זען מיט אים פון צייט צו צייט און אים לאָזן וויסן וויפל פּראָגרעס איך מאַך מיטן קאָנ־צערט. אין קאָנטראַקט איז אויך געווען פאַרשריבן, אַז דער קאָנצערט וועט מוזן געגעבן ווערן ניט שפּעטער ווי אין זעקס חדשים אַרום. איך בין געווען זיכער, אַז אין משך פון זעקס חדשים וועל איך באַווייזן אויסצופאַרקויפן אַלע פּלעצער פון „פּרעמיער״־טעאַטער.

מיט דעם קאָנטראַקט אין קעשענע בין איך גלייך אַוועק צום מענע־דזשער פון דעם „פּרעמיער״־טעאַטער. איך האָב אים געוויזן דעם קאָנטראַקט און איך האָב מיט אים גענומען פאַרהאַנדלען. דער קאָנטראַקט מיט דער אונטערשריפט פון שאַליאַפּינען האָט אויף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק ער האָט גלייך געקראָגן צוטרוי צו מיר. דאָס איז געווען סוף אויגוסט. ער האָט גענומען אַריינקוקן אין דעם קאַלענדאַר און ער האָט מיר געזאָגט, אַז דעם צווייטן מיטוואָך פון חודש יאַנואַר איז דער אָוונט פריי. איצט האָבן מיר זיך גענומען דינגען. ער האָט פאַרלאַנגט טויזנט דאָלאַר רענט פאַר דעם אָוונט. איך האָב פּרובירט עפּעס אַראָפּדינגען, אָבער עס איז ניט גע־גאַנגען. ווייזט אויס, אַז ער האָט פאַרשטאַנען, אַז איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט און ער איז געבליבן ביי זיין פּרייז. איך האָב צוגעשטימט און ער האָט פון מיר פאַרלאַנגט צען פּראָצענט, דאָס הייסט הונדערט דאָלאַר אַן אַדערויף. איך האָב אים געבעטן ער זאָל צוּוואַרטן. ער האָט איינגעשטימט צו וואַרטן אַ פּאָר וואָכן און איך בין דערוויילן אַרומגעגאַנגען זוכן גמילת

חסדים פון באַקאַנטע און פריינד. איך האָב זיי געצייגט דעם קאָנטראַקט און דאָס האָט געווירקט ווי אַ כישוף... איך האָב געפילט, אַז מען קוקט אויף מיר מיט צוטרוי. עפּעס אַ קלייניקייט, אַ קאָנטראַקט מיט שאַליאַפּינען...

איך האָב אויף אַזאַ אופן געקראָגן אַ היפּשן קרעדיט. פריער פון אַלץ האָב איך צוגעטראָגן צום מענעדזשער פון טעאַטער די הונדערט דאָלאַר אַלס אַן אַדערויף, און ערשט דאַן האָב איך פון אים געקראָגן דעם קאָנטראַקט, אַז דער גאַנצער „פּרעמיער"-טעאַטער ווערט פאַרדונגען צו מיר פאַר אַ קאָנצערט פון שאַליאַפּינען. איצט בין איך שוין געווען טאָפּלט פאַרזיכערט און איך האָב זיך גענומען צו דער אַרבעט.

איך האָב גלייך באַשטעלט דרוקן בילעטן. דער פּרייז פון די בילעטן איז געווען פון 1 דאָלאַר ביז 3.50 פאַר אַ פּלאַץ. איך האָב געלאָזט דרוקן פליג-בלעטלעך אין וועלכע איך האָב געריממט דעם גרויסן וועלט-זינגער שאַליאַפּין. עס זיינען פאַראיבער עטלעכע טעג און עס איז געוואָרן אַ נאָכפראַגע אויף טיקעטס. איך האָב באַלד געזען, אַז מיין דערפאָלג איז געזיכערט. די ביליגערע טיקעטס זיינען אויספאַרקויפט געוואָרן אין משך פון עטלעכע וואָכן צייט. איך האָב שוין געהאַט גענוג געלט אַריינצושטעלן גרויסע אַדווערטייזמענטס אין די יידישע צייטונגען. איך האָב אַדווערטייזט אין „טאָגעבלאַט", „פאָרווערטס", „מאָרגען זשורנאַל", „טאָג" און אין אַנדערע אויסגאַבן.

מיין נאָמען איז געוואָרן דורך דעם באַרימט. די אַווערטייזמענטס האָבן זיך געלייענט: „הערי א. דעל פּרעזענטירט דעם וועלט-באַרימטן זינגער פיאָדאָר איוואַנאָוויטש שאַליאַפּין".

דאָס געלט פאַר די טיקעטס האָט גענומען אַריינקומען וואָס מער מיט יעדן טאָג. איך האָב דאָס געלט דעפּאָזיטעט אין דער באַנק, אַזוי אַז אַ וואָך איידער דער קאָנצערט האָט באַדאַרפט פאַרקומען האָב איך שוין געהאַט ניט נאָר די פולע סומע צו גאַראַנטירן שאַליאַפּינען, נאָר אויך דאָס געלט פאַרן טעאַטער און אָפּגעצאָלט אַלע חובות פאַר דרוקעריען און די אַדווערטייזמענטס.

ווער האָט זיך געקענט גלייכן צו מיר. איך בין געקומען צו היוראָקן און אים איבערגעגעבן דעם סטייטמענט פון דער באַנק, אַז עס ליגט דאָרט איינגעלייגט פאַר שאַליאַפּינען פינף און דרייסיק הונדערט דאָלאַר, וואָס ער וועט באַקומען אויף מאָרגן נאָכן קאָנצערט. שאַליאַפּין איז דאָרט אויך געווען און ער האָט געזאָגט, אַז צו דעם דאַרפן מיר מאַכן אַ „לחיים". היוראָק האָט אַרויסגענומען פון שופלאָד אַ פלאַש קאָניאַק מיט דריי גלעזעלעך און מיר האָבן געטרונקען. שאַליאַפּין אָבער האָט זיך ניט באַניגנט מיט איין גלעזל, נאָר ער האָט אַריינגעזשליאָקעט אין זיך אַ פיר, צי פינף גלעזלעך. איך האָב שוין פון דעם פאַרשטאַנען, אַז ער האָט ניט

אַהרן לעבעדיעוו

לודוויג זאַץ

מאָלי פּיקאָן

זלמן זילבערצווייג

פיינט דעם ביטערן טראָפּן. איך האָב איצט בלויז געהאָפט, אַז ער זאָל קומען צום קאָנצערט אַ ניכטערער. איך האָב מיט אים אָפּגעמאַכט, אַז ער זאָל קומען אַהין מיט אַ שעה פאַרן קאָנצערט, כדי ער זאָל זיך באַקאָנען מיט דער סטיידזש און זיין בעסער צוגעגרייט.

דעריבער איז זיך לייכט פאַרצושטעלן מיין שרעק, ווען איך האָב דערזען שאַליאַפּינען אַ ביסל פאַרשניאָשקעט. איך בין מיט אים אַריין אין זיין דרעסינג רום. איך האָב אים אַרויסגעצייגט מיין אומרואיקייט. איך האָב אים געגומען מוסרן, אַז אין אַזאַ צייט האָט ער באַדאַרפט זיין מער פאַרזיכטיק.

מיינע רייד האָבן אים שטאַרק דערצאָרנט און ער האָט אויסגערופן: „זשידאָווסקאַיאַ מאָרדאַ!“. איך בין געבליבן אַ פאַרציטערטער. אויף דעם האָב איך זיך ניט געריכט. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז אַ יידן־פריינד, טאָ ווי קומט עס? נאָר ווי זאָגט מען „אַז מען טוט אַ קראַץ אַ רוס, שפּרינגט אַרויס אַן אַנטיסעמיט“. איך האָב זיך ניט פאַרלאָרן. איך האָב גלייך געהייסן ברענגען שוואַרצע קאַפע און ער האָט אויסגעטרונקען היפּשע עטלעכע גלעזער. באַלד נאָך דעם איז ער מיך געפאַלן קושן און מיר געזאָגט, אַז ער האָט דאָס ניט געמיינט. ער האָט מיך געבעטן איך זאָל אים מוחל זיין.

דער קאָנצערט איז געווען דער גרעסטער דערפאָלג, און קיינער איז דאָן ניט געווען אַזוי גליקלעך ווי איך. אי מיין נאָמען איז דורך דעם באַרימט געוואָרן און אי איך האָב געהאַט אַ גרויסן פּראָפיט...

## קאַפּיטל 16

מיין וועג אַלס אימפּרעסאַריאָ איז ניט אַלע מאָל געווען באַדעקט מיט רויזן. איך האָב געהאַט גענוג האַרצווייטיק, גריזשעניש און אַנטוי־שונגען. ניט איין מאָל האָט געהאַלטן, אַז איך זאָל אין גאַנצן רואינירט ווערן, איך זאָל גיין צו גרונט... איך וויל אָבער דערוויל פאַרצייכענען אייניקע עפּיזאָדן, וואָס האָבן זיך שטאַרק איינגעקריצט אין מיין מוח. ווען איך טראַכט איצט פון זיי, מוז איך ווערן אַ גלויביקער אין ניסים.

אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט צו מיין קרעדיט היפּשע עטלעכע דער־פאָלגרייכע קאָנצערטן, איז מיר שוין ניט שווער אָנגעקומען אַריינצוקריגן „קרעפּטן“, באַרימטע זינגער, מוזיקער און אַקטיאָרן, טראָץ דעם וואָס איך בין אַלע מאָל געווען געענגט אין געלט. עס זיינען געווען צייטן, וואָס איך האָב אַפילו ניט געהאַט צו צאָלן קיין דירה־געלט, אָדער צו געבן מיין פרוי אַ פּאָר סענט צו קויפן עסן. מיר איז איינגעפאַלן צונויפצוקריגן אויף איין אָוונט באַרימטע יידישע אַקטיאָרן און אַראַנזשירן אַ גראַנדיעזן קאָנ־צערט אין בראָנזוויל, אין „פּרעמיער“־טעאַטער.

איך האָב זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט מאָריס שוואַרץ, מיט לודוויק זאַץ, אַהרן לעבעדיעוו, מאָלי פּיקאָן און דזשעני גאָלדשטיין.

איך האָב איצט באַדאַפט געפינען אַ טאָג ווען אַלע וועלן זיין פריי צו קענען זיך באַטייליקן אין קאָנצערט. ווי נאָר דער דאַטום איז באַשטימט געוואָרן, און דאָס איז געווען אַן אָוונט אין מיטן יאַנואַר, האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט, געדרוקט בילעטן, גענומען אַדווערטייזן זייער גרויס די פינף באַרימטע סטאַרס, וועלכע וועלן זיך באַטייליקן אין דעם קאָנצערט אין „פרעמיער״־טעאַטער.

די בילעטן האָבן זיך גאַנץ נישקשהדיק פאַרקויפט... אָבער די גאַנצע האָפענונג לייגט מען אויף דעם אָוונט פון קאָנצערט. אָט דערנענטערט זיך דער טאָג. מעשה שטן ווער איך קראַנק מיט הויכן פיבער... טאָמער איז דאָס נאָך געווען ווינציק, איז אין יענעם טאָג געווען אַ גרויסער שניי און זאַווערוכע. דער ווינט האָט געבלאָזן, דער שניי האָט געשמיסן אין פנים און מענטשן זיינען געלעגן פאַרלייגט אין די הייזער. די וועלכע האָבן ניט געדאַרפט גיין צוליב ביזנעס אָדער אַנדערע נויט־פאַלן, זיינען געבליבן זיצן אין דער היים. עס איז זיך לייכט פאַרצושטעלן ווי איך האָב דאַן געפילט. די אַקטיאָרן האָב איך באַדאַרפט באַצאָלן. פון דעם געלט, וואָס איז ביז איצט אַריינגעקומען, האָב איך באַצאָלט פאַרן טעאַטער. דעם דרוקער בין איך נאָך געקומען דאָס געלט פאַר די בילעטן, פאַר די פלוגבלעטלעך און אויך די אַנדערע הוצאות, וואָס האָבן באַלד געמוזט געדעקט ווערן.

איך זיץ אין הויז אין געהאַקטע וואונדן. יעדע ווײַלע גיי איך צו צום פענצטער. דער הימל איז שוואַרץ, דער שטאַרקער ווינט טראָגט דעם שניי ווי אין אַ געווירבל און עס דוכט זיך מיר, אַז די זאַווערוכע וועט אָנהאַלטן אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט...

וואָס וועט זיין?! וואָס וועט זיין?! — האָב איך ניט אויפגעהערט צו זאָרגן און איך האָב ניט געקענט איינזיצן. איך שפּריז איבערן צימער הין און צוריק און אויב איך האָב דאַן ניט געקראָגן קיין אַפּאָפּלעקציע, בין איך געווען שטאַרקער פון אייזן... איך לייג זיך צו און קען ניט איינליגן, איך זעץ זיך צו און איך קען ניט איינזיצן... דער פיבער ברענט אין מיר און מיין האַרץ ווערט צעריסן אויף שטיקער פון זאָרג. איך בין דאָך רואינירט...

אַרום זעקס אַזייגער אין אָוונט, איך ליג אין בעט מיט אַ קאָפּ־ווייטיק. פּלוצלונג עפנט זיך די טיר. מיין פרוי לויפט אַריין אין צימער און רופט אויס: „הערי! דער שניי האָט אויפגעהערט! די זאַווערוכע איז פאַראיבער! דער הימל לייטערט זיך אויס״. ניט טויט, ניט לעבעדיק, שפּרינג איך אַרויס פון בעט, איך גיי צו צום פענצטער — דער הימל אין בלוי, די לבנה שיינט, די שטערן לייכטן...

— איך לויף צום טעאַטער! — רוף איך זיך אָן.

— וואָס מיינסטו? דו האָסט דאָך פיבער! — רופט אויס מיין פרוי.

אפרים צימבאַליסט

וולאַדימיר חפץ



בראָניסלאַוו הובערמאַן

עדי קאַנטאָר

זיינוול קוואַרטון

— קיין זאַך וועט מיך איצט ניט אָפּהאַלטן! — רוף איך אויס — איך וועל קריגן אַ טעקסי און איך פֿאָר צו צום טעאַטער.

ווען איך בין צוגעפֿאָרן צום טעאַטער האָב איך שוין דאָרט געטראָפֿן אַ לאַנגע ריי ביי דער קאַסע. דער קאַסירער און איך האָבן באַזאָרגט יעדן מיט אַ טיקעט. ביז ניין אַזייגער זיינען אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן אַלע טיקעטס. יענעם אָוונט אַליין איז אַריינגעפֿאַלן אין קאַסע אַרום צוויי טויזנט דאָלאַר. איך האָב שוין געהאַט גענוג פֿאַר די אַקטיאָרן און עס איז מיר פֿאַרבליבן היפּשע עטלעכע דאָלאַר פּראָפֿיט...

פֿרעג איך אייך, איז דאָס ניט געווען אַ נס מן השמים?...

דער צווייטער עפּיזאָד איז פֿאָרגעקומען אין פּראָספּעקט טעאַטער אין בראָנקס. איך האָב באַשלאָסן צו פֿאַרברייטערן מיין טעטיקייט אַלס אימ־פּרעסאַריאָ. אין בראָנזוויל און אין איסט ניו־יאָרק בין איך שוין געווען באַוואוסט און באַרימט. איצט וועל איך פּרובירן איינגעמען די בראָנקס. איך האָב פֿאַרהאַנדלט מיטן פּראָספּעקט טעאַטער און אויסגעפֿונען אויף וועלכן אָוונט איך קען קריגן דינגען דעם טעאַטער פֿאַר אַ קאָנצערט. באַלד נאָך דעם האָב איך זיך געשטעלט אין פֿאַרבינדונג מיט דעם חזן יאָסעלע ראָ־זענבלאַט. ער האָט מיך שוין גאַנץ גוט געקענט פֿון דעם ערשטן קאָנצערט וואָס איך האָב אַראַנזשירט פֿאַר אים און ער האָט מיך פֿריינדלעך אויפֿ־גענומען.

איך האָב אים איבערגעגעבן מיין פּלאַן וועגן קאָנצערט אין פּראָספּעקט טעאַטער. מיטן פּרייז בין איך לייכט דורכגעקומען מיט אים. אַלץ וואָס איך האָב באַדאַרפֿט איז אים דערמאָנען וויפֿל ער האָט ביי מיר גענומען דאַן, ווען ער האָט אָפּגעגעבן קאָנצערט פֿאַר מיר אין בראָנזוויל און ער האָט צו־געשטימט צו נעמען ביי מיר 150 דאָלאַר, מער ווי דאַן. איך האָב בלויז פֿאַרצייכנט אויף אַ פּאַפּיר דעם פּרייז, דעם דאַטום און דעם פּלאַץ. יאָסעלע ראָזענבלאַט האָט זיך אונטערגעשריבן. איך האָב אונטערגעשריבן אונטער אים און אַ גליקלעכער לויף איך שוין אַוועק צום פּראָספּעקט טעאַטער, צייג דעם מענעדזשער דעם קאָנטראַקט און מיר קומען שוין דורך מיטן רענט פֿאַר דעם אָוונט.

אַ צופֿרידענער און פֿול מיט האָפֿענונג נעם איך זיך צו דער אַרבעט. ווי נאָר עס איז אַנאָנסירט געוואָרן, אַז יאָסעלע ראָזענבלאַט וועט אָפּגעבן קאָנצערט, האָבן זיך די בילעטן פֿאַרקויפֿט ווי מצה־וואַסער. אַ וואָך פֿאַרן קאָנצערט איז שוין כמעט ניט געווען קיין בילעטן צו קויפֿן. איך בין איבער־גליקלעך... ווער האָט זיך צו מיר געקענט גלייכן? מיין ערשטער פֿאַרזוך צו אַראַנזשירן אַ קאָנצערט אין די בראָנקס, און שוין אַזאַ קאָלאָסאַלער דערפֿאָלג...

אַ טאָג פֿאַרן קאָנצערט זיץ איך אַזוי אין דער קאַסע פֿון טעאַטער. דער טעלעפֿאָן צעקלינגט זיך. איך מיין אַז עס קומט אַ נאָכפֿראַגע אויף בילעטן.

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן ווען איך הער די שטים פון יאָסעלע ראָזענבלאַט: ״מר. דעל, קומט גלייך אַריבער צו מיר, עס איז זייער דרינגענדיק!״.

מיין האַרץ איז מיר איינגעפאַלן. איך האָב אים דערווייל גאָרניט געפרעגט. איך האָב בלויז געענטפערט, אַז איך קום באַלד אַריבער.

הענדום פענדום האָב איך זיך געלאָזט צו דער סאָבוועי און אַרויסגייענדיק פון סאָבוועי האָב איך גענומען אַ טעקסי צו זיין הויז. ער האָט שוין אויף מיר געוואַרט. פון דעם אויסזען פון זיין פּנים האָב איך פאַרשטאַנען, אַז קיין גוטע בשורה קען איך פון אים ניט דערוואַרטן. ער האָט מיך אַריינגערופן אין זיין קאַבינעט און צוגעמאַכט די טיר:

הערי דעל, דזשאָרדזש דזשעסל, גאָסי דעל

— הערט זיך איין, מר. דעל. איך גיב טויזנט דאָלאר און באַפרייט מיך פון מיין קאָנטראַקט מיט אייך!

— אָבער חזן ראָזענבלאַט! — רוף איך אויס — דאָס איז דאָך אוממעגלעך! דער גאַנצער טעאַטער איז שוין אויספאַרקויפט. איך וועל דאָך רואינירט ווערן. מען וועט זאָגן, אַז איך בין אַ שווינדלער...

— אָבער וואָס זאָל איך טאָן? — רופט אויס ראָזענבלאַט — איך האָט דאָך מן הסתם געהערט מיין לאַגע. מען האָט מיך פאַרפירט. איך האָב זיך געלאָזט איבעררעדן פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע מענטשן און איך האָב פאַרלאָרן מיין גאַנצן פאַרמעגן מיט דעם וועכנטלעכן זשורנאַל „דאָס אידישע ליכט״.

רודאָלף שילדקרויט



זיגמונד מאָגולעסקאָ

A. Lebedeff, L. Blank, L. Levin, P. Graff, B. Rosenthal, V. Luboff, A. Thomashefsky, M. Rosenblatt, S. Gertler, P. Klida, S. Schorr, N. Dranova, A. Hoffman, M. Wilensky, I. Lash, I. Trilling and our Warsaw Comedian, Itzchok Feld, M. Saks, General Manager; Ph. Schneider, Business Manager. H. Wohl, Composer.
RAPPAPORT STUDIO

דאָס האָט מיר געטריבן צו באַנקראָט. איך וויל אָבער אויסצאָלן אַלע מיינע חובות, האָב איך אונטערגעשריבן אַ קאָנטראַקט מיט די לאָעס טעאַטערס צו זינגען אין זייערע טעאַטערס. מאָרגן דאַרף איך זיין אין פילאַדעלפיע און זינגען אין דאָרטיקן לאָעס טעאַטער. איך האָב גאָר פאַרגעסן וועגן דעם קאָנצערט אין פראָספעקט טעאַטער. אַפילו ווען איך פאַרגעס ניט, וואָלט איך אַנדערש ניט געקענט האַנדלען, ווייל דאָ גייט אין צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן שאָדן...

— אָ, ווען איך ווייס דאָס מיט אַ וואָך צי צוויי פריער! — רוף איך אויס און טרערן באַווייזן זיך אין מיינע אויגן. איצט וועט עס זיין פאַר מיר אַ טויט־קלאַפּ... מיין רעפּוטאַציע וועט רואינירט ווערן... איך וועל דאַרפן צוריקקערן דאָס געלט פאַר די טיקעטס. דאָס רענט פאַרן טעאַטער האָב איך שוין אין גאַנצן באַצאָלט. אָבער די הויפּט־זאַך איז דאָך מיין רעפּוטאַציע... אָ, מר. ראָזענבלאַט, איר מוזט מיר העלפן!

— איך וועל אייך געבן פופצן הונדערט דאָלאַר — רופט ער אויס — און באַפרייט מיך פון קאָנטראַקט! איך האָב דאָך קיין אַנדער ברירה ניט...

— חזן ראָזענבלאַט, דאָ האַנדלט זיך שוין ניט וועגן געלט... איך וועל דאָך אין גאַנצן רואינירט ווערן — און טרערן האָבן זיך באַוויזן אין מיינע אויגן.

— הערט זיך אייך, מר. דעל, קומט צו מיר מאָרגן אין פילאַדעלפיע, אין לאָעס טעאַטער. איך דאַרף דאָרט אויפטרעטן דריי מאָל: דריי אַזייגער, זעקס אַזייגער און ניין אַזייגער. איך וועל זיך געפינען הינטערן סטיידזש אין מיין צימער. איך וועל דערווייל טראַכטן וואָס צו טאָן. אפשר וועט זיין מעגלעך וואָס צו טאָן אין דעם. איך וועל אויך פּרובירן רעדן מיט דער מענעדזשמענט פון לאָעס טעאַטער...

— גוט, איך וועל דאָרט זיין אַרום דריי אַזייגער — רוף איך זיך אָן.

ראָזענבלאַט האָט מיר געגעבן אַ מין „פּעס״, אַז איך זאָל צוגעלאָזט ווערן צו זיין צימער, וואו ער האַלט זיך אויף ביז וואַנען ער דאַרף אויפ־טרעטן אויפן סטיידזש.

אַ דערשלאָגענער און אַ פאַרטרויערטער בין איך אַוועק צו זיך אַהיים. איך האָב איבערגעגעבן מיין פרוי וואָס עס איז געשען און זי איז אויך געוועזן שטאַרק פאַרצווייפלט.

אויף מאָרגן צוועלף אַזייגער בין איך שוין געזעסן אין צוג קיין פילאַדעלפיע. האַלב נאָך צוויי בין איך שוין געווען אין טעאַטער. איידער איך בין צוגעקומען צום צימער פון יאָסעלע ראָזענבלאַט איז שוין געווען אַ צען מינוט פאַר דריי.

— איך דאַרף באַלד אויפטרעטן — זאָגט מר. ראָזענבלאַט. — מיין גאַנץ זינגען וועט דויערן בלויז פופצן מינוט. ווילט איר דאָ צוואַרטן אין צימער? — פרעגט ער מיך.

— אַז איך בין שוין דאָ, וואָלט איך אייך וועלן הערן — זאָגט איך. — איז מעגלעך, אַז איך זאָל אַריינקומען ערגעץ אין טעאַטער ביז וואַנען איר וועט פּאַרטיק ווערן מיטן זינגען?

ער האָט געזען, אַז מען זאָל מיך אַריינלאָזן אין איינעם פון די לאָזשעס און איך האָב דערוויל געהאַט דעם פאַרגעניגן צו הערן יאָסעלע ראָזענבלאַטן זינגען פאַר אַ פול הויז, וואו מען האָט אים אויפגענומען מיט אַ סך אַפּלאָ־דיסמענטן.

נאָך דעם ווי ער איז פאַרטיק געוואָרן, בין איך אַריינגעקומען צו אים אין צימער. ער איז געווען היפּש מיד פון דער אָנשטרענגונג. ער האָט אָפּגע־ווישט דעם שווייס פון זיין פּנים. ער האָט מיך געבעטן זיך צוזעצן נעבן צו אים:

— צום באַדויערן, האָב איך פאַר אייך ניט קיין גוטע נייעס — רופט זיך יאָסעלע ראָזענבלאַט אָן צו מיר. — איך האָב פּרובירט בעטן די מע־נעדזשמענט, אַז זיי זאָלן מיר דערלויבן צו זינגען אין טעאַטער אַכט אַזייגער, אַלס די ערשטע פּיטשור פון זייער וואָדעוויל, אָנשטאָט ניין אַזייגער. דאָס וואָלט מיר געגעבן גענוג צייט זיך צוריקצוקערן קיין ניו־יאָרק און אויפ־טרעטן אין פּראָספּעקט טעאַטער אַרום עלף אַזייגער. מען האָט מיר אָבער געזאָגט, אַז דאָס איז אוממעגלעך. איך מוז אויפטרעטן ווי אָפּגעמאַכט, ניין אַזייגער. ווייסט איר וואָס, איך בין באַרייט צו דעקן דעם גאַנצן שאָדן וואָס איר וועט האָבן צוליב דעם און דערצו וועל איך זען, אַז איר זאָלט אַמוויי־ניקסטן האָבן אַ פינף הונדערט דאָלאַר פאַר אייער מי.

איך בין געבליבן זיצן אַ פאַרטרויערטער און געשוויגן... איך האָב אַ לייכטן זיפץ געטאָן און ער האָט צו מיר געזאָגט: „איך זע, אַז ניט אַלע מאָל קען געלט העלפן... וואַרט אַ ווילע!"

ער האָט אויפגעהויבן דעם רעסיווער און געבעטן דעם אָפּערייטאָר אים צו פאַרבינדן מיטן הויפּט־אָפיס פון „פּענסילוועניאַ רעילראָוד". איך הער ווי ער פרעגט: „וויפל דאַרף מיך קאָסטן צו דינגען אַ ספּעציעלן צוג פון פילאַדעלפיע קיין ניו־יאָרק. איך ווער פאַרטיק אַ פערטל נאָך ניין און האַלב נאָך ניין וועל איך שוין קענען זיין אויף דער סטיישן. זיבן הונדערט און פופציק דאָלאַר? גוט, איך שטים איין. איך וועל דאָרט זיין מיט דעם קעש...

איך בין דערשטוינט געוואָרן ווען איך האָב דאָס געהערט. ער האָט מיך געהייסן גלייך פאָרן אַהיים:

— איר גייט אָן מיטן קאָנצערט. איר וועט דערקלערן דעם עולם, אַז איך וועל פאַרשפּעטיקן, אָבער איך האָף דאָרט צו זיין, אים ירצה השם, אַרום צוועלף אַזייגער... דערוויל גרייט צו עטלעכע אַנדערע קרעפטן, פידלער און עטלעכע זינגער, וועלכע זאָלן האַלטן דעם עולם און איר וועט זען צו טאָן אַלץ וואָס איר קענט צו באַרואיקן דעם עולם.

ערשט איצט האָב איך איינגעזען וואָס פאַר אַ נאָבעלע נשמה חזן ראָזענבלאַט באַזיצט. איך האָב זיך צוריקגעקערט אין ניו־יאָרק. איך האָב געהאַט שוין פון פריער באַשטעלט דעם באַוואוסטן פידל־שפּילער מישעל פּיאַסטראָ. איך האָב געזוכט צו קריגן נאָך אַ פּאָר אונטערהאַלטער, אָבער דאָס זיינען געווען ניט קיין וואַזשנע לייט.

אַכט אַזייגער איז שוין דאָס טעאַטער געווען געפּאַקט. אַנשטאָט אָנצו־הויבן דעם קאָנצערט האַלב נאָך אַכט, האָב איך אָנגעהויבן ניין אַזייגער. איך בין אַרויף אויף דער בינע און דערקלערט דעם פּובליקום, אַז יאָסעלע ראָזענבלאַט איז אַנגאַזשירט אין פילאַדעלפיע און עס קען זיין, אַז ער וועט זיך אַ ביסל פאַרשפּעטיקן. איך האָב דעריבער געבעטן דעם עולם צו האָבן אַ ביסל געדולד. מישעל פּיאַסטראָ האָט געשפּילט. אַנשטאָט צו געבן דריי נומערן, האָב איך ביי אים געפּועלט צו געבן זעקס. נאָך אייניקע פּאַיאַצן האָבן געזוכט אונטערצוהאַלטן דעם עולם. אָבער דאָס האָט ניט געהאָלפן. עס איז שוין געוואָרן עלף אַזייגער און דער עולם האָט גענומען שרייען: וואו איז יאָסעלע ראָזענבלאַט?!... עס האָבן זיך געהערט אויסגעשרייען: „פעיקער, שווינדלער! מיר פאַרלאַנגען דאָס געלט צוריק. מען האָט אונדז אָפּגענאַרט...” איך האָב גענומען זיך בעטן ביים פּובליקום צו האַלטן זיך רואיק און איך האָב זיי פאַרזיכערט, אַז ראָזענבלאַט איז אויפן וועג און איך דערוואַרט אים יעדע מינוט... דער עולם האָט זיך באַרואיקט אויף עטלעכע מינוט און נאָך דעם האָט מען ווידער גענומען פּאַטשן מיט די הענט, קלאַפּן מיט די פיס. אייניקע האָבן גענומען וואַרפן עפּיטעטן, זידלערייען, אויף מיין חשבון.

איך האָב פּרובירט רעדן צום פּובליקום, אַפּעלירן מען זאָל זיך באַ־רואיקן, אַז באַלד, באַלד וועט אָנקומען ראָזענבלאַט, אָבער מען האָט מיך פאַרשריען:

„אַפעריסט, פעיקער, שווינדלער...” — דאָס זענען געווען די ווערטער, וואָס האָבן זיך צעטראָגן צווישן פּובליקום אויף מיר...

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל פון זינען אַרונטער. אָט איז שוין באַלד צוועלף אַזייגער און ראָזענבלאַט איז נאָך ניטאָ. יעדע רגע האָט זיך מיר געצויגן ווי אַ שטונדע. איך האָב פּשוט מורא געהאַט, אַז מען וועט מיך לינטשן. די אויפרעגונג קעגן מיר איז געוואַקסן... מען האָט ניט אויפגע־הערט צו טופּען מיט די פיס. מען האָט מיך „געבוט” און געשאָלטן. איי־ניקע פון מיינע פריינד זענען יעדע רגע אַרויס אין דרויסן זען צי ער קומט. ענדלעך האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ טעקסי און יאָסעלע ראָזענבלאַט האָט זיך באַוויזן. מען האָט מיר גלייך אָנגעזאָגט די גוטע בשורה, אַז ראָזענבלאַט איז דאָ. עס איז שוין געווען אַ פערטל נאָך צוועלף. איך קום אַרויף אויף דער בינע און וויל רעדן צום עולם, אָבער דער שטורם און טומל איז אַזוי

גרויס, אַז עס איז מיר קוים געלונגען אויסצושרייען מיט אַלע מיינע כוחות: „יאָסעלע ראָזענבלאַט איז געקומען!״.

דאָס האָט געווירקט ווי אַ כישוף און דער עולם איז באַלד איינגעשטילט געוואָרן. איך האָב זיך אָנגערופן: „איך האָב דעם גרויסן כבוד פאַר אייך פאָר־צושטעלן דעם באַליבטן יאָסעלע ראָזענבלאַט, וועלכער האָט געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג צו קומען אַהער, כדי צו האַלטן זיין וואָרט... בלויז גיט אים אַ געלעגנהייט זיך עטוואָס אָפּצורוען און ער וועט באַלד אַרויפ־קומען אויף דער בינע... בעת מיין רעדן אַזוי צום עולם, האָט זיך יאָסעלע ראָזענבלאַט באַוויזן. עס האָבן אויסגעבראָכן הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן, וועל־כע האָבן געדויערט עטלעכע מינוט.

יאָסעלע ראָזענבלאַט האָט געזונגען און יעדעס מאָל האָט דאָס טעאַטער געשטורעמט מיט הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. ער האָט געזונגען היפּשע עטלע־כע תפילות און געזאַנגען פון זיין רעפּערטואַר און ביי איינס אַזייגער פאַרטאָג איז דער קאָנצערט פאַרענדיקט געוואָרן. דער עולם איז געווען צופרידן און איך בין געווען דער גליקלעכסטער. איך האָב טאַקע דורך די לעצטע פּאָר שעה דורכגעמאַכט די שבעה מדורי גיהנום, אָבער איך בין אַרויסגעקומען אַ געלייטערטער מיט טריאומף. קיינער אויסער מיר און די גאָר נאָענטע האָבן ניט געוואוסט וועגן דעם גרויסן און שווערן קרבן, וואָס חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט האָט געבראַכט, כדי ניט צו אַנטוישן זיין יידיש פּובליקום...

## קאַפּיטל 17

די נאָבעלע, איידעלע האַנדלונג פון באַרימטן און באַליבטן עמוד־קינסטלער, יאָסעלע ראָזענבלאַט, האָט אויף מיר געמאַכט אַן אומגעהייער שטאַרקן רושם. ערשט נאָכן קאָנצערט, ווען איך בין געפאָרן מיט מיין פרוי פון די בראָנקס קיין בראָנזוויל אַהיים, האָב איך איינגעזען די מענטש־לעכקייט, די גרויסקייט און דערהויבנקייט פון זיין נשמה... ער האָט גע־מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונג סיי פיזיש און סיי פינאַנציעל, כדי צו האַלטן זיין וואָרט און ניט צו אַנטוישן דאָס פּובליקום און כדי מיך ניט צו שעדיקן... ער האָט צוריקגעקערט אין מיר דעם צוטרוי צום מין מענטש...

איך האָב זיך דערמאָנט, אַז ערשט ניט לאַנג פריער האָב איך געהאַט אַ דערפאַרונג מיט אַן אַנדער פּערזאָן, וואָס האָט מיך איבערגעלאָזט מיט אַ ביטערן טעם. בעת מעשה האָט זיך מיר געדוכט, אַז דער פונק מענטש־לעכקייט איז אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן...

דאָס איז געווען דאַן, ווען דער באַוואוסטער פידל־קינסטלער אפרים צימבאַליסט איז אַראָפּגעבראַכט געוואָרן קיין ניו־יאָרק פון דעם אימפּרע־סאַריאָ סאָל היוראָק. צימבאַליסט האָט אָפּגעגעבן היפּשע עטלעכע ריסאַיטלס אונטער היוראָקס אויפזיכט. מיר איז דאַן איינגעפאַלן צו קריגן אָט דעם

באַרימטן פידלער־ווירטואָז פֿאַר אַ קאָנצערט אין בראָנזוויל. יעדער ריסאַיטל, וואָס אפרים צימבאַליסט האָט געגעבן, איז געווען אַ קאָלאָסאַלער דערפֿאָלג. ווייסנדיק, אַז די בראָנזווילער און איסט ניו־יאָרקער יידן ווייסן ווי אָפּצושאַצן אַ באַרימטן פידל־קינסטלער, בין איך אַוועק צו סאָל היוראָק און פֿאַרהאַנדלט מיט אים צו באַשטעלן אפרים צימבאַליסט פֿאַר אַ קאָנ־צערט אין דעם פּרעמיער טעאַטער.

סאָל היוראָק האָט מיך שוין גאַנץ גוט געקענט. ער האָט געוואוסט, אַז מען קען זיך פֿאַרלאָזן אויף מיר, אַז מיינע אונטערנעמונגען זיינען דערפֿאָלג־רייכע, האָט ער איינגעוויליקט צו פֿאַרהאַנדלען מיט מיר. ער האָט פֿאַרלאַנגט פֿאַר אפרים צימבאַליסטס אויפֿטריט צוועלף הונדערט און פופציק דאָלאַר. איך האָב איינגעשטימט און מיר האָבן געשריבן אַ קאָנטראַקט. היוראָק האָט געהאַט די פֿולע אויטאָריטעט צו אַראַנזשירן די קאָנצערטן פֿאַר אפרים צימבאַליסט.

איך האָב זיך גלייך גענומען צו דער אַרבעט. איך האָב געלאָזט דרוקן בילעטן, פֿלוג־בלעטלעך און גענומען אַדווערטייזן אויף אַ גרויסן פֿאַרנעם, אַז בראָנזוויל וועט האָבן דעם פֿאַרגעניגן צו הערן דעם באַרימטן, גבניאַלן פידל־שפּילער אפרים צימבאַליסט.

טיקעטס האָבן זיך פֿאַרקויפֿט, אָבער ניט אַזוי ווי אין יאָסעלע ראָזענ־בלאַטס פֿאַל. איך האָב אָבער שוין געהאַט אַריינגענומען גענוג געלט צו קענען באַצאָלן פֿאַרן טעאַטער און האָבן די 1,250 דאָלאַר איינצולייגן פֿאַר אפרים צימבאַליסט עטלעכע טעג פֿאַרן קאָנצערט. בלויז אַ העלפֿט פֿון די טיקעטס זיינען אויספֿאַרקויפֿט געוואָרן. די אַנדערע העלפֿט האָב איך דער־וואַרט צו פֿאַרקויפֿן אין אָוונט פֿון קאָנצערט. צום אומגליק אָבער איז דער וועטער יענעם אָוונט געווען זייער אַ שלעכטער. עס איז געווען קאַלט און עס האָט גערעגנט, פּשוט געפּליוכעט דעם גאַנצן טאָג און דעם אָוונט. דאָס טעאַטער איז בלויז געווען האַלב פֿול... איך האָב שוין באַלד איינגעזען, אַז אָט די דאָזיקע אונטערנעמונג מיינע וועט זיין אַ דורכפֿאַל... איך האָב געקוקט אויף די ליידיקע פּלעצער אין טעאַטער און איך בין טרויעריק געוואָרן. אין מיינע געדאַנקען זיינען דורכגעלאָפֿן די חובות, וואָס איך וועל באַלד אויף מאָרגן דאַרפֿן באַצאָלן. די אַרבעטער, די אָשערס — מוז מען גלייך באַצאָלן און דער טעאַטער איז האַלב פּוסט און אין האַרצן ווערט מיר אינגאַנצן פּוסט... אַזוי פֿיל צייט און מי אַריינגעלייגט, זיך אָנגעבאָרגט ביי פֿריינד און באַקאַנטע און — אַזאַ דורכפֿאַל!...

אויף מאָרגן אין דער פֿרי האָב איך אַפֿילו ניט געהאַט קיין דאָלאַר איבערצולאָזן מיין פֿרוי פֿאַרן טאָג צוצוגרייטן עסן. מיין פֿאַרצווייפֿלונג איז גרעסער געוואָרן מיט יעדער מינוט. איך האָב געקנייטשט מיטן שטערן, געבראָכן דעם מוח און געטראַכט ווי אַזוי איך וועל קאָנען אַרויסקריכן פֿון אָט דער שווערער לאַגע.

אַ געדאַנק איז מיר אויפגעקומען צוצופאָרן צו סאָל היוראָק און אויס־גיסן פאַר אים מיין האַרץ... נאָך אַלעמען איז ער דאָך אַליין אַן אימפּרע־סאַריאָ און ניט איין מאָל האָט ער געמוזט האָבן אַ דורכפאַל. ער וועט מיך פאַרשטיין, ער וועט מיר אַרויסצייגן סימפּאַטיע... וואו שטייט עס געשריבן, אַז דער קינסטלער דאַרף באַקומען די גאַנצע אָפּגעמאַכטע סומע געלט, ווען די אונטערנעמונג איז אַ פינאַנציעלער דורכפאַל?... פאַרוואָס זאָל איך דאַרפן אויסשטיין דעם גאַנצן פאַרלוסט? איך וועל זיך דורכרעדן מיט היוראָקן. ער איז דאָך געווען ביים קאָנצערט און ער האָט געזען, אַז דאָס טעאַטער איז געווען האַלב פּוסט. איך וועל אים דערקלערן מיין לאַגע, אַז מיר וועט איצט פּשוט אויסקומען צו הונגערן צוליב דעם דורכפאַל. איך וועל אַפּעלירן צו זיין געוויסן, צו זיין יושר... עס איז ביי מיר קיין צווייפל ניט געווען, אַ די מענטשלעכקייט אין אים וועט אים דיקטירן עפּעס צוריק־צוגעבן מיר...

איך האָב פאַרבויגן מיין שטאָלץ און אַריינגעקומען צו אים אין אָפיס. מיין פּנים האָט אויסגעדריקט אומעט און דערשלאָגנקייט. ער האָט זיך צו מיר געווענדעט:

— נו, מר. דעל, איר זענט געקומען וועגן נאָך אַן אונטערנעמונג?

איך האָב געפילט, אַז ער שיט מיר זאַלץ אויף די וואונדן. איך האָב זיך צו אים אָפּגערופן:

— נו, ווער האָט געקענט פאָראויסזען מיט עטלעכע חדשים פריער, אַז עס וועט זיין אַזאַ שרעקלעכער וועטער דעם אָוונט פון קאָנצערט?... איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז איך האָב דערפילט אַלץ, וואָס איך האָב זיך אונ־טערגענומען... איך האָב ניט געזשאַלעוועט קיין געלט פאַר פּובליסיטי. איך האָב געאַרבעט אומדערמידלעך טאָג און נאַכט... איך מוז אייך דער־ציילן דעם גאַנצן אמת, אַז איך האָב געליען געלט ביי מיינע פריינד און איך קען אייך זאָגן, אַז אַלץ וואָס מיר איז פאַרבליבן איז אַ ביסל קליינ־געלט... איך האָב אַפילו ניט געהאַט וואָס איבערצולאָזן מיין ווייב פאַר די הוצאות פאַר היינטיקן טאָג...

— טאָ וואָס זשע ווילט איר פון מיר? צוליב וואָס זענט איר דאָס געקומען מיר דערציילן? — האָט ער מיך אָנגעקוקט מיט קאַלטע בליקן.

— גלויבט מיר, אַז ווען דאָס וואַסער וואָלט שוין ניט דערגרייכט ביזן האַלדז, וואָלט איך צו אייך ניט געקומען... איר ווייסט גאַנץ גוט, אַז ווען איך בין געקומען צו אייך באַשטעלן אפרים צימבאַליסט פאַרן קאָנצערט, האָב איך איינגעשטימט צו אייער פּרייז און איך האָב באַצאָלט ביז אַ פּעני...

— אַ גרויסער דאַנק קומט אייך דערפאַר! — טוט ער אַ ציינישן שמייכל

— ווען איר ברענגט ניט אַריין דאָס געלט אין צייט, וואָלט צימבאַליסט ניט געקומען צום קאָנצערט...

יסף רומשינסקי

זיינוול זילבערט

ליאָ ליאָוו

שורא אָלשאַנעצקי

איך האָב אים געוואָלט ענטפערן, אַז ווען ער קומט ניט אָפּגעבן דעם קאָנצערט, וואָלט מיין שאָדן געווען אַ סך אַ קלענערער ווי איצט, ווען ער האָט געשפּילט פאַר כמעט אַ פּוסטן טעאַטער. אָבער אָנשטאָט דעם האָב איך אים געזאָגט:

— ווען איך דינג זיך דאָ מיט אייך, וואָלט איך געקענט אַרונטער־דינגען אַ צוויי הונדערט און פופציק דאָלאַר. טויזנט דאָלאַר וואָלט געווען גענוג אונטער די אומשטענדן...

— און ווער זאָגט דאָס אייך, אַז איר וואָלט געקענט אַרונטערדינגען עפּעס. ביי מיר דינגט מען ניט אַרונטער...

— איך מיין, — זאָג איך — אַז מיר האָבן דאָך געקענט אָפּמאַכן אַזוי, אַז אויב עס איז אַ דערפאָלג, זאָל ער באַקומען מער ווי די אָפּגעמאַכטע סומע און אויב עס איז אַ דורכפאַל, זאָל ער אַרונטערלאָזן צוויי הונדערט און פופציק דאָלאַר.

— רעדט ניט קיין נאַרישקייטן! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט — איך טו קיין מאָל ניט אַזעלכע ביזנעס!

— איך ווייס, אַז איך קען אייך ניט צווינגען איר זאָלט מיר צוריקקערן עפּעס פון דער סומע, וואָס איך האָב אייך באַצאָלט, אָבער מיין לאַגע איז איצט אַ האָפענונגסלאָזע... מיר און מיין פרוי וועט פשוט אויסקומען צו הונגערן איבער דעם דורכפאַל פון קאָנצערט, און איך אַפּעליר פשוט צו אייער געוויסן, איר זאָלט עפּעס טאָן פאַר מיר און זען מיר אומקערן עטלעכע דאָלאַר, כדי איך זאָל זיך קענען צוריקשטעלן אויף מיינע פיס...

היוראָק האָט גענומען אַרומשפּרייזן איבערן צימער אַהין און צוריק. דאָן האָט זיך באַוויזן אַ קאַלטער שמייכל אויף זיינע ליפּן. ער האָט אַרויפגעשטעלט זיין רעכטן פוס אויף אַ בענקל, וואָס איז דאָרט געשטאַנען. ער האָט אונטערגעלענט זיין עלנבויגן אויף זיין קני און מיט זיין האַנט אָנגע־נומען זיין קין, ווענדנדיק זיינע בייזע בליקן אויף מיר, האָט ער טרוקן אַ זאָג געטאָן:

— עס טוט מיר לייד, איך קען אייך גאָרניט העלפן! איר וועט ביי מיר קיין פעני ניט קריגן צוריק. איך טו ניט אַזעלכע ביזנעס. איר ברענגט אין ניוועץ אייער צייט און מיין צייט!

איך האָב אים געוואָלט אַוועקגעבן אַ גאַב, ווי מיר איז דאָן געווען אויפן האַרצן. איך האָב אים געוואָלט זאָגן, אַז אים פעלט מענטשלעכקייט און אַז זיין האַרץ איז פון שטיין, אָבער איך האָב זיך באַהערשט. איך האָב פאַרלאָזט זיין אָפיס ניט זאָגנדיק אים קיין „גוד־באַי". ווען איך בין געווען אין דרויסן איז מיין פאַרצווייפלונג נאָך גרעסער געוואָרן... ווען איך בין געגאַנגען צו היוראָקן בין איך געווען זיכער, אַז מיטן ליידיקן וועל וועל איך פון אים ניט אַוועקגיין. אפשר וועל איך ניט קריגן פון אים וויפל איך האָב זיך פאַרגעשטעלט, אָבער עפּעס וועט ער דאָך מיר צוריקקערן. און דאָ

חזן דוד רויטמאַן

אייב עלשטיין

חזן בערעלע חגי

דעל, שטאַרקמאַן, אָשעראָוויטש

אַזאַ ביטערע אַנטוישונג. וואָס זאָל איך איצט טאָן? ווי אַזוי קען איך זיך אומקערן אַהיים מיט גאָרניט?...

איך בין געווען שטאַרק פאַרביטערט קעגן היוראָקן. וואָס פאַר אַ פאַרגלייכעניש — יאָסעלע ראָזענבלאַט און היוראָק!... ראָזענבלאַט איז אַ מענטש מיט האַרץ, מיט מענטשלעכע געפילן, מיט סימפּאַטיע און יושר. ער איז געווען באַרייט צו העלפן יעדנעם אפילו ווען ער וועט דאַרפן ברענגען אַ גרויסן קרבן... און אָט דער איז אַ האַרטער ביזנעס־מענטש... קאַלט־בלוטיק און גרויזאַם... איך האָב געטראַכט, אַז וואָס גרעסער דער קינסט־לער, אַלץ מער מענטשלעך איז ער... באַלד האָט אַ בליץ געטאָן אַ געדאַנק אין מיר: אפשר זאָל איך גאָר צופאָרן צו אפרים צימבאַליסט און איך וועל פאַר אים אויסגיסן מיין האַרץ. אפשר וועט ער איינוויליקן עפּעס צו טאָן פאַר מיר. איך האָב קיין צייט ניט פאַרלאָרן און איך האָב זיך געלאָזט צו אפרים צימבאַליסטס וואוינונג, אויף 72סטע סטריט.

איך האָב אָנגעקלונגען, די דינסט האָט געעפנט די טיר און מיך גע־פרעגט וואָס איך פאַרלאַנג. איך האָב איר געזאָגט מיין נאָמען און אַז איך וויל זען מר. צימבאַליסט. ער האָט איר געהייסן גלייך מיך אַריינשיקן צו אים אין סטודיאָ. ער האָט מיך באַגריסט, געבעטן מיך צו זעצן. זיין פריינד־לעכע אויפנאַמע האָט מיר שוין געגעבן אַ ביסל מוט. איך האָב זיך צוגעזעצט און זיך אָנגערופן:

— איך וויל אייך האַרציק באַדאַנקען פאַר דעם גייסטיקן פאַרגעניגן, וואָס איר האָט אונדז אַלעמען פאַרשאַפט נעכטן אין פּרעמיער טעאַטער. צום באַדויערן איז דער וועטער געווען אַזאַ שלעכטער, אַז פיל האָבן ניט גקענט קומען צוליב דעם אין טעאַטער.

— יאָ, עס איז ווירקלעך צום באַדויערן — האָט ער צוגעגעבן.

— אויף דעם אָוונט פון קאָנצערט לייגט מען אַ סך האָפענונגען. דאָס רוב מענטשן קויפן טיקעטס דעם זעלבן אָוונט און אַז דער וועטער איז שלעכט, איז דאָן דער פאַרלוסט אומגעהויער גרויס... עס טוט מיר זייער לייד אייך דאָס צו זאָגן, מר. צימבאַליסט, אָבער איך האָב צום אָוונט אַ סך צוגעלייגט. איך ווייס, אַז דאָס איז קיינעמס שולד ניט. עס איז אַ גאָט־זאַך... אָבער אין מיין פאַל, האָט מיך אָט דער דורכפאַל איינפאַך רואינירט. איך בין געבליבן אָן אַ פּעני געלט, דערצו בין איך נאָך שולדיק היפּשע עטלעכע דאָלאַר. איך שעם זיך דאָס פאַר אייך צו זאָגן, אָבער מיר זיינען פשוט געבליבן אָן ברויט... איך האָב אַריינגעלייגט אַלץ, וואָס איך האָב פאַר־מאָגט אין דעם קאָנצערט... דער וועטער איז אָבער געווען קעגן מיר... עס איז קיינעמס שולד ניט, אָבער מיין לאַגע איז איצט געוואָרן אומדער־טרעגלעך צוליב דעם.

די גאַנצע צייט וואָס איך האָב גערעדט איז אפרים צימבאַליסט געזעסן

און געקוקט אויף מיר מיט מילדע בליקן. איך האָב געקענט מערקן, אַז ער סימפּאַטיזירט מיט מיר.

איך האָב אים געזאָגט, אַז ווען מיין לאַגע וואָלט ניט געווען אַזוי האָפנונגסלאָז אין דער איצטיקער צייט, וואָלט איך זיכער ניט געקומען אים באַלעסטיקן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט פון זיין שטול, מיר דערלאַנגט זיין האַנט און געזאָגט:

— מר. דעל, איך בין זייער צופרידן, וואָס איר זענט געקומען צו מיר. זאָרגט ניט! גייט אַהיים און מאָרגן וועט איר פון מיר הערן.

איך האָב אים באַדאַנקט, געדריקט זיין האַנט און איך בין אַוועק. איך האָב געפילט, אַז ער איז גערירט געוואָרן פון מיינע רייד. מעגלעך, אַז ער וועט עפּעס טאָן פאַר מיר. איך האָב געטראַכט, מן הסתּם וועט ער מיר צוריקגעבן פופציק צי הונדערט דאָלאַר...

ווי דערשטוינט בין איך געוואָרן, ווען איך האָב אויף מאָרגן דערהאַלטן פון אפרים צימבאַליסט אַ בריוו מיט אַ בייגעלייגטן טשעק אויף 500 דאָ־לאַר... אין זיין קורצן בריוול האָט ער מיר גאָר באַדאַנקט פאַר מיין אַרבעט, וואָס איך האָב געטאָן צו אַראַנזשירן דעם קאָנצערט. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן מיין פרייד. די דאָזיקע פינף הונדערט דאָלאַר האָבן מיך צוריקגעשטעלט אויף די פיס און צוריקגעשטעלט מיין צוטרוי צום מין מענטש...

## קאַפּיטל 18

איך וויל פאַרצייכענען נאָך אַן עפּיזאָד פון מיינע דערפאַרונגען אַלס אימפּרעסאַריאָ און דאָס איז וועגן מיין פאַרבינדונג מיט דער באַרימטער אָפּערע־זינגערין ראָזאַ ראַאיסאַ, אָדער ווי זי איז געווען באַוואוסט צווישן יידן אַלס רייזעלע פון ביאַליסטאָק. ראָזאַ ראַאיסאַ איז געווען פאַרהייראַט צום באַוואוסטן באַריטאָן רימיני און גאַנץ אָפט פלעגן זיי ביידע געבן קאָנצערטן צוזאַמען. איך האָב זיך געזען מיט איר מענעדזשער מר. דזשאָהנ־סטאָן און מיר האָבן געשלאָסן אַ קאָנטראַקט, אַז זי זאָל אויפטרעטן אויף אַ קאָנצערט אין בראָנזוויל, אין פּרעמיער טעאַטער, פאַר וואָס זי וועט באַקומען דריי טויזנט דאָלאַר. זי האָט באַדאַרפט אויפטרעטן אין חודש סעפּטעמבער.

פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זיך גענומען ענערגיש צו דער אַרבעט. די באַרימטע סאָפּראַנאָ־זינגערין ראָזאַ ראַאיסאַ איז געווען אַ גרויסע אַט־ראַקציע און איך האָב דערוואַרט אַ גרויסן עולם צו איר קאָנצערט. איך האָב שוין גענומען פאַרקויפן בילעטן. איך האָב גלייך געקענט מערקן, אַז איר קאָנצערט וועט זיין אַ גרויסער דערפאָלג.

דריי וואָכן איידער דער קאָנצערט האָט געזאָלט פאָרקומען רופט מיך אָפּ מר. דזשאָנסטאָן און לאָזט מיר וויסן, אַז ראָזאַ ראַאיסאַ דאַרף אויפטרעטן

אין אַן אָפּערע אין איטאַליע און זי וועט ניט קענען קומען צום קאָנצערט אויף דעם באַשטימטן טאָג.

איך בין געוואָרן פאַרצווייפלט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב שוין אַלץ אַראַנזשירט, איך האָב שוין געלאָזט דרוקן די טיקעטס, וואָס ווערן שוין פאַרקויפט און איך האָב שוין אַריינגעלייגט אַ היפּשע סומע געלט אין פּובליסיטי.

ער האָט זיך אַנטשולדיקט און געזאָגט, אַז דאָס האָט מען ניט געקענט פאָראויסזען ווען מיר האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט, אָבער אַז ראָזאַ ראַאיסאַ איז וויליק צו געבן דעם קאָנצערט אין אַ חודש אַרום. אַלץ וואָס עס וועט זיין נויטיק איז אַ מעלדונג אין דער פּרעסע און דורך אַנדערע וועגן, אַז צוליב דעם וואָס זי דאַרף פּלוצלונג דערשיינען אין אַן אָפּערע אין איטאַליע, וועט דער קאָנצערט מוזן אָפּגעלייגט ווערן אויף אַ חודש צייט.

— אָבער איך האָב דאָך שוין געהאַט שאָדן! — רוף איך זיך אָן צו אים.

— איך האָב שוין גערעדט מיט ראָזאַ ראַאיסאַן וועגן דעם — רופט זיך אָן דער מענעדזשער, מר. דזשאַנסטאָן — און זי האָט מיך באַפולמעכטיקט צו רעדוצירן טויזנט דאָלאַר פון דער סומע, וואָס איז אונטערגעשריבן געוואָרן אין קאָנטראַקט.

איך בין געווען צופרידן פון דעם. איך האָב גלייך געמאָלדן, אַז דער קאָנצערט פון ראָזאַ ראַאיסאַ ווערט אָפּגעלייגט אויף אַ חודש שפּעטער און די וועלכע האָבן שוין געקויפט די בילעטן וועלן זיי קענען באַנוצן פאַר דער נייער דאַטע.

דער קאָנצערט פון ראָזאַ ראַאיסאַ איז פאָרגעקומען נאָך דעם ווי זי האָט זיך געהאַט צוריקגעקערט פון איטאַליע און עס איז געווען דער גרעסטער דערפאָלג. איך האָב אין יענעם קאָנצערט פאַרדינט אַכצן הונדערט דאָלאַר ריינעם פּראָפיט.

אַלס אימפּרעסאַריאָ האָב איך זיך איבערצייגט, אַז עס איז אַ סך גרינגער דורכצוקומען מיט די סטאַרס גופא ווי מיט זייערע פאָרשטייער, אַגענטן אָדער מענעדזשערס. אָבער ניט אַלע מאָל איז געווען לייכט צוצוקומען צו דעם סטאַר, דעם קינסטלער, פערזענלעך. זייערע מענעדזשערס האָבן שוין געזאָרגט פאַר דעם, אַז אַלע ביזנעס פאַרהאַנדלונגען זאָלן ניט געטאָן ווערן פון די אַרטיסטן, נאָר דורך זייערע מענעדזשערס אָדער אַגענטן.

אין יענער צייט האָט די טעאַטער־וועלט געקלונגען מיט דעם אַקטיאָר און אונטערהאַלטער דזשאָרדזש דזשעסל, וועלכער האָט געשפּילט אויף בראָדוועי אַלס סטאַר פון דעם „דזשעז סינגער“. דזשאָרדזש דזשעסל האָט שטאַרק אָנגעריסן מיט דער דאָזיקער פּיעסע, אין וועלכער ער האָט געשפּילט אַרום טויזנט פאָרשטעלונגען. אין דער יידישער וועלט איז ער נאָך מער באַרימט געוואָרן צוליב זיינע בענעפיט פאָרשטעלונגען, צו וואָס ער

באָריס טאָמאַשעפסקי



דוד קעסלער

האָט אָפּגעגעבן זיין צייט, ענערגיע און טאַלאַנט פאַר פאַרשידענע צדקה־אונטערנעמונגען.

ווען נאָר עס איז געווען נויטיק צו קריגן געלט פאַר אַן אינסטיטוציע פלעגט מען זיך ווענדן צו דזשאָרדזש דזשעסל און ווי ווייט עס איז געווען מעגלעך פאַר אים, האָט ער זיך אונטערגענומען צו געבן זיין פאָרשטעלונג אומזיסט. ווייזט אויס, אַז וואָס אָנבאַלאַנגט צדקה־אָנגעלעגנהייטן האָט זיין מענעדזשער און אַגענט עדווין רעלקין קיין שליטה איבער אים ניט געהאַט.

איך האָב שוין געהאַלטן אַן אויג אויף דזשאָרדזש דזשעסל, דעם יונגן טאַלאַנטפולן אַקטיאָר, און איך האָב ביי זיך אָפּגעמאַכט צו קריגן אים פאַר אַ קאָנצערט, וואָס איך האָב געפּלאַנט צו אַראַנזשירן אין בראָנזוויל, אין פרעמיער טעאַטער. איך האָב שוין געהאַט צונויפגעזאַמלט נאָך אייניקע קרעפטן, אָבער די הויפּט־אַטראַקציע האָט באַדאַרפט זיין — דזשאָרדזש דזשעסל.

עס האָט זיך געפונען אַן אינסטיטוציע, מיר דוכט זיך, אַ תלמוד־תורה, וואָס האָט גענומען צוויי הונדערט טיקעטס פאַר אַ בענעפיט. איך האָב געטראַכט, אַז ווי באַלד עס האָט אויך עפּעס צו טאָן מיט אַ בענעפיט, וועט

מיר שוין ניט אָנקומען שווער צו קריגן דזשאָרדזש דזשעסל, וועלכער האָט קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט אויפצוטרעטן פאַר טשאַריטי (צדקה).

איך בין אַוועק אין האָטעל ריץ קאַרלטאָן, וואו דזשאָרדזש איז איינגע־שטאַנען. ער האָט מיך אויפגענומען. איך האָב זיך פאַר אים פאָרגעשטעלט און אים געזאָגט וועגן מיין וואונטש אים צו האָבן אַלס הויפּט־אַטראַקציע פאַר אַ קאָנצערט, וואָס אַ טייל פון דעם וועט גיין פאַר אַ בענעפיט. איך האָב אים געצייגט די פּובליסיטי, וואָס איך האָב געהאַט מיט די באַרימט־קייטן, ווי: יאָסעלע ראָזענבלאַט, אפרים צימבאַליסט, שאַליאַפּין און אַנדערע.

— גוט! — רופט זיך דזשעסל אָן צו מיר — איך וועל דאָס טאָן. איר זעט זיך מיט מיין מענעדזשער עדווין רעלקין. ער וועט אייך שוין זאָגן וועלכן אָוונט איך בין פריי און ער וועט שוין מיט אייך אויסאַרבעטן אַלע איינצלהייטן.

איך האָב ניט פאַרלאָרן קיין צייט און זיך באַלד געזען מיט רעלקינען. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך האָב שוין גערעדט מיט דזשאָרדזש דזשעסל און ער שטימט איין זיך צו באַטייליקן אין דעם קאָנצערט, וואָס איז טיילוויז (איך בין ניט זיכער צי איך האָב גענוצט דאָס וואָרט „טיילוויז") פאַר אַ בענעפיט.

רעלקין האָט אַריינגעקוקט אין זיין קאַלענדאַר צו זען וועלכן אָוונט דזשעסל איז ניט אַראַנזשירט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז אַ פּאָר וואָכן איידער דער קאָנצערט וועט דאַרפן פאָרקומען זאָל איך זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט אים, כדי דאָס צו באַשטעטיקן.

איך בין פון אים אַוועק אַ צופרידענער. קיין געלט האָט ער ניט דער־מאָנט... ווי באַלד דאָס איז טיילוויז פאַר אַ בענעפיט, וועט דזשעסל בייטראָגן זיין טייל צום קאָנצערט אומזיסט, האָב איך געטראַכט. איך האָב זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט נאָך קרעפטן, וועלכע האָבן יאָ גענומען געלט. איך האָב זיך גענומען צו מיין אַרבעט און אַלץ איז געגאַנגען כשורה.

די צוויי הונדערט טיקעטס, וואָס די ליידיס אָקזילערי האָט זיך אונטער־גענומען צו פאַרקויפן, זיינען כמעט אַלע אויספאַרקויפט געוואָרן. דזשאָרדזש דזשעסל נאָמען האָט אומעטום אָנגעריסן. איך בין געווען זייער גליקלעך. דער קאָנצערט וועט זיין אַ דערפאָלג. אָט זיינען שוין בלויז געבליבן צוויי וואָכן צום קאָנצערט. איך טעלעפאָניר צו רעלקינען און איך דערמאָן אים, אַז ער האָט מיך געבעטן זיך צו שטעלן אין פאַרבינדונג מיט צוויי וואָכן פאַרן קאָנצערט.

ער פרעגט מיך ווי עס גייט און איך זאָג אים, אַז עס איז בעסער ווי געוואונטשן. דזשעסל איז שטאַרק פּאָפּולער צווישן די יידן אין בראָנזוויל און איסט ניו־יאָרק און אַז די טיקעטס פאַר דער תלמוד־תורה זיינען אוין אויספאַרקויפט און אויך די אַנדערע טיקעטס האָלטן שוין ביים אויספאַר־קויפט ווערן.

— וואָס ? — פרעגט ער מיך — אייער קאָנצערט איז ניט קיין גאַנצער בענעפיט ?

איך זאָג אים דעם אמת, אַז די תלמוד־תורה האָט בלויז גענומען צוויי הונדערט טיקעטס און אַז אויב עס וועט זיין פאַר אַ בענעפיט, וועל איך דאַרפן אַרונטעררעכענען אַלע הוצאות און דאָס איבעריקע וועט זיין מיין פּראָפיט.

— אויב אַזוי קען איך אייך לאָזן וויסן, אַז דזשאָרדזש דזשעסל וועט ניט קומען, סיידן איר וועט צושטעלן פריער טויזנט דאָלאר.

— וואָס רעדט איר ?! — רוף איך זיך אָפּ — טויזנט דאָלאר ?! ווי אַזוי וועל איך דאָס קענען באַהויפּטן ? עס וועט דאָך אויסקומען, אַז איך וועל דאַרפן טאָן מיין גאַנצע אַרבעט אומזיסט !

— דאָס איז דער פּרייז פאַר דזשאָרדזש דזשעסלס אַן אויפטריט — ענטפערט ער מיר — איר וועט מוזן צושטעלן די טויזנט דאָלאר, אויב ניט וועט ער ניט קומען צום קאָנצערט.

איך האָב שוין איינגעזען, אַז דער רעלקין איז אַ גאַנץ האַרטע נוס. איך האָב אָבער קיין ברירה ניט געהאַט. די בילעטן זיינען שוין באַלד אויספאַרקויפט געוואָרן. אמת, דאָס געלט וואָס איך האָב שוין אַריינגעקראָגן פאַר די בענעפיט־טיקעטס און פאַר די אַנדערע טיקעטס וואָס האָבן זיך גאַנץ גוט פאַרקויפט, וואָלט געקענט דעקן די אַלע הוצאות. אָבער אויב איך בין געצוואונגען אָפּצוגעבן טויזנט דאָלאר פאַר דזשאָרדזש דזשעסל, וועט פאַר מיר גאָר ניט בלייבן, עס וועט אויסקומען, אַז איך האָב געאַרבעט די גאַנצע עטלעכע חדשים אומזיסט, מיין גאַנצן פּראָפיט וועל איך זיין געצוואונגען אָפּצוגעבן אים.

איך האָב געטראַכט, אַז פיליכט איז דאָס מיין שולד. איך וואָלט באַדאַרפט גלייך זאָגן דזשעסלען, אַז מיין אונטערנעמונג איז ניט אין גאַנצן פאַר אַ בענעפיט. עס איז בלויז טיילווייז בענעפיט און דאָס איבעריקע דאַרף פאַררעכנט ווערן פאַר מיין פאַרדינסט.

## קאַפּיטל 19

דער אָונט איז געווען אַ גרויסער דערפאָלג. דזשאָרדזש דזשעסל האָט געזונגען „כל נדרי“ און נאָך אייניקע געזאַנגען פון זיין בראָדוועי סוקסעס שאָו „דהי דזשעז סינגער“. דער טעאַטער האָט געשטורעמט מיט אַפּלאָדיסמענטן. ער האָט אויך געזונגען עטלעכע לידער, וואָס ער אַליין האָט פאַרפאַסט. איך האָב געקענט מערקן, אַז דזשעסל איז געווען זייער צופרידן פון דער באַגייסטערטער אויפנאַמע, וואָס די בראָנזווילער יידן האָבן אים געגעבן. ער האָט נאָכגעגעבן דעם פאַרלאַנג פון פּובליקום און ער האָט „דערלאַנגט“ נאָך מער ווי עס איז געווען אין פּראָגראַם.

נאָך דזשעסלס אויפטריט איז געווען אַן איבעררייס. איך בין אַריינ־

יוסף בולאָוו

פּאָול מוני

געקומען אין צימער וואו דזשעסל האָט זיך געפונען. איך האָב אים באַ־גריסט און האַרציק באַדאַנקט.

— איך קען אייך ניט איבערגעבן דעם גייסטיקן פאַרגעניגן, וואָס איר האָט פאַרשאַפט די יידן פון בראָנזוויל און איסט ניו־יאָרק — זאָג איך אים, דריקנדיק זיין האַנט — אַט די יידן קענען ניט באַהויפּטן אייך צו זען און הערן אויף בראָדוועי און אייער קומען אַהער צו זיי, איז געווען אַ גרויסער „טריט" פאַר אַלעמען.

— יאָ, איך האָב געזען, אַז איר האָט געהאַט אַ פולן טעאַטער! — רופט זיך אָן דזשעסל צו מיר.

— דאָס איז אַלץ אַ דאַנק אייער אויפטריט! — זאָג איך אים — אָבער צום באַדויערן זיינען די עקספּענסעס (הוצאות) געווען אַזוי גרויס, אַז מיר איז גאָר ניט פאַרבליבן פאַר מיין אַרבעט... איך האָב געאַרבעט אומדער־מידלעך, כדי דער קאָנצערט זאָל זיין אַ דערפאָלג. איבער דריי חדשים האָב איך געאַרבעט... פאַרגעסט ניט, מר. דזשעסל, אַז איך בין אַ פאַמיליע־מאַן, מיט אַ פרוי און צוויי קינדער. קיין אַנדער איינקונפט האָב איך ניט... ווען איך וואָלט געוואוסט פריער, אַז איך דאַרף אייך צושטעלן טויזנט דאָלאַר, וואָלט איך פיליכט געמאַכט העכערע פרייזן פאַר די טיקעטס...

— וואָס מיינט איר? — פרעגט מיך דזשעסל מיט דערשטוינונג — ווער האָט אייך געזאָגט, אַז איר דאַרפט מיר צושטעלן טויזנט דאָלאַר?

— אייער מענעדזשער, מר. רעלקין! — רוף איך זיך אָן — ער האָט מיר געזאָגט, אַז אויב איך שטעל ניט צו די טויזנט דאָלאַר פאַר דעם אויפ־טריט, וועט איר ניט קומען. איך בין געווען אונטערן איינדרוק, אַז...

— ער ווייסט גאַנץ גוט, אַז פאַר אַ בענעפיט נעם איך ניט קיין געצאָלט! — רופט אויס דזשעסל.

— איך האָב פאַרגעסן אייך צו זאָגן דאָן, ווען איך האָב מיט אייך גערעדט, אַז דער קאָנצערט וועט זיין טיילווייז פאַר אַ בענעפיט. ווען ער האָט זיך דערוואוסט, אַז איך וועל עפּעס פאַרדינען אין דעם, האָט ער מיך גלייך געהייסן ברענגען דעם טויזנטער — זאָג איך. — איצט מיינט עס, אַז ניט נאָר וועל איך פערזענלעך גאָר ניט האָבן פאַר מיין מי, נאָר איך וועל נאָך דאַרפן דערלייגן עטלעכע דאָלאַר פון מיין אייגענער קעשענע.

— אָ, דער „סאָן אָוו עי גאָן!" — האָט דזשעסל צו מיר זיך אָנגערופן — ער האָט מיט מיר נאָך אַפילו ניט גערעדט וועגן דעם! אָבער זאָרגט ניט, ער וועט אייך צוריקגעבן דעם גאַנצן טויזנטער! איך וועל זיך זען מיט אים מאָרגן אין דער פרי. איך וועל שוין זען, אַז ער זאָל האָבן פאַר אייך די גאַנצע סומע געלט.

— אָ, מר. דזשעסל, איך דאַנק אייך זייער! — האָב איך צו אים געזאָגט — איר האָט מיך פּשוט געראַטעוועט. אייער האַנדלונג האָט מיר געגעבן מער מוט און קוראַזש, איך וועל קענען ווייטער אָנגיין מיט מיין אַרבעט.

— איר טוט גוטע אַרבעט! — זאָגט דזשעסל צו מיר — און איך וועל אייך העלפן ווי ווייט איך וועל קענען. ווען איר וועט זיך נויטיקן אין עפּעס, קענט איר זיך שטעלן אין פאַרבינדונג מיט מיר.

— מר. דזשעסל, — רוף איך זיך אָן, וועלנדיק אויסנוצן די געלעגנהייט — איך וואָלט זייער געוואָלט קריגן אַ געלעגנהייט זיך צו זען מיט עדי קענטאָר. קענט איר מיר זאָגן ווי אַזוי דאָס וואָלט פאַר מיר מעגלעך געווען?

— איך וועל אייך זאָגן וואָס איר זאָלט טאָן — ענטפערט ער מיר. — קומט אַ דאָנערשטאָג אין לינדיס רעסטאָראַן. עדי קומט דאָרט יעדן דאָנערש־טאָג. איך וועל דאַן אויך דאָרט זיין. איר וועט צוקומען צו מיר, וועל איך שוין זען אייך פאָרצושטעלן פאַר עדי קענטאָר.

איך בין געווען אין זיבעטן הימל פון גליק. אין אָט די צען מינוט, וואָס איך האָב פאַרבראַכט מיט דזשאָרדזש דזשעסל, האָט ער מיר ניט נאָר צוגעזאָגט, אַז רעלקין וועט מיר צוריקקערן די טויזנט דאָלער, וואָס איך האָב אים איינגעצאָלט פאַר אים, נאָר ער האָט מיר אויך צוגעזאָגט מיך פאָרצושטעלן פאַר עדי קענטאָר.

אויף מאָרגן נאָך מיטאָג בין איך צוגעפאָרן צום אָפיס פון מר. רעלקין. ער האָט מיך געבעטן זיך זעצן. פאַר אַ ווײַלע האָט ער צו מיר גאָרניט גערעדט. ער האָט אַריינגעקוקט אין די פּאַפּירן, געעפנט די עטלעכע בריוו,

עפעס פֿאַרצייכנט. איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז דזשעסל האָט שוין מיט אים גערעדט וועגן מיר. פֿונדעסטוועגן האָט מיין האַרץ שטאַרק געקלאַפּט: אפשר איז רעלקינען געלונגען איבערצורעדן דזשעסלען, אַז ער זאָל צוריקציען זיין צוזאָג מיר אומצוקערן די טויזנט דאָלאַר?...

— דזשאָרדזש דזשעסל האָט היינט אין דער פֿרי מיט מיר גערעדט וועגן אייך — ווענדעט זיך רעלקין צו מיר. — ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ בענעפֿיט פֿאַר אַ טשאַריטעבל אינסטיטוציע, ווייס איך, אַז ער נעמט קיין געלט ניט, סיידן ער דאַרף מאַכן אַ לאַנגע רייזע און האָט גרויסע הוצאות. אייער קאָנצערט אָבער איז דאָך ניט געווען פֿאַר טשאַריטי, האָב איך דעריבער פֿאַרלאַנגט אָט די דאָזיקע סומע, וואָס דזשעסל נעמט פֿאַר אַן אויפֿטריט.

— עס איז געווען טיילוויז פֿאַר אַ תּלמוד־תּורה! — רוף איך זיך אָן.

— און מיר דוכט זיך, אַז איך האָב אייך דאָס געזאָגט.

— דאָס געדענק איך ניט. יעדנפֿאַלס וואָלט איר געקענט אַרונטערנעמען אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר צוליב דעם בענעפֿיט, אָבער די גאַנצע טויזנט דאָלאַר צוריקגעבן, דאָס קען נאָר אַ דזשאָרדזש דזשעסל!... ער האָט מיר אָנגעזאָגט איך זאָל אייך אומקערן דעם גאַנצן טויזנטער. נו, ער איז דער באַס... אָט האָט איר אַ טשעק אויף טויזנט דאָלאַר!

ער האָט אַרויסגענומען פֿון זיין טיש־קעסטל דעם טשעק און מיר אים איבערגעגעבן.

— דזשעסל האָט מיר געזאָגט — רעדט רעלקין צו מיר — אַז איר פֿאַרדינט געלויבט צו ווערן פֿאַר דעם, וואָס איר האָט געקענט צונויפֿברענגען אַזאַ גרויסן עולם, וואָס האָט זיך וואונדערלעך אויפֿגעפֿירט.

— די בראָנזווילער און איסט ניו־יאָרקער יידן זיינען געווען איבערווועלטיקט פֿון דזשאָרדזש דזשעסלס אויפֿטריט און מען וועט אים אַזוי שנעל ניט פֿאַרגעסן! — האָב איך געזאָגט און אַריינגעלייגט דעם טשעק אין קעשענע. איך האָב אים באַדאַנקט, זיך געזעגנט און אַ גליקלעכער אַוועקגעפֿאָרן אַהיים.

דער געדאַנק, אַז איך וועל האָבן אַ געלעגנהייט פֿאַרגעשטעלט צו ווערן פֿאַר עדי קענטאָר, האָט מיך שטאַרק אימפּאָנירט. איך האָב נאָכגעפֿאָלגט עדי קענטאָרס שטייגן אויפֿן לייטער פֿון שוישפּיל און קונסט. איך האָב אים געזען אַלס פּאָפּולערן וואָדעוויל־אַקטיאָר אין קיעטה וואָדעוויל סוירקיט, אין זיגפֿילד פֿאָליעס, אין מואווינג פּיקטשורס און אַלס הויפּטסטאַר אין „קיד בוטהס“ אויף בראָדוועי, וואָס איז געלאָפֿן שוין דעם דריטן יאָר מיטן גרעסטן דערפֿאָלג. איך האָב געוואוסט פֿון זיינע וואוילטעטיקע אַקטיוויטעטן. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז דער גרינדער פֿון „עדי קענטאָר קעמפּס“, וועמענס צוועק עס איז צו שיקן דריי טויזנט אָרעמע קינדער פֿאַר צוויי וואָכן אין קעמפּס. איך האָב אויך געוואוסט, אַז עדי

קענטאַר איז טעטיק אין פאַרשיידענע אַנדערע צדקה־אינסטיטוציעס. דעריבער האָב איך אויסגעקוקט מיינע אויגן זיך מיט אים צו באַקענען.

אויף מאָרגן, נאָך דעם ווי דזשאַרדזש דזשעסל איז אויפגעטראָטן אין פּרעמיער טעאַטער, איז געווען אַ באַריכט וועגן דעם אין „ברוקלין דעילי איגל", מיט דזשעסלס בילד, אין וועלכן ער איז שטאַרק געלויבט געוואָרן. עס איז אויך געווען אַ באַשרייבונג אין צוויי יידישע צייטונגען. איך האָב דאָס אויסגעשניטן פון די צייטונגען, כדי צו ווייזן דאָס דזשעסלען ווען איך וועל אים זען.

איך האָב געוואוסט, אַז דאָס רוב אַקטיאָרן, וועלכע שפּילן אויף בראָדוועי, קומען אַריין אין לינדיס רעסטאָראַן ערשט אַרום האַלב נאָך עלף. איך איך בין אַהין אָנגעקומען אַרום עלף אַזייגער. איך האָב זיך געזעצט ביי אַ טישל און עפּעס געאָרדערט. איך האָב דאָרט באַמערקט פּנימער פון ווילטיקע אַקטיאָרן, אַרטיסטן, זינגער און מוזיקער, וועמענס בילדער איך האָב גאַנץ אָפט באַמערקט אין די צייטונגען און אין די מאַגאַזינען. איך האָב די גאַנצע צייט געהאַלטן מיינע אויגן אין דער ריכטונג פון וואַנען די געסט קומען אַן...

ענדלעך האָב איך דערזען דזשאָרדזש דזשעסלען אַריינקומען. ער איז גלייך באַגריסט געוואָרן פון זיינע באַקאַנטע און פאַרערער. איך האָב שוין פון אים מיינע אויגן ניט אַרונטערגענומען, איך האָב אים נאָכגעקוקט און איך האָב געזען, אַז ער זעצט זיך ביי אַ טישל וואו עס זיינען געזעסן נאָך אייניקע פון זיינע פריינד. איך האָב באַשלאָסן ניט צוצוקומען גלייך צו אים, נאָר צוזוואַרטן ביז וואַנען ער וועט זיך איינאָרדענען ביי זיין טישל...

איך האָב באַמערקט, אַז עס קומען צו אים צו יונגעלייט און דאַמעס. זיי באַגריסן אים, זיי רעדן אַ ווײַלע און דאַן גייען זיי אַוועק. דאַן האָב איך ביי זיך געפאַסט מוט און בין צו אים צוגעגאַנגען. דערלאַנגענדיק אים מיין האַנט, רוף איך זיך אָן:

— העלאָו, מר. דזשעסל!

דזשעסל האָט אויף מיר אַ קוק געגעבן מיט דורכדרינגלעכע בליקן, ווי איך וואָלט געווען עפּעס אַן אומבאַקאַנטער... איך האָב געקענט מערקן, אַז ער פילט זיך עפּעס אומבאַקוועם, ווי איך וואָלט געווען ביי אים אַן אומגעבעטענער גאַסט, אַ באַלעסטיקער!... מיין פּנים האָט זיך געביטן אין קאָלירן, איך האָב זיך שטאַרק פאַרשעמט פאַר די אַנדערע, וועלכע זיינען דאָרט געזעסן. באַלד אָבער בין איך צו זיך געקומען. איך האָב געטראַכט: מעגלעך, אַז ער דערקענט מיך ניט. אמת, ער האָט מיך שוין געזען צוויי מאָל, אָבער ער זעט דאָך אַזוי פיל מענטשן יעדן טאָג, קען זיין אַז ער קען זיך ניט דערמאָנען ווער איך בין. איך רוף זיך אָן צו אים:

— מר. דזשעסל, די „ברוקלין איגל" האָט אָנגעשריבן אַ לענגערן באַריכט וועגן אייער אויפטריט אויף מיין קאָנצערט. אָט האָב איך געבראַכט

די אויסשניטן פון דער „איגל״ און אויך איניקע באַשרייבונגען אין די יידישע צייטונגען...

— אָ, יאָ, מר... המ...

— מר. הערי דעל! — העלף איך אים אַרויס.

— יאָ, מר. דעל! — האָט דזשעסל זיך שוין אַרומגעכאַפּט מיט מיר.

— איר זאָלט מיר אַנטשולדיקן, איך האָב זיך ניט געקענט דערמאָנען. איך בין זייער צופרידן אייך צו זען. אָ, קומט, זעצט זיך דאָ לעבן מיר — האָט ער מיר געצייגט אַ פּלאַץ.

ווייזט אויס, אַז ער האָט געפילט זייער שלעכט פון דעם, וואָס ער האָט מיך גלייך ניט דערקענט און ער האָט באַמערקט מיין פאַרלעגנהייט, האָט ער עס געוואָלט גוט מאַכן מיט זיין אינטימען, פריינדלעכן זיך באַנעמען צו מיר. ער האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיינע פריינד, צוגעבנדיק, אַז איך בין איינער פון די וויכטיקסטע יידישע אימפּרעסאַריאָס. איך האָב זיך צו־געזעצט און אים געצייגט די אויסשניטן פון „דעילי איגל״ און פון די יידישע צייטונגען.

ער האָט זיי דורכגעבליקט און צוגעגעבן מיט אַ שמייכל:

— מר. דעל, איך מוז אייך קאָמפּלימענטירן פאַר דער אָרדענונג אין טעאַטער און פאַר דעם אינטעליגענטן צושויער, וואָס איר האָט געהאַט פאַרזאַמלט פאַר דעם קאָנצערט!

איצט, אַז איך האָב שוין גענומען פילן זיין וואַרעמע פריינדלעכקייט און זיין אינטימקייט, האָב איך אים שוין דערמאָנט, אַז ער האָט מיר צוגע־זאָגט מיך פאַרצושטעלן פאַר עדי קענטאָר.

— אָ, יאָ, גערעכט! גוט, איך וועל אייך פאָרשטעלן פאַר אים. ער האָט זיך אויפגעשטעלט און גענומען זוכן אים מיט זיינע אויגן. צו מיר האָט ער געזאָגט:

— ווייזט אויס, אַז עדי איז נאָך ניט געקומען. ער שפּילט אין „קיד בוטהס״ און דאָרט איז רעכט, אַז עס דויערט אַ ביסל לענגער...

אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער באַמערקט עדי קענטאָרן אַריינקומענדיק אין רעסטאָראַן:

— דער „קיד״ איז געקומען! — האָט דזשעסל זיך צו מיר געווענדעט לאַכנדיק. — מיר וועלן באַלד צו אים צוגיין און אייך פאָרשטעלן פאַר אים.

עס איז אָבער ניט געווען אַזוי לייכט צוצוקומען צו עדי קענטאָר. ער איז באַלד אַרומגערינגלט געוואָרן פון אַקטיאָרן און אַקטריסעס, וועלכע האָבן אים ניט אָפּגעלאָזט. ערשט אַרום איינס אַזייגער האָב איך געקראָגן די געלעגנהייט. דזשעסל איז מיט מיר צוגעגאַנגען, און ער רופט זיך אָפּ צו אים:

— עדי, איך וויל פאַר דיר פאָרשטעלן מיינעם אַ פריינד, מר. דעל,

וועלכער איז אַ באַרימטער יידישער אימפּרעסאַריאָ. איך בין די לעצטע וואָך אויפגעטראָטן אויף איינעם פון זיינע קאָנצערטן...

קענטאָר האָט מיר וואַרעם געדריקט די האַנט און מיך געבעטן זיך צוזעצן. דזשעסל האָט געוואָלט מאַכן דעם איינדרוק ביי עדין, אַז איך בין ווירקלעך זיינען אַ גוטער פריינד, האָט ער זיך צו מיר אָנגערופן:

— אַז איר וועט פאַרטיק ווערן מיט עדין, קומט צו צו מיין טישל און מיר וועלן נאָך שמועסן.

אָט דורך דער דאָזיקער האַנדלונג האָט דזשעסל פון מיר געקראָגן מיין אייביקע דאַנקבאַרקייט. איך האָב שוין דאָס געקענט מערקן אין קענטאָרס באַנעמען זיך זיך מיט מיר. ער איז געווען זייער פריינדלעך מיט מיר... איך האָב אים דערציילט וואָס פאַר אַ רושם דזשעסלס אויפטריט האָט געמאַכט אויף דעם פּובליקום. איך האָב דזשעסלען שטאַרק געלויבט פאַר זיין הומאַניטאַרער האַנדלונג. איך האָב גערעדט מיט קענטאָרן וועגן מיין פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ יערלעכן „טעאַטער און קונסט זשורנאַל״. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וואָלט זייער געוואָלט אַראַנזשירן אַן אינטערוויו מיט אים.

— דאָס איז אַ גאַנץ שווערער ענין — זאָגט מיר קענטאָר. — איך בין לעצטנס אַזוי שטאַרק פאַרנומען, אַז איך ווייס ניט צי איך וועל קענען אָפּשפּאָרן אַ ביסל צייט פאַר דעם. יעדנפאַלס קומט צו צום טעאַטער, אפשר וועלן מיר קענען אַ שמועס טאָן צווישן די אַקטן. האָט איר שוין געזען „קיד בוטהס״?

— ניין, איך האָב קיין געלעגנהייט ניט געהאַט דאָס צו זען. איך וואָלט זייער געוואָלט צוקומען זען די פּיעסע.

קענטאָר האָט אַרויסגענומען אַ פאַונטעין פּען און אויף אַ שטיקל פּאַפּיר אָנגעשריבן, אַז מען זאָל מיר געבן צוויי טיקעטס צו וואָס פאַר אַן אָוונט איך וועל נאָר קומען. ער האָט מיר אויך געגעבן אַ צעטעלע, אַז מען זאָל מיך צולאָזן צו זיין גאַרדעראָב־צימער צווישן די אַקטן.

איך האָב אים האַרציק באַדאַנקט און איידער איך האָב זיך מיט אים געזעגנט, האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וואָלט זייער געוואָלט זיך באַקענען מיט אַל דזשאָלסאָנען. איך האָב אים געפרעגט ווי אַזוי איך קען דאָס באַווייזן.

— איך וועל דאָס שוין באַזאָרגן! — האָט קענטאָר זיך אָפּגערופן צו מיר. — ער איז איצט אין האָליוואוד, וואו מען דאַרף אינגיכן „רעליסן״ די מואווינג־פּיקטשור „דהי דזשאַז סינגער״. יעדנפאַלס, אויב עס וועט ניט זיין מעגלעך פאַר מיר צו רעדן מיט אייך צווישן די אַקטן, קענט איר צוקומען אַהער דאָנערשטאָג און איך וועל שוין דערפילן אייער וואונטש.

## קאַפּיטל 20

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך אַוועק צום טעאַטער, וואו עדי קענטאָר האָט געשפּילט. איך האָב געצייגט אין באָקס אָפּיס דאָס צעטל מיט עדי קענטאָרס אונטערשריפט און מען האָט מיר באַלד געגעבן צוויי טיקעטס אין די פאָדערשטע רייען.

איך בין געגאַנגען מיט גאָסין אין טעאַטער און געזען עדי קענטאָר אין "קיד בוטהס", וואָס האָט אונדז פאַרשאַפט אַ סך פאַרגעניגן. איך האָב מיט אַ סך שטאָלץ דערציילט מיין פרוי וועגן דער איידלקייט און פריינדלעכקייט פון אַזעלכע באַרימטע סטאַרס ווי דזשאָרדזש דזשעסל און עדי קענטאָר. ווי איינפאַך זיי האַלטן זיך...

— איך וועל זיך מיען אַריינצוקריגן עדי קענטאָר און מעגלעך אַל דזשאָלסאָן, זיי זאָלן אויפטרעטן אויף מיינע קאָנצערטן — רוף איך זיך אָן צו מיין פרוי.

— הלוואי, הלוואי! — ענטפערט מיר גאָסי. — צו דזשאָרדזש דזשעסל האָסטו דאָך ניט דערלייגט...

— ניט נאָר האָב איך צו אים ניט דערלייגט — רוף איך זיך אָפּ — נאָר איך האָב אויך דורך אים זיך באַקאַנט מיט עדי קענטאָר און איך בין זיכער, אַז קענטאָר וועט שוין זען מיך פאַרצושטעלן פאַר אַל דזשאָלסאָנען.

צווישן ערשטן און צווייטן אַקט האָב איך געמאַכט אַ פאַרזוך צוצוקומען צו עדי קענטאָרן אין גאַרדעראָב-צימער. אָבער עס איז געווען אוממעגלעך. מען האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז שטאַרק מיד און עס וועט זיין בעסער ער זאָל זיך אָפּרוען די עטלעכע מינוט.

פונדעסטוועגן האָב איך דאָס ניט אָפּגעלאָזן. אין אַ פּאָר וואָכן אַרום, בין איך ווידער אַוועק צו לינדיס רעסטאָראַן וואו איך האָב זיך געזען מיט קאַנטאָרן. ער האָט מיר גלייך דערקענט, און ער האָט געדענקט צוליב וועלכן צוועק איך בין אים איצט געקומען זען. ער האָט מיר געזאָגט אַז אַל דזשאָל־סאָן ווערט דערוואַרטעט אין ניו־יאָרק אָנהייב פעברואַר, און איך זאָל דאַן קומען אַהער וועט ער שוין זען מיך פאַרצושטעלן פאַר אים.

עס איז דאַן געווען אין מיטן דעצעמבער און איך האָב באַדאַרפט וואַרטן זעקס וואָכן ביז וואַנען איך וועל האָבן די געלעגנהייט אַז עדי קאַנטאָר זאָל מיך פאָרשטעלן פאַר אַל דזשאָלסאָן. איך האָב מיך גענומען זאָרגן טאָמער וועט עדי קאַנטאָר מיך פאַרגעסן, אויב איך זאָל זיך פאַר אים ניט ווייזן אַ פּאָר מאָל איידער דזשאָלסאָן וועט זיך צוריקקערן פון האָליוואָוד. איך בין דעריבער געקומען אין לינדיס רעסטאָראַן נאָך צוויי דאָנערשטאָגן און אויסגעמאַרקירט זיך צו זען מיט עדי קאַנטאָר. איך מוז צוגעבן אַז יעדעס מאָל וואָס איך האָב זיך מיט אים געזען האָט ער מיר אַרויסגעוויזט אַ סך פריינדלעכקייט. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט ווי איך פּראָגרעסיר מיט מיין „טעאַטער און קונסט-זשורנאַל".

עדי קאַנטאָרס אינטערעס אין מיין ליטעראַרישער אַרבעט האָט מיך שטאַרק דערהויבן און דערמוטיקט. איך האָב געשטוינט ווי אַזוי אַזאַ מענטש ווי ער, וועלכער איז שוין וועלט־באַרימט, און האָט אַזוי פיל פאַרשיידענע אינטערעסן אין לעבן, זאָל געדענקען דאָס וואָס איך האָב אים מיט עטלעכע חדשים פריער דערציילט וועגן מיין אַרבעט אַרויסצוגעבן אַ צווייטן יאָר־לעכן „טעאַטער און קונסט". איך האָב באַשלאָסן אַז ווען איך וועל קומען אים זען אַ צווייטן מאָל, וועל איך מיטנעמען מיין ערשטן יאָר־בוך „טעאַטער און קונסט", וואָס איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אין אַפּריל 1926.

איך בין אַוועק אין לינדיס רעסטאָראַן און שוין אויף אים געוואַרט. ווען איך האָב געקראָגן די געלעגנהייט זיך צו זען מיט עדי קאַנטאָרן, האָב איך אים געציייגט דעם זשורנאַל וואָס איז געווען אין אַ שיינעם לעדערנעם בונד. קאַנטאָר האָט אים דורכגעבלעטערט, אַרויסווייזנדיק אַ סך אינטערעס אין די פאַרשיידענע בילדער און באַשרייבונגען פון די גרעסטע קינסטלער פון יענער צייט.

— דער צווייטער יאָר־בוך פון „טעאַטער און קונסט" — האָב איך גע־זאָגט קאַנטאָרן, וואָס, האָפנטלעך, וועט אַרויסקומען נעקסטן אַפּריל 1927 — וועט זיין דריי מאָל אַזוי גרויס, אַן ערך פון 200 זייטן. איך וואָלט דעריבער געוואָלט האָבן אייער בילד מיט אַן אינטערוויו פון אייך.

— איך זע אַז איר האָט דאָ די בילדער און באַשרייבונגען פון אַזעלכע גיגאַנטן פון דער מוזיק און קונסט־וועלט ווי שאַליאַפּין, גאַלי קוירצי, דזשאָן מאַקאָרמיק, ראָזאַ ראַאיסאַ, יאַשאַ חפץ, מישאַ עלמאַן, אפרים צימבאַליסט, איזאַ קרעמער, יאָסעלע ראָזענבלאַט, בראָניסלאַוו הובערמאַן, יוסף שטראַנסקי און אַנדערע וועלט־באַרימטקייטן. טאַ ווי קום איך צווישן אַזעלכע גדולים? — האָט עדי קאַנטאָר מיט אַ שמייכל זיך צו מיר אָנגערופן.

— עס וועט זיין דער גרעסטער כבוד פאַר מיר, ווי אויך פאַר די אַלע גדולים, ווען איר וועט זיין צווישן זיי — האָב איך זיך אָנגערופן צו אים.

איך האָב די געפּלאַנטע אינטערוויו מיט אים און זיין בילד ניט געקענט באַקומען איידער דער צווייטער „טעאַטער און קונסט" זשורנאַל איז געגאַנגען צום דרוק, אָבער איך האָב יאָ באַוויזן פאַרגעשטעלט צו ווערן דורך קאַנטאָרן פאַר אַל דזשאָלסאָן. קאַנטאָר האָט מיר אָנגעדייטעט אַז איך זאָל מיט זיך האָבן דעם טעאַטער און קונסט־זשורנאַל וואָס ער האָט געהאַט געזען, און דעריבער פלעג איך יעדעס מאָל ווען איך פלעג גיין צו לינדיס רעסטאָראַן מיטנעמען דעם לעדער־געבונדענעם זשורנאַל.

יענעם אָוונט ווען איך האָב זיך געזען מיט עדי קאַנטאָרן, האָט ער מיך פריינדלעך באַגריסט, און מיך אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם זאָגנדיק: „קומט מר. דעל, איך וועל אייך פאָרשטעלן פאַר מר. דזשאָלסאָן. איך זע אַז איר האָט אייער „טעאַטער און קונסט" בוך מיט זיך... איר ווייסט דאָך מן־הסתם אַז אַל דזשאָלסאָנס פאָטער איז געווען אַ חזן, און אייער זשורנאַל האָט אַ סך

צו טאָן מיט די באַרימטע חזנים, און דעריבער וועט ער האָבן צוזאַמען מיט איך עפּעס געמיינזאַמעס.

דזשאָלסאָן איז געזעסן ביי אַ טישל צוזאַמען מיט אַ יונגע דאַמע, אַ שיינ־הייט, און דאָרט האָבן זיך געפונען נאָך אַ פּאָר, אַ יונגערמאַן מיט אַ דאַמע. קאַנטאָר איז צוגעקומען און אויסגערופן: „העללאָו, אַל!" דזשאָלסאָן האָט זיך אויפגעשטעלט און אים דערלאַנגט זיין האַנט אויסרופנדיק: „העללאָו עדי, קיד!".

— גיט נאָר אַ קוק ווער עסע רופט מיך „קיד" — לאַכט קאַנטאָר — איך בין שוין אַ טאַטע פון פינף טעכטער, און ער רופט מיך „קיד"...

— אַל, איך וויל פאַר דיר פאָרשטעלן מיינעם אַ גוטן פריינד און אויך אַ גוטער פריינד פון דזשאָרדזשי דזשעסל, מר. הערי דעל! ער איז איינער פון די באַרימטסטע אימפּרעסאַריאָס, און רעדאַקטאָר פון אַ זשורנאַל „טעאַ־טער און קונסט", אין ענגליש און אין יידיש.

— איך בין זייער צופרידן איך צו קענען — האָט דזשאָלסאָן געדריקט מיין האַנט. — און עדי דאָס איז מיין רובי קילער, — האָט ער פאָרגעשטעלט די יונגע שיינע מיידל וועלכע איז געזעסן פונקט קעגנאיבער אים.

קאַנטאָר האָט געדריקט איר האַנט. ווען דזשאָלסאָן האָט מיך פאָרגע־שטעלט פאַר איר, האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, צושמייכלענדיק.

קאַנטאָר האָט פון מיין האַנט גענומען דעם לעדער־געבונדענעם בוך, און דאָס געצייגט דזשאָלסאָנען, וועלכער דערזעענדיק די בילדער פון די באַ־רימטע חזנים, האָט אַרויסגעוויזן אַ סך אינטערעס.

איך האָב אים דאַן געזאָגט וועגן מיין צווייטן יערלעכן „טעאַטער און קונסט" זשורנאַל און געבעטן אַז ער זאָל מיר געבן אַן אינטערוויו און אויך אַ בילד, ער האָט מיר אָבער געזאָגט אַז ער דאַרף זיך אין גיכן צוריקקערן קיין האָליוואוד, און ער ווייסט ניט ווי לאַנג ער וועט זיך דאָרט פאַרזאַמען. ר'האָט געוואָלט וויסן מער איינצלהייטן וועגן חזן ראָזענבלאַט. איך האָב אים דערציילט דעם אינצידענט וועגן חזן ראָזענבלאַט וועלכער האָט אָפּגעדונגען אַ גאַנצן צוג צו האַלטן זיין וואָרט, און דאָס האָט איף אים געמאַכט אַ שטאַרקן איינדרוק. איך וועל אָבער קיין מאָל ניט פאַרגעסן דעם איינדרוק וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט מיין טרעפן זיך מיט די גרעסטע דריי סטאַרס: דזשאָרדזש דזשעסל, עדי קאַנטאָר און אַל דזשאָלסאָן.

## קאַפּיטל 21

איך האָב כשר פאַרדינט דעם נאָמען „מאַרטירער" פאַר אַן אידעאַל. איך בין דאַן געווען יונג, געזונט, ענערגיש, פול מיט אַמביציע. איך האָב געקענט זיין דערפאָלגרייך אויף יעדן געביט צו וואָס איך וואָלט זיך נאָר גענומען. איך האָב זיך אָבער דאַן אַריינגענומען אין קאָפּ אַז מיין אויפ־

גאַבע איז צוצוגעוואוינען די יידישע מאַסן צו קלאַסישע מוזיק, קאָנצערטן און צו קונסט.

אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט אַרויסגעגעבן אַן אייז־יערלעכן זשורנאַל אונטערן נאָמען „טעאַטער און קונסט״, וואָס איז אויפגענומען געוואָרן מיט צופרידקייט אי פון די פאָלקסמאַסן, אי פון די קריטיקער, האָב איך זיך גענומען צו דער אַרבעט צוצוגרייטן אַ צווייטן יערלעכן זשורנאַל וואָס זאָל זיין גרעסער אין כמות און אין איכות.

אָט די דאָזיקע אַמביציע איז ביי מיר שטאַרקער געוואָרן נאָכדעם ווי איך האָב געהאַט מיין דערפאַרונג מיט די דריי וועלט־באַרימטע סטאַרס: דזשאָרדזש דזשעסל, עדי קאַנטאָר און אַל דזשאָלסאָן. איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט אַז דאָס איז אַ ריזיקע און אויך אַ גאַנץ ריזיקאַלישע אונטערנעמונג... איבערהויפט איצט, ווען איך בין געווען אַ בעל־משפחה מיט אַ פרוי און צוויי קינדער, וואָס איך האָב באַדאַרפט מפרנס זיין.

דער אינערלעכער טריב אין מיר האָט מיך געשטויסן אין פאָרויס. איך האָב באַשלאָסן צו ברענגען צו די גרעסטע קרבנות אויף דעם מזבח פון מיין אידעאַל. פון די קאָנצערטן וואָס איך פלעג איינאָרדענען פון צייט צו צייט האָב איך ווי עס איז געצויגן חיונה, נאָר מער ניט ווי דאָס. אָבער אַרויס־צוגעבן אַזאַ זשורנאַל ווי איך האָב געפּלאַנט, האָט אַריינגעטריבן אין טויזנטער דאָלאַר. קודם־כל האָב איך באַדאַרפט צוגרייטן די בילדער און ביאָגראַפיעס פון אַלע וועלט־באַרימטע קינסטלער, ווי אויך די בילדער און באַשרייבונגען פון אונדזערע גרעסטע חזנים. איך האָב באַדאַרפט באַזאָרגן דעם זשורנאַל מיט אַרטיקלען פון באַרימטע יידישע שרייבער פון קריטיקער, וועלכע האָבן זיך קונה שם געווען מיט זייער קריטיק וועגן טעאַטער און קונסט.

אַזוי ווי איך האָב שוין געהאַט די געלעגנהייט זיך צו באַקאָנען מיט דעם גרעסטן טייל יידישע אַקטיאָרן, קינסטלער און באַרימטע חזנים, איז געווען מיין אויפגאַבע צו זען אַריינצוגעבן אין מיין זשורנאַל אַזעלכע באַרימט־קייטן וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסט צו אַזאַ מין זשורנאַל. איך האָב באַדאַרפט קלייבן און זיפּן... עס וואָלט געווען אוממעגלעך אַריינצוגעבן אַלע וועלט־באַרימטהייטן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון קונסט און טעאַטער... איך בין דעריבער געווען געצוואונגען זיך צו באַגנוגענען מיט אַ באַגרענעצטער צאָל קינסטלער. איך האָב זיך אַריינגעוואָרפן אין אָט דער דאָזיקער אַרבעט מיטן לייב און לעבן. איך האָב אויפגעעפנט אַן אָפיס אויף בראָדוועי, און זיך גלייך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט די גרויסע קינסטלער, אַקטיאָרן און מוזיקער.

קיין געלט אָבער האָב איך ניט געהאַט. דאָס וואָס איך האָב פאַרדינט האָב איך דאָך געברויכט פאַר פרנסה, איך האָב איצט געהאַט די ערשטע אויפגאַבע צו קריגן געלט, כדי צו קענען אָנגיין מיט דער אַרבעט. ווי נאָר

„לא תחמוד" (יידישער קונסט־טעאַטער)



„שאַפּ" פון ה. לייוויק (אוירווינג פּלייס טעאַטער)

איך האָב אַריינגעקראָגן אַ ביסל געלט, האָב איך אָנגעהויבן רעקלאַמירן דעם „טעאַטער און קונסט-זשורנאַל" וואָס וועט אין גיכן אַרויס פון דרוק.

וואָס טיפער איך בין אַריינגעקראָכן אין דער אַרבעט, אַלץ שווערער איז געוואָרן די משא וואָס איך האָב באַדאַרפט טראָגן אויף מיינע אָרעמע פּלייצעס. איך האָב באַשטעלט מאָכן די בילדער פון די גרויסע קינסטלער און מוזיקער. איך האָב זיך געזען מיט באַרימטע יידישע שרייבער, טעאַטער־קריטיקער און פאַכלייט וועלכע האָבן געהאַט בייגעטראָגן אַ סך אויף דעם געביט פון טעאַטער, מוזיק און קונסט.

צווישן אַט די דאָזיקע שרייבער און קינסטלער, זיינען געווען אַזעלכע באַרימהייטן ווי דר. א. מוקדוני, אָסיפּ דימאָוו, דר. יעקב שאַצקי, שאול ראַסקין, מ. אָשעראָוויטש, א. גלאַנץ, יוסף רומשינסקי און אַנדערע. פאַרשטייט זיך אַז די שרייבער האָט מען באַלד באַדאַרפט באַצאָלן; פאַר די בילדער האָט מען געמוזט האָבן מזומן. דעם דרוקער האָט מען געמוזט געבן געלט... דאָ האָב איך ניט קיין סענט. איך בין געלאָפן צו גוטע פריינד און געבאָרגט דאָ אַ הונדערטער, דאָ מער... עס רעדט זיך אַזוי געבאָרגט... עס איז מיר אָנגעקומען מיט „גרינע ווערים" אַריינצוקריגן עטלעכע הונדערט דאָלאַר אַנצוגיין מיט דער ריזיקער אונטערנעמונג. וויבאַלד אַז איך האָב באַשלאָסן צו ווידמען דעם גאַנצן זשורנאַל צו טעאַטער, קונסט און מוזיק, האָב איך גאָרניט געקענט טראַכטן אפילו פון זוכן אַדווערטייזמענטס פאַר דעם זשור־נאַל. דעריבער האָט קיין רייד ניט געקענט זיין וועגן קריגן געלט אין פאָרויס. איך האָב די גאַנצע לאַסט באַדאַרפט טראָגן אויף זיך...

מיין עקאָנאָמישע לאַגע איז געוואָרן אומדערטרעגלעך. עס זיינען געווען טעג וואָס איך האָב מיין ווייב ניט געקענט געבן קיין צען סענט אויף דער הוצאה. מיר האָבן איינפאַך געהונגערט. פאַר קליינע קינדער איז דאָך אָבער קיין תירוץ ניט געווען. האָב איך זיך געמוטשעט, געלאָפן באָרגן אַ פינ־פערל ביי אַ באַקאַנטן אויף עטלעכע טעג. ווען עס איז געקומען צו באַצאָלן, האָב איך קיין פינף פעניס ניט געהאַט. דאָ זיינען שוין פאַריבער אַ פּאָר מאָנאַטן און איך האָב ניט געהאַט מיט וואָס צו צאָלן רענט. דער לענדלאָרד איז געקומען כמעט יעדן טאָג ביי מיר מאָנען געלט. איך האָב זיך ביי אים געבעטן ער זאָל האָבן געדולד און צוואַרטן ביז וואַנען איך וועל האָבן מיין זשורנאַל פאַרטיק, אָבער ער האָט זיך אויף מיר גענומען בייזערן און געזאָגט אַז פון דעם וואָס איך קאָרמע אים מיט תירוצים וועט ער ניט זאַט ווערן. ער האָט מיר געגעבן דריי טעג צייט, זאָגנדיק אַז אויב איך וועל אים ניט אַריינברענגען ביז דאַן די רענט וועט ער מיר געבן אַ „דיספּאָזעס". עס איז מיר געוואָרן שלעכט און ביטער אויפן האַרצן... וואָס זאָל איך איצט טאָן? צו וועמען זאָל איך זיך ווענדן און קערן?...

איך מוז צוגעבן אַז מיין ווייבס האַלטונג אין יענער צייט איז געווען וואונדערלעך. זייער ווינציק פרויען וואָלטן געקענט אַריבערטראָגן אַזאַ קרי־

זיס, האַלטנדיק די זאָרג און צער אין זיך און ניט אויסגיסן כל חמתה צום מאַנס קאָפּ... נאָך אַלעמען בין איך דאָך געווען שטאַרק און פעאיק און געקענט מאַכן אַ לעבן פאַר מיין משפחה, אויב איך וואָלט אויפגעגעבן מיינע חלומות וועגן קונסט, טעאַטער און מוזיק... זי האָט געליטן, זיך געמוטשעט און געשוויגן...

פון גיין זיך וועגדן נאָך הילף צו מיין ווייבס משפחה איז געווען אָפּגערעדט... מיר ביידע זיינען געווען צו שטאָלץ פאַר דעם. איר משפחה איז די גאַנצע צייט געווען בייז אויף מיר פאַרוואָס איך האָב זיך אַריינגענומען אין קאָפּ אַזאַ „נאַרישקייט” ווי טעאַטער און קונסט און איך פאַרשווענד מיין צייט, מיין ענערגיע אויפן ווינט וואָס וועט מיר גאַרניט אַריינברענגען. אין דער אמתן האָב איך גאַנץ אָפט געפילט אַז זיי זיינען גערעכט... אַ מענטש ווי איך, אַ טאַטע פון צוויי קינדער, האָט קיין רעכט ניט מקריב צו זיין זיין משפחה צוליב פוסטע חלומות, אַן אידעאַל צו פאַרשפרייטן קלאַסישע מוזיק, קאָנצערטן און טעאַטער פאַר דער ברייטער מאַסע... אָבער איך בין געווען אַ גרויסער עקשן און זיך ניט געלאָזט בויגן.

איצט אַז מען האָט אונדז געגעבן אַ דיספּאָזעס, און מיר זיינען געבליבן מיט אונדזערע בעביכעס אין דרויסן, איז ביי אונדז ביידן געבליבן צו גיין צו מיינע עלטערן, וועלכע האָבן געוואוינט אין דריי צימערן אין אַ טענעמענטהויז אין בראָנזוויל. עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי מיר האָבן זיך דאָן געפילט. מיינע עלטערן זיינען נאָך אַלץ געווען גאַנץ אָרעם, און דער אַפּאַרטמענט איז געווען קליין און ענג. מיין פרוי און מיין מוטער האָבן ניט געקענט הויזן, און די לאַגע איז ערגער געוואָרן מיט יעדן טאָג. איך בין געווען אַריינגעטאָן אין מיין אַרבעט. דער זשורנאַל האָט שוין געהאַלטן ביים אַרויסגיין, אָבער די חובות זיינען געוואַקסן. איך האָב געדאַרפט זיין אין דרוקעריי, רעדאַגירן די אַרטיקלען, זען אַז די בילדער פון די גרויסע קינסטלער זאָלן קריגן זייער פאַרדינטן פּלאַץ אין זשורנאַל. דערצו האָב איך קיין געלט ניט געהאַט, בין איך געלאָפן זוכן הלוואות. די ערשטע צו וועמען איך בין געקומען איז געווען צילי אַדלער. איך האָב פאַר איר אויסגעגאָסן מיין האַרץ און דערציילט ווי אַזוי איך שטעק מיטן זשורנאַל.

— צילי, דו מוזט מיר העלפן! — האָב איך זיך צו איר אָנגערופן — עס קומט מיין משפחה אויס צו הונגערן.

די גוטע ליבע צילי, האָט גלייך מיר דערלאַנגט אַ הונדערטער. זי האָט גוט געוואוסט וויפל ענערגיע, כוח און געלט איך האָב שוין אַריינגעלייגט, און אַז צו טראָגן ווייטער די שווערע לאַסט אויף מיינע אייגענע פּלייצעס, האָב איך שוין מער קיין כוח ניט. יאָ, זי איז געווען די ערשטע מיר צו קומען צו הילף.

איך בין אַוועק צו לודוויג זאַץ וועמענס בילד איך האָב שוין געהאַט אין מיין ערשטן יערלעכן טעאַטער און קונסט זשורנאַל. ער האָט שוין געהאַט

געהערט פון מיין שרעקלעכער נויט איבער מיין קרבן וואָס איך האָב געבראַכט אויפן מזבח פון טעאַטער און קונסט. איך האָב פאַר אים געעפנט מיין האַרץ, און לודוויג זאָץ האָט מיר דאַן דערלאַנגט דריי הונדערט דאָלאַר און מיר צוגעוואונטשן דערפאָלג. איך האָב אויך געקראָגן הלוואות פון וויליאַם סיגעל און פון אַנדערע וואָס האָט מיר דערמעגלעכט צו פאַרענדיקן דאָס אַרויסגעבן פון דעם זשורנאַל...

אין אַט דער דאָזיקער אונטערנעמונג מיינער, האָב איך באַדאַרפט זיין אַן אָפטער באַזוכער אין דער קאַפע ראַיאַל, וואו אין יענער צייט פלעגן זיך צונויפטרעפן אַלע יידישע אַקטיאָרן, קינסטלער און מוזיקער. איך בין אָבער געווען אַזוי אָרעם אַז איך האָב קיין געלט ניט געהאַט צו באַשטעלן עפּעס צו עסן. איך האָב קוים געהאַט אויף אַ טעפל קאַווע. איך האָב אָבער באַדאַרפט דאָרט זיין, כדי צו הערן די פאַרשיידענע גאָסיפּס (רכילות) וואָס די אַקטיאָרן פלעגן ריידן צווישן זיך.

אין קאַפע ראַיאַל איז דאַן געווען אַ קעלנער מיטן נאָמען הערמאַן. ער האָט שוין געוואוסט ביי וועמען ער וועט קריגן אַ גרויסן טיפּ, און אַרום יענעם פלעגט ער אַרומלויפן און זען אים צו געבן „סוירוויס". ווען ער איז צום ערשטן מאָל צוגעקומען צו מיין פּלאַץ און מיך געפרעגט וואָס איך וויל באַשטעלן, און איך האָב אים געזאָגט בלויז אַ טעפּל קאַווע, האָט ער אַ קרים געטאָן מיט דער נאָז. ער האָט מיר דערלאַנגט די קאַווע, איך בין געבליבן זיצן אַ היפשע ווילע ביים טישל מיט דעם כוח פון טעפעלע קאַווע. איך פלעג באַמערקן ווי הערמאַן גייט אַלע ווילע פאַרביי מיין טישל און קוקט אויף מיר מיט דורכדרינגענדיקע בייזע בליקן. ער האָט פאַרשטאַנען אַז פון מיין טעפעלע קאַווע וועט ער שוין קיין גרויסן טיפּ ניט קריגן. איך האָב אים טאַקע מער ניט איבערגעלאָזן ווי אַ ניקל. ווייל אינגאַנצן האָב איך מיט זיך געהאַט בלויז 20 סענט. פינף סענט האָב איך באַצאָלט „קאַרפער" צו קומען צום ראַיאַל. פינף סענט פאַר קאַווע; פינף סענט אַ „טיפּ" און פינף סענט צו פאָרן צוריק אַהיים...

הערמאַן דער קעלנער האָט זיך שוין געהאַט איבערצייגט אַז ער האָט ווינציק וואָס צו דערוואַרטן פון מיר. ער פלעגט אויף מיר קוקן מיט פאַר־אַכטונג, און וואַרטן מיט אומגעדולד איך זאָל שוין באַפרייען מיין פלאַץ ביים טישל, וועט ער קענען דאָרט אוועקזעצן אַ בעסערן קאַסטאָמער פון מיר. ניט איינמאָל פלעג איך מערקן ווי ער גייט צו צו אַ טישל אַרום וועלכן עס זיינען געזעסן אַקטיאָרן און שרייבער און רעדן וועגן מיר. איך האָב געקענט מערקן ווי אַלעמענס בליקן זיינען פלוצלונג געווענדט אין מיין זייט.

איך האָב געוואוסט אַז הערמאַנס צאָרן אויף מיר ברענט ווי פייער. ווען ער וואָלט געקענט וואָלט ער מיך אַרויסגעוואָרפן פון דער ראַיאַל. ווי נאָר ער פלעגט מיר באַמערקן אַריינקומען אין ראַיאַל, פלעגט ער אַ הויב טאָן זיין קאָפּ, וואַרפן אויף מיר אַ בייזן בליק, און אַ מורמל טאָן ווי צו זיך,

מענדל אָשעראָוויטש

אָסיפּ דימאָוו

ד״ר א. מוקדוני

שאול ראַסקין

אָבער איך האָב דייטלעך געקענט הערן „נו, דער קבצן איז שוין דאָ! ווער האָט נאָך אים געשיקט?!...״

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי מיך האָט עס געקרענקט. אָבער איך האָב גאָרנישט געקענט טאָן. דער זשורנאַל האָט שוין באַדאַרפט אַרויס־קומען. איך האָב זיך געטראַכט אַז אַזוי שנעל ווי איך וועל האָבן דעם זשור־נאַל, וועל איך קומען אַהער, אין קאַפע ראָיאַל און דאָס צייגן פאַר אַלעמען, זאָל הערמאַן דער ווייטער אויך זען אַז איך בין ניט אַבי ווער... אַ קלייני־קייט, דער רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון אַזאַ וואָגיקן „טעאַטער און קונסט זשורנאַל״.

אָט איז שוין געקומען דער טאָג און דער טעאַטער און קונסט זשורנאַל האָט ענדלעך דערזען דאָס ליכט. נאָך פיל מאַטערניש, נאָך אַ סך קאַפּ־ווייטאָג און האַרצווייטאָג, האָב איך ענדלעך דערלעבט דעם טאָג ווען דער זשורנאַל איז אַרויס פון דרוק... אָבער ערשט דעמאָלט האָבן זיך אָנגע־הויבן מיינע צרות, וואָס איך וועל דערציילן אין קומענדיקן קאַפּיטל.

## קאַפּיטל 22

איינער פון די קריטיקער האָט אָנגעשריבן זייער אַן אומפריינדלעך אַרטיקל וועגן דעם טעאַטער־און־קונסט־זשורנאַל. עס איז אין דער מענטש־לעכער נאַטור גיכער צו געדענקען דאָס נעגאַטיווע, אַנשטאָט דאָס פּאָזיטיווע. דאָס אומפריינדלעכע אַרטיקל האָט מיר שטאַרק שאָדן געטאָן, אין פינאַנ־ציעלן זינען, און האָט מיר אויך פאַראורזאַכט גייסטיקע און טיילווייז פיזישע ליידן. נאָך אַזויפיל יאָרן, געדענק איך נאָך אַלץ דעם גרויסן שאָדן און דעם שטאַרקן ווייטאָג, און איך מוז אַליין גובר זיין מיינע אייגענע געפילן, כדי יענעם שרייבער ניט אָפּצוצאָלן מידה כנגד מידה.

ווי גליקלעך איך האָב זיך געפילט ווען מיין זשורנאַל „טעאַטער און קונסט״ האָט דערזען די ליכטיקע שיין. עס איז געווען אַ פּרעכטיקער זשורנאַל. איך האָב ניט געזשאַלעוועט קיין געלט און מי צו זען, אַז אַלע טעאַטער־ און קונסט־ליבהאָבער זאָלן מעגן שטאָלצירן מיט אַזאַ שיינער פּרעכטיקער אויסגאַבע. איך האָב געהאַט באַשטעלט אַרטיקלען פאַרן זשורנאַל פון די גרעסטע יידישע שרייבער און קינסטלער, וועלכע זיינען ניט נאָר געווען באַרימט אויפן געביט פון טעאַטער, מוזיק און קונסט, נאָר אויפן אַלגעמיינעם ליטעראַרישן געביט, ווי צום ביישפּיל אַ דר. מוקדוני, אָסיפּ דימאָוו, מענדל אָשעראָוויטש, דר. יעקב שאַצקי, א. גלאַנץ, שאול ראַסקין, ב. י. גאָלדשטיין און נאָך און נאָך...

איך האָב אַריינגעגעבן אין אָט דעם „טעאַטער און קונסט זשורנאַל״, בילדער און ביאָגראַפיעס פון די גרעסטע און באַרימטסטע סטאַרס, טעאַט־ראַלן און דראַמאַטורגן פון יידישן טעאַטער ווי יעקב פּ. אַדלער, זיגמונד מאָגולעסקאָ, דוד קעסלער, צילי אַדלער, בינאַ אַבראַמאָוויץ, יעקב בן עמי,

מאַקס געביל, דזשעני גאָלדשטיין, באָריס טאָמאַשעווסקי, אהרן לעבעדעוו, מיכאל מיכאַלעסקאָ, מאָלי פּיקאָן, יעקב קאַליך, יאָזעף קעסלער, מאָריס שוואַרץ, וויליאַם סיגאַל, לעאָ ליאָוו, שלום סעקונדאַ, יוסף רומשינסקי און נאָך צענדליקער און צענדליקער בילדער פון אַקטיאָרן און טעאַטער־באַרימ־טהייטן. עס איז ווירקלעך געוועזן אַ פּרעכטיק זאַמלבוך וואָס האָט אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון די אַלע ריזן פון יידישן טעאַטער, קונסט, מוזיק און חזנות.

איך בין געוועזן זייער שטאָלץ, וואָס ענדלעך, נאָך אַזוי פיל פּראַצע, בלוט און שוויס, האָב איך זוכה געווען צו זען דאָס געבורט פון מיין טייער ליבלעך „קינד״... מיינע אויגן האָבן זיך ניט געקענט אָנזעטיקן ווען איך האָב דורכגעבלעטערט דעם טעאַטער און קונסט זאַמלבוך פון הונדערט און זיבעציק זייטן, אין גרויסן פאָרמאַט, מיט גלאַנצנדיקע פּאַפּיר, מיט אַזעלכע עכטע שיינע בילדער און באַשרייבונגען ווי אויך עטלעכע צענדליגג אַרטיקלען פון די בעסטע יידישע שרייבער און קינסטלער...

מען האָט זיך געקליבן צו מאַכן אַ גרויסאַרטיקע פייערונג לכבוד דער דערשיינונג פון אָט דעם טעאַטער זאַמלבוך ערשטלינג, אויף דער יידישער גאַס. דאָס בוך איז ווירקלעך געווען אַן ערשטלינג ווייל ביז דאַן איז נאָך אויף דער יידישער גאַס ניט געווען אַזאַ שיינער זשורנאַל וועגן טעאַטער און קונסט, סיי אין כמות און סיי אין איכות...

דערווייל האָב איך מיט דער הילף פון ד״ר יעקב שאַצקי און משה שטאַרקמאַן, רעדאַגירט דאָס גאַנצע בוך, און ווי שוין דערמאָנט איז דער זאַמלבוך דערשינען פּרעכטיק שיין. ווען יענער האָט דערזען אַז דער זשורנאַל „טעאַטער און קונסט״ איז אַרויס פון דרוק אין אַזאַ וואונדערלעכע שיינעם פאָרמאַט, און אַלץ איז געווען גרויסאַרטיק און פאַכמעניש.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די אַלע לעבעדיקע אַקטיאָרן און קינסטלער האָבן דאָך געוואוסט, אַז דאָס איז אַ בילבול. אָבער וואָס האָבן זיי געקענט טאָן? זיי וועלן דאָך ניט איינרייסן מיט אַ שרייבער, וועלכער שרייבט וועגן טעאַטער? דערווייל איז אָט דער דאָזיקער פאַסקוויל געווען אַ טויט־קלאַפּ פאַר מיר און פאַר מיין זשורנאַל, אין וועלכן איך האָב אַריינגעלייגט אַזוי פיל האָרעוואַניע, ענערגיע, שוויס און בלוט... איך בין געווען פאַרחובעט ביז איבערן קאָפּ. איך האָב געליען געלט ביי פריינד, ביי באַקאַנטע מיט דער האָפענונג, אַז אַזוי שנעל ווי דאָס זאַמלבוך וועט דערשיינען און וועט זיך פאַרקויפן אין טויזנטער עקזעמפּלאַרן, וועל איך ניט נאָר קענען אָפּצאָלן די אַלע חובות, נאָר אויך קענען באַלוינט ווערן פאַר מיין מי. איצט איז אַלץ רואינירט...

אין די טעאַטער־קרייזן און אין דער גאַנצער יידישער גאַס האָט מען ניט אויפגעהערט רעדן וועגן דעם. דאָס דערמאָנט מיך אין קרילאָווס אַ פאַ־



ה. לייוויק

בעל: מען טוט אַ פרעג אַן אייזל, פון וואַנען ער קומט עס איצטער אַזאַ פריילעכער, ענטפערט ער: „איך קום נאָר וואָס פון לייב...״ פון לייב? ווי קומט עס, אַז דו ביסט אַרויס מיט גאַנצע ביינער פון אים? ענטפערט ער: „דער לייב איז געלעגן אַ פאַרוואונדעטער, זיך ניט געקענט רירן פון אָרט. יעדע חיה איז צוגעקומען צום לייב און אים געגעבן אַ קלאַפּ, אַ בריקע, אַ ריס, אַ פליק, אַ צופּ... ווען איך האָב דאָס דערזען, האָב איך אים אויך דערלאַנגט אַ בריקע... זאָל ער אויך פילן די קאָפּיטע פון אַן אייזל!...״

ווי באַלד איך בין שוין דערשלאָגן און דערנידעריקט, האָט שוין יעדער איינער עפּעס צוצוגעבן. מען איז אַרויס מיט זילזולים קעגן מיר. אַפילו געוועזענע פריינד האָבן זיך פון מיר אָפּגעקערט און מען האָט זיך געשושקעט און געצייגט דעם פּאַסקוויל־אַרטיקל איינער דעם אַנדערן. איך האָב געהאַט אָפּגעמאַכט מיט אַ צאָל יינגלעך צו נעמען די דאָזיקע טעאַטער־זשורנאַלן אין די לאַבּיס פון די יידישע טעאַטערן זיי צו פאַרקויפן. איך האָב אויך באַדאַרפט צושטעלן עקזעמפּלאַרן צו אַלע יידישע בוך־געשעפטן... איצט איז שוין פון דעם גאָרניט געוואָרן. די בעלי־חובות האָבן זיך אויף מיר אַ שאָט געטאָן. יעדער איינער האָט געמאָנט דאָס געלט וואָס קומט אים.

מיר איז געוואָרן שלעכט און ענג פון אַלע זייטן. איך האָב געפילט ווי אַ שווערע משא דריקט מיך מער און מער ביז וואַנען איך ווער דערשטיקט.

איך האָב געפּילט, אַז איך ווער צוזאַמענגעבראָכן... עס האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, עס האָט מיר געדרוישט אין קאָפּ, דער מוח האָט זיך מיר גענומען מישן. איך האָב געפילט, אַז איך זינק... פּלוצלונג בין איך געוואָרן היסטעריש און ווילד. איך האָב גענומען שרייען מיט הויכע קולות, איך האָב גענומען וואַרפן און שליידערן אַלץ וואָס עס איז מיר געקומען אונטער דער האַנט... איך האָב גערעדט אומפאַרשטענדלעכע רייד... איך האָב געשריען: געלט, געלט, מיליאָנען דאָלאַרן, טעאַטער, יידן, וואָס ווילט איר פון מיר?... איך האָב מיט מיינע אויגן געזען ווי עס פליען מיליאָנען דאָלאַרן... בקיצור, איך האָב געקראָגן אַ נערוועאישן צוזאַמענברוך. איך, מיין פרוי און אונדזערע צוויי קינדער האָבן זיך נאָך געפונען אין מיינע עלטערנס הויז. אַלע האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן, ווען מען האָט מיך דער־זען אין אַט דעם שוידערלעכן צושטאַנד. מען האָט גלייך געשיקט נאָך אַן אַמבולאַנס. דער דאָקטאָר פון אַמבולאַנס האָט מיר געגעבן אַן איינשפּריצונג, וואָס זאָל מיך באַרואיקן, ער האָט עפּעס פאַרשריבן און איז אַוועק.

## קאַפּיטל 23

איך בין אָפּגעלעגן קראַנק היפּשע עטלעכע וואָכן. ביסלעכווייז בין איך צו זיך געקומען פון דעם טשאַד און פון מיין נערוון־צוזאַמענברוך... וואָס טוט מען איצט? מיין קאַריערע אַלס אימפּרעסאַריאָ איז געענדיקט. מיין רעפּוטאַציע איז אין גאַנצן רואינירט געוואָרן... וואָלט איך דאַן געהאַט געלט, און פריינד וואָלטן מיך דערמוטיקט דערצו, וואָלט איך געקענט אָנ־קלאָגן דעם שרייבער, וואָס האָט געדרוקט יענעם פּאַסקוויל־אַרטיקל אויף אַ גרויסער סומע געלט, ווייל עס איז געווען אַ בייזווויליקער אַרטיקל, אָן אַ ברעקל אמת. מען וואָלט געקענט רופן אין געריכט אַריין עטלעכע טוץ פון די פּראָמינענטע אַקטיאָרן, מוזיקער און חזנים, וועמענס בילדער עס זיינען געווען אין זשורנאַל, און זיי וואָלטן דאָך געמוזט דערציילן דעם אמת...

אָבער איך בין געווען שטאַרק דערשלאָגן, צעבראָכן און אַנטמוטיקט. קיין געלט האָב איך ניט געהאַט, איך האָב בלויז געהאַט חובות... די לאַגע פון מיין פרוי און די קינדער איז געוואָרן ערגער מיט יעדן טאָג. ווען איך בין עטוואָס געקומען צו זיך פון דעם צוזאַמענברוך, האָב איך באַדאַרפט טראַכטן פון זוכן פּרנסה מפרנס צו זיין מיין משפּחה. וועגן נעמען זיך צוריק צו מיין באַשעפטיקונג אַלס אימפּרעסאַריאָ, איז דאָך שוין אָפּגערעדט. אַט די דאָזיקע קאַריערע מיינע איז צעשמעטערט געוואָרן אויף שטיק שטיקלעך און זי גאַנץ מאַכן פון אַט די דאָזיקע צעבראָכענע שערבלעך איז געווען אוממעגלעך. איצט איז געווען די פראַגע — וואָס זאָל איך טאָן? קיין פּראָ־פעסיע אין האַנט האָב איך ניט געהאַט. צו וואָס זאָל איך זיך נעמען?...

די משפחה איז זיך צוזאַמענגעקומען און מען האָט מיר געגעבן פאַר־שידענע עצות און פאָרשלאָגן, וואָס איך דאַרף איצט טאָן. אייניקע האָבן מיר געזאָגט, אַז איך דאַרף זוכן אַ דזשאָב אין אַ פאַבריק. דאָס איז מיר ניט געווען צום האַרצן. איך האָב קיין מאָל ניט ליב געהאַט דעם שאַפּ, וואו מען דאַרף זיצן פון אַכט ביז צען שעה אַ טאָג ווי אַ געפאַנגענער. איך בין גייסטיק און פיזיש ניט געווען גרייט צו דעם...

איינער פון דער משפחה האָט דערציילט, אַז ער האָט אַ פריינד, וועלכער האָט זיך גענומען פעדלען מיט קראַוואַטן און שניפּסן און ער מאַכט איס ניט שלעכט. אַט דער געדאַנק איז מיר געפעלן. קיין סך געלט אויף איינצוהאַנדלען די דאָזיקע סחורה איז ניט געווען נויטיק, די דאָזיקע סומע האָט מען געקענט צונויפקלייבן פון דער משפחה. איצט איז געווען די פראַגע אין וועלכע געגנטן איך זאָל אַרומגיין פעדלען.

איך האָב גלייך אַלעמען געלאָזט וויסן, אַז אויב איך וועל זיך יאָ נעמען פעדלען מיט קראַוואַטן און שניפּסן (טאַיס, באָו־טאַיס), וועל איך דאָס טאָן אין דער פרעמד, אין אַנדערע סטעיטס, ווייל איך וואָלט זיך באַגראָבן אַ לעבע־דיקער פון שאַנדע, ווען איך טרעף אָן אַזעלכע מענטשן וועלכע קענען מיך אַלס אימפּרעסאַריאָ, אַלס רעדאַקטאָר־אַרויסגעבער פון דעם טעאַטער־זשור־נאַל, און זיי וועלן מיך איצט זען אַלס פעדלער מיט טאַיס.

אַזוי איז געבליבן. מען האָט מיר שוין אָנגעוויזן וואו איך קען זיך איינשאַפן די קראַוואַטן און שניפּסן. איך האָב זיך געקויפט אַ טשעמאָדאַנ־טשיק, אַריינגעקומען אין שאַפּ, וואו די טאַיס ווערן געמאַכט. איך האָב איינ־געהאַנדלעט פינף און צוואַנציק טוץ טאַיס און באָו־טאַיס און איך האָב זיך אַרויסגעלאָזט אין וועג. קיין לייסענס אַלס פעדלער האָב איך ניט געהאַט, ווייל אַרויסנעמען לייסענס פאַר דעם דאַרף קאָסטן געלט און צייט, און איך האָב ביידע זאַכן ניט געהאַט. איך האָב געמוזט גלייך אָנהויבן פאַרדינען צו ראַטעווען מיין משפחה פון הונגער.

איך האָב זיך אַוועקגעלאָזט איבער די סטעיטס פעדלען. איך בין אָנגע־קומען אין ניו־דזשוירזי. אין אָט דער דאָזיקער ביזנעס האָב איך געדאַרפט באַזוכן סאַלונס, באַרבער־שאַפּס, באָולינג אַלייען און אַנדערע פּלעצער, וואו מענער פאַרזאַמלען זיך. איך האָב פאַרדינט ניט שלעכט און די ערשטע פאַרדינסטן האָב איך גלייך אָפּגעשיקט אַהיים, צו מיין פרוי.

איך האָב דורכגעמאַכט אַ סך צרות, פלאָגענישן און מאַטערנישן אַלס טאַי־פעדלער. איך קום איין מאָל אַריין אין אַ סאַלון מיט מיין וואַליזע פול מיט טאַיס. ווען דער באַרטענדער האָט דערזען ווי איך עפן פונאַנדער די וואַליזע מיט די טאַיס, האָט ער זיך אַ נעם געטאָן און אַרויסגעשליידערט די וואַליזע מיט אַלץ אין גאַס. די טאַיס זיינען זיך צעפאַלן איבער דעם גאַנצן סאַידוואָק (טראָטואַר). איך האָב זיך געשטעלט אויף די קני און גע־נומען צונויפקלייבן די שניפּסן, די קראַוואַטן. מענטשן זיינען פאַרביי־

געגאַנגען און געקוקט אויף מיר מיט נייגעריקע בליקן. יונגוואַרג האָט אָפּגעלאַכט פון מיר. מען האָט געוואוסט, אַז דער באַרטענדער האָט מיך אַרויסגעשליידערט פון סאַלון, צוזאַמען מיט די טאַיס. איך בין אָבער געווען צופרידן, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט צו דעם וואָס קיין פּאָליסמאַן האָט עס ניט באַמערקט, ווייל איך וואָלט דאָך אים געדאַרפט ווייזן מיינע לייסענס, וואָס איך האָב ניט... איך האָב זיך גלייך פאַרנומען צו פּעדלען מיט מיין סחורה ערגעץ אַנדערש. איך בין אָנגעקומען אין מאָריסטאַון, ניו דזשוירזי. איך האָב אָנגעהויבן דאָרט פּעדלען מיט די טאַיס. איך האָב פאַרקויפט אַ ביסל סחורה, איך נעם מיין וואַליזע און לאָז זיך גיין. מיט אַ מאָל באַווייזט זיך אַ פּאָליסמאַן און פרעגט מיך צי איך האָב פּעדלערס־לייסענס. איך ווער צעטומלט. איך זאָג אים, אַז איך דאַרף מפרנס זיין מיין פאַמיליע און איך האָב דערוויל ניט באַוויזן צו קריגן קיין לייסענס.

— אויב אַזוי, ביסטו אַרעסטירט! — רופט זיך אָן דער פּאָליסמאַן צו מיר. ער פירט מיך באַלד אַוועק אין פּאָליס סטעישאָן. ער ברענגט מיך פאַר פאַרן קלוירק און דערקלערט פאַר אים מיין „פאַרברעכן”, אַז איך פּעדל אָן לייסענס. דער קלוירק באַשטימט צוועלף דאָלאַר בעיל פאַר מיר. איך האָב קיין אַנדער ברירה ניט צו ווי צו געבן מיינע לעצטע שווער פאַרהאַרעוועטע דאָלאַרן. ער האָט מיר געזאָגט, אַז דער דזשאַדזש וועט קומען שפּעטער אין געריכט און אַז איך זאָל בעסער דאָרט זיין דאַן, אויב איך וויל ניט פאַרלירן מיין בעיל. איך בין שפּעטער צוגעקומען אין קאָורט און דער ריכטער האָט מיך אויסגעפרעגט, און ווען איך האָב ניט געהאַט אים צו ווייזן די לייסענס, האָט ער געזאָגט, אַז ער באַשטראָפט מיך מיט זעקס דאָלאַר. אַזוי ווי איך האָב געהאַט צוועלף דאָלאַר בעיל, האָט ער מיר צוריקגעגעבן זעקס דאָלאַר און איך בין אַרויס פון געריכט אַ פאַרביטערטער. דער פּאָליסמאַן, וועלכער האָט מיך געהאַט אַרעסטירט, איז צו מיר צוגעקומען און מיר אַריינגעשושקעט אין אויער: „אייערער אָן אייגענער האָט איך פאַרמסרט. יאָ, דער יידישער האַבערדעשער, וועלכער האָט דאָרט אַ סטאָר,— האָט ער מיר אָנגעצייגט מיטן פינגער — האָט מיך צוגערופן און ער מיך געהייסן אייך אַרעסטירן, ווייל איר פּעדלט אָן לייסענס...”.

איך האָב זיך אומגעקערט אַהיים מיט עטלעכע דאָלאַר, וואָס איך האָב פאַרדינט פון דעם פּעדלען מיט די טאַיס, איז צו מיר צוגעקומען מיין פּלימעניק, באַבי וואולף, און מיר געזאָגט, אַז אַזוי ווי ער האָט אויך ניט קיין דזשאָב, וואָלט ער געוואָלט אַריינגיין אין שותפות מיט מיר. דאַן זיינען מיר אַוועק אין טאַי־שאָפּ און מיר האָבן איינגעקויפט היפּשע עטלעכע טוץ טאַיס און מיר האָבן זיך ביידע אַרויסגעלאָזט אין וועג. מיין פּלימעניק איז געווען גאַנץ פּעאיק. מיר האָבן צוזאַמען ניט שלעכט אויסגעמאַכט. מיר זיינען אָנגעקומען אין וואַשינגטאָן און מיר זיינען איינגעשטאַנען אין האָטעל „פּענסילוועיניאַ”. דאָרט האָבן מיר אויסגעאַרבעט די פּלענער וואו און ווי

אַזוי מיר זאָלן אָנגיין מיט אונדזערע פּעדל־ביזנעס. מיר האָבן זיך אַרויסגע־לאָזט אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט און פאַרקויפט אַ ביסל טאַיס.

אין אָוונט רופט זיך אָפּ באַבי צו מיר:

— איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ געשעפט און דער אייגנט־מער פון געשעפט האָט געזען, אַז איך האָב טאַיס צו פאַרקויפן, האָט ער מיר געזאָגט, אַז איך זאָל צוקומען אין אָוונט צו אים, וועט ער ביי מיר אָפּקויפן די גאַנצע סחורה און אויב איך האָב נאָך זאָל איך דאָס אויך צוברענגען. קען זיין, אַז מיר וועלן אים פאַרקויפן די גאַנצע סחורה. אַפילו ווען איך זאָל אים געבן אַ גרויסע הנחה, וועט זיך דאָס אויך פאַר אונדז לוינען.

— עס איז ניט קיין שלעכטער פּלאַן! — זאָג איך — מיר וועלן גיין צוזאַמען צו אים.

מיר האָבן גענומען ביידע וואַליזעס פולע מיט טאַיס און מיר זיינען צוגעגאַנגען צו יענעם פּלאַץ, וואו מיין פּלימעניק באַבי האָט אָנגעצייגט. איך האָב געזען, אַז דאָס איז געווען אַ האַבערדרעשערי־שאַפּ. מיין פּלימעניק איז אַריין אַהין פריער. ער האָט אים געזאָגט, אַז ער האָט מיטגעבראַכט זיין אָנקל, וועלכער האָט אויך די זעלבע סחורה, און ער וועט זיך קענען אויסקלייבן וויפל טייס ער וועט וועלן.

— גוט, רוף אַריין דיין אָנקל אַהער! — רופט ער זיך אָן צו אים.

מיין פּלימעניק איז אַרויס און מיך אַריינגערופן. איך האָב דערזען אַ הויכן, ברייטביינערדיקן גוי, וועלכער האָט מיך באַגריסט און געזאָגט:

— קומט מיט מיר אַריין אַהין, אין צווייטן צימער, וואו איר וועט קענען אויסלייגן אייער סחורה און איך וועל זען וואָס איר האָט מיט זיך.

מיר האָבן גאָר ניט פאַרדעכטיקט. מיר האָבן גענומען אונדזערע וואַלי־זעס און אַריין אין צימער. מיט אַ מאָל דערזען מיר ווי דער גוי נעמט אַרויס אַ רעוואָלווער און האַלט אים אָנגעשטעלט אויף אונדז און זאָגט:

— איר וועט ביידע שוין פון דאַנען קיין לעבעדיקע ניט אַרויס!

מיר זיינען געבליבן אָן לשון אַ טויט־שרעק איז אונדז באַפאַלן. איך בין ביסלעכווייז געקומען צו זיך פון דער שרעק און איך האָב זיך אָנגע־רופן:

— פאַרוואָס ווילסטו אונדז דערשיסן? וואָס פאַר אַ שלעכטס האָבן מיר דיר געטאָן?...

— איר וועט זיך שוין פון מיינע הענט ניט אַרויסדרייען! — האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן דעם רעוואָלווער אָנגעשטעלט אין אונדזער ריכטונג — איר וועט שוין ניט מער דערלעבן צו קומען אַהער קאָנקורירן מיט מיר...

— מיר שווערן, אַז מיר וועלן אַוועק פון דאַנען און זיך מער ניט אומקערן! — האָט מיין פּלימעניק מיט שרעק אויסגערופן — לאָז אונדז איצט גיין און מיר וועלן שוין מער קיין מאָל ניט קומען פּעדלען אַהער.

דער גוי איז אָבער נאָך אַלץ געשטאַנען מיטן רעוואָלווער, ווי ער וואָלט געצילעוועט אין אונדז.

מיר האָבן זיך געטרייסלט פון שרעק, מיר האָבן געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן... דער טויט איז אונדז געשטאַנען פאַר די אויגן...

— נעם צו אַלע אונדזערע טאַיס און לאָז אונדז גיין! — רוף איך זיך אָן צו אים.

— איך דאַרף ניט אייערע „סטינקינג טאַיס"! — האָט ער אויסגערופן — איך וועל אייךביידן דערשיסן ווי הינט...

באַלד אַ האַלבע שעה צייט, וואָס אין אונדזערע אויגן איז דאָס געווען אַן אייביקייט, האָט ער אונדז אַזוי געהאַלטן אין שרעק. ענדלעך האָט ער בייז אַ זאָג געטאָן: „נעמט אייערע וואַליזעס און אַנטלויפט פון דאַנען מיט אייערע לעבנס, אַז ניט וועל איך אייך ביידן דערשיסן!..."

מיר האָבן געכאַפּט די וואַליזעס און אַרויסגעלאָפן פון זיין סטאָר. אַ קאַלטער שווייס האָט אונדז ביידן באַגאָסן... מיר זיינען שנעל געלאָפן צוריק צו אונדזער האָטעל. אַ היפּשע ווײַלע האָבן מיר ביידע קיין וואָרט ניט געקענט אַרויסרעדן איינער צום אַנדערן פון אויפרעגונג און שרעק. אין אַ ווײַלע אַרום רופט זיך אָן מיין פּלימעניק:

— איך פאָר צוריק אַהיים! פּעדלען איז ניט קיין ביזנעס פאַר מיר... איך וועל ניט איינשטעלן מיין לעבן צוליב דעם...

## קאַפּיטל 24

אַלס פּעדלער פון טאַיס האָב איך קיין האָניק ניט געלעקט. ניט איין באַליידיקונג און דערנידעריקונג בין איך אויסגעשטאַנען פון די וועמען איך האָב פּרובירט פאַרקויפן טאַיס. מיין פּלימעניק האָט דאָן ניט געהאַט קיין פאַמיליע צו סופּאָרטן (מפרנס צו זיין), האָט ער ביים ערשטן ערנסטן צוזאַמענשטויס געכאַפּט זיין העקל און פּעקל און געפאָרן צוריק אַהיים. איך אָבער האָב דאָס ניט געקענט טאָן. איך האָב געהאַט אַ ווייב און צוויי קינדער, און ווי עס איז האָט מיר דאָס פּעדלען מיט טאַיס געבראַכט אַ ביסל פּרנסה, האָב איך שוין געמוזט ליידן און שווייגן.

איך בין איין מאָל אַריינגעקומען אין אַ באַרבער־שאַפּ אין אַ קליין שטעטל. איך האָב דאָרט פאַרקויפט אַ טאַי צו איינעם, וועלכער האָט נאָר וואָס געקראָגן אַ „העיר קאַט". אויף דער צווייטער שטול איז געלעגן אויסגעצויגן אַ מאַן מיט מולינעס אויף זיין פּנים, אַזוי אַז איך האָב ניט געקאָנט מערקן ווי ער קוקט אויס. איך האָב אָבער באַשלאָסן צוצוואַרטן ביז וואַנען ער וועט פאַרטיק ווערן מיט זיין שעיוו (גאָלן זיך) און דאַן אים פּרובירן פאַרקויפן אַ טאַי. אַט איז ער פאַרטיק געוואָרן, ער האָט זיך אויפגעהויבן פון דער שטול, זיך אויסגעגלייכט. איך האָב דערזען אַ פעטן גוי, מיט אַברייטן קאַרק. ער באַטראַכט זיך אין שפּיגל. איך קום

צו צו אים און איך עפן פונאַנדער מיין וואַליזע און פרעג אים צי ער איז אַ בעלן צו קויפן אַ טאַי.

דער גוי וואַרפט אַ בליק אויף די טאַיס, דאַן גיט ער אַ קוק אויף מיר. פּלוצלינג הייבט ער אויף זיין האַנט און לאָזט מיר אַרונטער אַ פייערדיקן פּאַטש... איך בין געבליבן אַ דערשטויינטער. איך פרעג אים: „פאַרוואָס קומט עס מיר? וואָס האָב איך געטאָן?".

דער גוי מאַכט ניט קיין שהיות, הייבט נאָך אַ מאָל אויף זיין האַנט און דערלאַנגט מיר אַ צווייטן פּאַטש... דער באַרבער איז געשטאַנען נעבן זיין שטול און געשמייכלט... איך האָב געכאַפּט מיין וואַליזע און זיך שנעל אָפּגעטראָגן פון דאָרט. וואָס האָב איך געקענט טאָן? זאָל איך אים גיין אָנקלאָגן אין פּאָליס, וועט מען גאָר מיך אַרעסטירן און ניט אים. ווייל, ערשטנס, האָב איך קיין לייסענס ניט און, צווייטנס, בין איך אַ פרעמדער און יענער מוז געוויס דאָרט זיין אַ פּאָליטישן...

איך האָב געהאַט אויסצושטיין נאָך און נאָך צרות און איך האָב אַלץ געדולדיק אַריבערגעטראָגן. ביז עס האָט פּאַסירט איין אינצידענט, וואָס האָט מיך געגעבן אַ שטויס אויף צוריק און איך האָב באַשלאָסן אויפצוגעבן מיין פּעדלען מיט טאַיס און זיך צוריקקערן אַהיים.

איך בין איין מאָל אָנגעקומען מיט מיין סחורה אין אַ שטעטל אין ווירדזשיניע. איך גיי אַריין, ווי מיין שטייגער איז געווען, אין אַ פּלאַץ וואו עס פאַרזאַמלען זיך מענער און איך הייב אָן צייגן מיין סחורה. אייניקע זיינען צוגעקומען און באַטראַכט די קראַוואַטן און שניפּסן. איינער האָט ביי מיר געקויפט אַ פּאָר טאַיס. דאָ קומט צו מיר צו אַ יידישער יונגערמאַן און קוקט אויף מיר מיט דורכדרינגנדיקע בליקן. דאַן ווענדעט ער זיך צו מיר:

— אַנטשולדיקט, זענט איר ניט מר. הערי דעל?

עס האָט מיר גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, ווען איך האָב געהערט ווי ער רופט מיך ביים נאָמען... הייסט עס, אַז ער ווייסט ווער איך בין און ער זעט מיך איצט אַלס פּעדלער.

— ניין! — זאָג איך — איר מאַכט אַ טעות. מיין נאָמען איז ניט הערי דעל.

— איך וואָלט געשוואוירן, אַז דאָס זענט איר אָט דער מר. דעל, וועל־כער האָט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק דורכגעפירט אַ קאָנצערט ביי אונדז אין נואַרק, אין מעטראָפּאָליטאַן טעאַטער.

— ניין, איך בין קיין מאָל ניט געווען אין נואַרק — ענטפער איך אים. — איר מאַכט געוויס אַ טעות.

יענער האָט אַ צוק געטאָן מיט די אַקסלען און איך האָב זיך גלייך אָפּגעטראָגן פון דאָרט... איך זע שוין, אַז עס איז זיך שווער צו באַהאַלטן. איך, וועלכער בין געווען באַוואוסט אַלס אימפּרעסאַריאָ און אַלס איינער

וועלכער האָט געהאַט פאַרבינדונגען מיט די גרעסטע סטאַרס, זאָל זינקען אַזוי נידעריק און ווערן אַ פּעדלער... ניין, איך וועל עס מוזן אויפגעבן. איך האָב פאַרלאָזט ניו־יאָרק, כדי מען זאָל מיך ניט דערקענען און דאָ, אַזוי ווייט, אין ווירדזשיניע, געפינען זיך אַזעלכע וועלכע דערקענען מיך. שוין, אויס פּעדלער...

טראָץ דעם וואָס נאָך דעם ווען אימיצער האָט מיך דערזען אַלס פּעד־לער און דערקענט אַלס געוועזענער אימפּרעסאַריאָ, האָב איך ביי זיך געהאַט באַשלאָסן אויפצוגעבן פּעדלעריי מיט טאַיס, האָב איך דאָך מיין באַשלוס ניט געקענט דורכפירן.

ווען איך האָבן זיך דאַן צוריקגעקערט אַהיים אויף די ימים טובים און איך האָב מיין משפחה דערציילט וועגן מיין פאַרלעגנהייט און בושה, וואָס איך האָב דורכגעמאַכט, ווען אימיצער האָט מיך דערקענט; אַז דאָס פּעדלעריי איז מיר שטאַרק ניט צום האַרצן און אַז איך וועל בעסער טאָן וואָס פאַר אַן אַנדערע אַרבעט עס וועט זיך מאַכן, האָט מיין פרוי, ווי תמיד, קיין וואָרט ניט געזאָגט. איך מוז צוגעבן, אַז דאָס פּעדלען מיט טאַיס האָט מיר געגעבן גענוג פּרנסה, אַזוי אַז מיר האָבן שוין געקענט באַהויפּטן אַריינצומופן (זיך אַריבערקלייבן) אין אַ בעסערן, באַקוועמערן אַפּאַרט־מענט. מיר האָבן שוין געקענט באַהויפּטן צו קויפן בעסערע קליידער פאַר מיין פרוי און פאַר די קינדער. אָבער איך פאַרזענלעך האָב אין דעם ניט געזען קיין תכלית פאַר זיך...

וואָס האָב איך אָבער פאַרט געקענט טאָן איצט? צו וואָס האָב איך זיך געקענט נעמען? גיין צוריק צו מיין פאַך אַלס אימפּרעסאַריאָ, האָב איך ניט געקענט. מער ווי דאָס וואָלט איך ניט באַדאַרפט. מיינע שונאים וואָלטן שוין געזען אין דעם אַ געלעגנהייט ווידער אויף מיר צו וואַרפן שמוץ און איך וואָלט ניט געהאַט קיין שום אויסזיכטן פאַר דערפאָלג...

דער נאָמען „שאַפ״ האָט מיך געמאַכט שוידערן. איך האָב זיך אַרומ־געדרייט לידיק עטלעכע וואָכן, האָט זיך די משפחה צונויפגעזאַמלט אין אונדזער הויז און מען האָט גענומען איינטענהן מיט מיר:

— וואָס וועט זיין דער תכלית, הערי? אַ דאַנק גאָט, דו מאַכסט אַ לעבן פון דעם — האָט צו מיר גערעדט די שוויגער.

צווישן די קרובים, וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען מיך איבער־צורעדן, אַז איך זאָל ניט אויפגעבן דאָס פּעדלעריי וואָס ברענגט מיר אַריין פּרנסה, האָט זיך געפונען מיין קוזין אַברהם סטאָלאָף, וועמען מיר פלעגן רופן „דער ספּינאָזיסט״, ווייל ער האָט זיך אַ סך אָנגעלייענט מיט ספּינאָזעס ווערק און ער האָט ליב געהאַט אַרויסצוברענגען געוויסע פי־לאָסאָפיעס פון שפּינאָזען אויף געזעלשאַפטלעכע צוזאַמענקונפטן.

אָט דער אייבי סטאָלאָף, אַ געוועזענער ישיבה־בחור, וועלכער איז געווען אַ בקי אין תּלמוד, אין מדרש און איז געווען פאַררעכנט פאַר



**די דעל־פאַמיליע**

הוירבי, סעלמאַ, קיילי, גאָסי און הערי

אַ משכיל. אָבער אַ בטלן איז ער געווען אַ גרויסער. ביי יעדער געלעגנהייט פלעגט ער ברענגען אַ מאַמר חז״ל, אַן אויסדרוק פון דער גמרא. איך האָב אים זייער גערן געהאַט און איך פלעג ליב האָבן צו פאַרברענגען אין זיין געזעלשאַפט. מיט זיין גאַנצער לומדות, מיט זיין גאַנצן וויסן פון שפינאָזאַס פילאָסאָפישע אָנשויאונגען, האָט ער זיך אַרומגעדרייט ליידיק און קיין מאָל ניט געקענט מאַכן אַ גוטן לעבן. איצט איז ער דאָס געקומען מיר געבן אַ פּאָרציע מוסר און זען ווירקן אויף מיר, אַז איך זאָל אויפגעבן מיין עקשנות און זיך צוריקקערן צו מיין אַרבעט, וואָס האָט מיר געגעבן פרנסה.

איך האָב צוגעגעבן, אַז דאָס פּעדלעריי ברענגט מיר אַריין פרנסה, אָבער דאָס איז אַ מלאכה בזויה, וואָס גיט ניט צו קיין כבוד דעם מענטשן, וועלכער באַשעפטיקט זיך מיט דעם.

— אויב אַזוי וועל איך פאַר דיר איבערזאָגן אַ מאַמר פון דער גמרא און דאַן וועסטו זען ווער עס האָט רעכט — רופט זיך אָן צו מיר מיין קוזין אייבי. — אין גמרא פסחים קי״ג שטייט געשריבן: „פשוט נבלתאָ בשוק ושקול אגרא ולאָ תימאָ כהנאָ אנאָ, גברא רבה אנאָ״ (שינד אָפּ די פעל פון אַ נבילה אין גאַס און באַקום דיין לוין און זאָג ניט, אַז עס פּאַסט ניט פאַר מיר צו טאָן אַזאַ נידעריקע מיאוסע אַרבעט, ווייל איך בין אַ כוהן, איך בין אַ גרויסער מענטש)...

איך קען זאָגן, אַז אָט די דאָזיקע ציטאַטע פון תלמוד האָט געהאָלפן ברעכן מיין עקשנות. איך האָב איינגעזען, אַז אַ מענטש דאַרף זיך ווירקלעך ניט שעמען מיט וואָס פאַר אַ מלאכה ער באַשעפטיקט זיך אַזוי לאַנג ווי ער קען מאַכן אַ לעבן פון דעם פאַר זיך און פאַר זיין משפחה...

— דו ביסט גערעכט, מיין קוזין אייבי! — האָב איך געדריקט זיין האַנט — איך זע שוין, די חכמים פון תלמוד האָבן אַ סך בעסער פאַרשטאַנען דאָס לעבן ווי מיר. עס איז ניט נויטיק מער צו רעדן. איך וועל די קומענדיקע וואָך זיך אַרויסלאָזן אין וועג אַריין מיט מיינע טאַיס.

אַברהם סטאָלאָף האָט זיך געפילט דערהויבן, וואָס אים איז געלונגען צו ווירקן אויף מיר... די אַלע טענות, אַרגומענטן און באַווייזן פון די אַנדערע מיטגלידער פון מיין משפחה האָבן אויף מיר גאָר קיין ווירקונג ניט געהאַט, אָבער זיינע רייד האָבן געהאָלפן.

— דו ווייסט, הערי, — האָט זיך צו מיר באַלד אָנגערופן מיין קוזין אייבי — נעם מיך אַלס שותף אין דיינע ביזנעס. מיר וועלן ביידע גיין פּעדלען צוזאַמען. דו האָסט שוין אַ סך דערפאַרונג, און צוזאַמען וועט זיין פריילעכער און בעסער.

זיין פאָרשלאָג איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. איך האָב געוואוסט, אַז ער איז מער געלערנט ווי איך און איז גוט באַהאַוונט אין יידישע לימודים און איך וועל טאַקע האָבן מיט וועמען אויסצורעדן אַ וואָרט, ווען מיר קומט אויס צו בלייבן נעכטיקן אין די פאַרשידענע האָטעלן.

מיר זיינען געוואָרן שותפים ניט אין זין פון טיילן זיך מיט די פּראָ־פיטן, נאָר אין זין זיך אַרויסצולאָזן פּעדלען צוזאַמען אין די שטעט און שטעטלעך, וואו איך האָב שוין געהאַט אויסגעטראָטן אַ וועג. מיר האָבן ביידע זיך איינגעשאַפּט פולע רענצלעך קראַוואַטן. עס איז ביי אונדז דאַן געווען אַ מין סאָרט גע׳יעג (רעיס) וועמען עס וועט געלינגן צו פאַרקויפן מער טאַיס.

פאַרשטייט זיך, אַז איך, אַלס פּעדלער וואָס האָט שוין געהאַט דערפאַ־רונג, האָב אים געלערנט וואָס צו טאָן, ווי צו האַנדלען. מיר האָבן זיך איינגעטיילט אין געגנטן, וואו צו פּעדלען מיט אונדזער סחורה. איך האָב אים שטענדיק געגעבן דעם אויסוואַל וועלכן געגנט צו נעמען פאַר זיך. איך פלעג אים שטענדיק זאָגן: „וועסטו גיין רעכטס, וועל איך גיין לינקס, און אויב דו ווילסט זיך פאַרנעמען אויף לינקס, וועל איך גיין רעכטס...״.

זייענדיק נאָך גרין אין די ביזנעס פון פּעדלעריי, פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט ניט אויסגעמאַכט אַזוי גוט ווי איך. אָבער איך האָב אים גע־טרייסט, אַז עס וועט לאַנג ניט נעמען און ער וועט זיך אויסגרינען און אָנהייבן פאַרדינען מער.

אַזוי האָבן מיר געפּעדלט אין די זעלבע שטעט און שטעטלעך. ביס־לעכווייז האָט ער גענומען כאַפּן דעם שניט און אָנגעהויבן פאַרדינען אַ ביסל בעסער. מיר זיינען דערפאָרן ביז באַלטימאָר. דאָרט האָבן מיר ביידע גענומען אַ צימער אין אַ האָטעל. מיר האָבן איבערגענעכטיקט די נאַכט און אויף מאָרגן זיך אַרויסגעלאָזט פּעדלען. מיר האָבן געהאַט אָפּגעמאַכט זיך צוריקצוקערן צום האָטעל נאָך מיטאָג.

איך האָב גראָד יענעם טאָג גאַנץ גוט פאַרדינט. איך בין געקומען צום האָטעל און געוואַרט, אַז מיין קוזין אייבי זאָל זיך צוריקקערן צום האָטעל... איך וואַרט און וואַרט און ער קומט ניט. איך האָב געטראַכט, מעגלעך, אַז ער האָט אַזוי גוט אויסגעמאַכט, אַז ער האָט באַשלאָסן צו פּעדלען ביז שפּעט.

אָט איז שוין נאַכט און ער קומט ניט. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז דאָ ניט גלאַט. איך האָב דאָך שוין געוואוסט פון מיינע אייגענע דער־פאַרונגען, ניט איין מאָל האָט פּאַסירט, אַז מען האָט מיך אַרעסטירט און פאַרהאַלטן אויף אַ קליינעם בעיל. איך בין דעריבער ניט געווען שטאַרק באַזאָרגט. פונדעסטוועגן, ווען ער איז ניט געקומען אויף מאָרגן אין דער פרי אין האָטעל, האָב איך באַשלאָסן צוזוואַרטן אויף אים ביז נאָך האַלבן טאָג אין האָטעל; אויב ער וועט זיך ביז דאַן ניט צוריקקערן, וועל איך שוין מעלדן דער פּאָליציי.

עלף אַזייגער אין דער פרי לאָזט זיך אייבי אַריין אין האָטעל־צימער. זיינע האָר זיינען געווען צעשויבערט, זיינע אויגן זיינען געווען פאַרכמו־

רעט, זיי האָבן געהאַט אַ ווילדן אויסקוק. ער האָט אַ וואָרף געטאָן זיין רענצל סחורה אויפן בעט און אויסגערופן:

— מען האָט מיך אַרעסטירט פאַר פעדלען אָן „לאַיסענס" און זיי האָבן מיך געהאַלטן די גאַנצע נאַכט אין דזשעיל...

ווען איך האָב דאָס דערהערט, האָב איך אויסגעשאָסן אין אַ געלעכ־טער. איך האָב ממש געקייכט פון געלעכטער. מיין קוזין איז געוואָרן נאָך מער דערצאָרנט און ער רופט זיך אָן צו מיר:

— דו לאַכסט נאָך! דו האַרצלאָזער פעדלער! אַ פיינער געלעכטער, לאַכן זאָלסטו מיט יאַשטשערקעס!...

איך קוק אויף אים און לאַך נאָך מער. ער ווערט אַזוי שטאַרק אויפ־גערעגט, אַז ער הייבט מיך אָן שעלטן און באַליידיקן... ער האָט אויף מיר אויסגערופן די ערגסטע נעמען. איך אָבער הער ניט אויף צו לאַכן. דאַן האָט ער אַ כאַפּ געטאָן זיין סעטשל, אַ קלאַפּ געטאָן מיט דער טיר און איז אַוועק...

איך קען זיך עד היום קיין חשבון ניט אָפּגעבן וואָס עס האָט מיך דאַן געמאַכט אַזוי פיל צו לאַכן... מעגלעך, זיין מאָדנער צעשראָקענער אויסזען, זיין פאַרלוירנקייט... איך, וועלכער האָב שוין געפּאַקט, גע־מאָזלט און געהאַט צו טאָן מיט פּאָליציי און בין געווען אַרעסטירט היפּשע עטלעכע מאָל, האָב איך זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן, וואָס ער מאַכט אַזאַ טראַגעדיע פון דעם וואָס מען האָט אים פאַרהאַלטן איבער נאַכט, צוליב דעם וואָס מען האָט אים געפּאַקט פעדלען אָן דערלויבעניש. ער איז אַריינגעפאַלן אין צימער און עס האָט מיר אויסגעזען, אַז ער וואַרפט מיר פאַר פאַרוואָס מען האָט אים אַרעסטירט... פונקט ווי איך וואָלט אין דעם געווען שולדיק. און וואָס מער ער האָט זיך געקאָכט, אַלץ שטאַר־קער האָב איך געלאַכט...

איצט, אַז ער איז אַוועק אַ צאָרנדיקער פון מיר, נאָך דעם ווי ער האָט מיך געזידלט און אויסגעגאָסן אויף מיר כל חמתו, האָט מיך שוין גענומען שטאַרק פאַרדריסן אויף מיין קוזין. נאָך אַלעמען איז דאָס געווען זיין געדאַנק אַרויסצולאָזן זיך פעדלען צוזאַמען מיט מיר. איך האָב אים אַ סך אַרויסגעהאָלפן. איך האָב אים אָנגעזאָגט, אַז ווען ער עפנט אויף זיין רענצל אימיצן צו פאַרקויפן עפּעס, דאַרף ער זיך פריער גוט אַרומקוקן צי עס איז ניט דאָרט נאָענט פאַראַן אַ פּאָליסמאַן אָדער איינער וואָס קוקט אים אויס פאַרדעכטיקט. איך האָב אים געלערנט ווי אַזוי ער זאָל אָנהייבן אַ געשפּרעך מיט אַ פּראָספּעקטיוון קונה. איך האָב אים געהאָלפן אויס־קלייבן די סחורה און געזען, אַז מען זאָל אים ניט באַרייסן... און דאָ קומט ער און גיסט אויף מיר פּעך און שוועבל...

איך בין, פאַרשטייט זיך, געוואָרן שטאַרק אין כעס אויף מיין קוזין

פּאַר זיינע קללות און באַליידיקונגען, וואָס ער האָט אין מיר אַריינגעשאָטן. איך האָב גענומען מיין רענצל און בין אַוועק מאַכן ביזנעס.

אין אָוונט האָב איך זיך צוריקגעקערט אין מיין צימער. איך בין געזעסן אויף מיין בעטל, אויסגעסאָטירט די טאָיס און איבערגעציילט מיין פּדיון. מיט אַ מאָל, איך הער אַ קלאַפּ אין טיר. איך גיין צו און עפן אויף די טיר, איך דערזע מיין קוזין אייבי שטייענדיק מיט זיין סעטשל טאָיס. ער שטייט עטוואָס פאַרשעמט, מיט אַ געבויגענעם קאָפּ:

— אַנטשולדיקט מיר, הערי, — רופט ער זיך אָן מיט אַ שטים פול מיט חרטה. — איך ווייס ניט וואָס מיט מיר איז געשען... איך האָב ניט געמיינט דאָס וואָס איך האָב געזאָגט צו דיר אין דער צייט פון מיין אויפרעגונג און צאָרן.

— איך פאַרשטיי — ענטפער איך אים. — אפשר איז דאָס געווען מיין שולד, וואָס איך האָב זיך ניט געקענט באַהערשן און האָב זיך אַזוי שטאַרק פאַנאַנדערגעלאַכט. דו האָסט מיר דאַן אויסגעזען אַזוי קאָמיש און אַזוי פאַרלוירן און דערשלאָגן, פּונקט ווי די וועלט איז דיר אונטערגעגאַנגען...

— יאָ, יאָ, איך ווייס! — איז ער נאָך אַלץ געשטאַנען ביי דער טיר אין אַ הכנעהדיקער פּאָזיציע — דו האָסט דאָך מיר דערציילט, וואָס דיר איז אויסגעקומען דורכצומאַכן אַלס פּעדלער...

— קום אַריין, אייבי, וואָס שטייסטו ביי דער טיר! — רוף איך זיך אָן. ער איז אַריין אינעווייניק אין צימער און ער איז געבליבן שטיין מיטן רענצל.

— אויב דו האָסט זיך אויסגעשריבן פון דאַנען, וועסטו זיך ווידער מוזן רעדזשיסטרירן — זאָג איך אים.

— ניין, איך האָב זיך ניט אויסגעשריבן, איך בין גלאַט אַזוי אָפּגעזעסן היפּשע עטלעכע שעה אין פּאַרק... איך האָב איינגעזען, אַז איך האָב ניט אָפּגעהיטן מיין צונג און אַז דו וואָלסט געהאַט אַ רעכט אויף מיר מער ניט אַ קוק צו טאָן. איך בין דעריבער צו דיר געקומען דיך בעטן, אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין.

איך האָב אים דערלאַנגט מיין האַנט און איך האָב אים געפרעגט צי ער האָט שוין עפּעס געגעסן. ער האָט זיך פאַר מיר מודה געווען, אַז זיבנט פרישטיק, וואָס ער האָט געהאַט אַ טעפּל קאַווע מיט אַ זעמל, האָט ער מער קיין זאַך ניט געהאַט אין זיין מויל דעם גאַנצן טאָג. איך בין מיט אים אַרונטער אין קאַפעטעריע און מיר האָבן ביידע געגעסן און זיינען ווידער געוואָרן גוטע פריינד...

## קאַפּיטל 25

דער זיבעטער דעצעמבער 1941 איז געווען אַ טאָג, וואָס וועט בלייבן איינגעקריצט ניט נאָר אין דער אַמעריקאַנער געשיכטע, נאָר אויך אין

דער וועלט היסטאָריע. ווייל נאָך דעם יאַפּאַנעזישן איבערפֿאַל אויף פּוירל האַרבאָר, איז אַמעריקע פֿלוצלונג אַריין אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, וואָס דאָס האָט באַשטימט דעם גורל פֿון היטלערן און זיינע פֿאַשיסטישע פֿאַרבינדעטע.

אין יעדער משפּחה איז פֿלוצלונג פֿאָרגעקומען אַן איבערקערעניש. דער דרעפֿט האָט אָנגערירט יעדן איינעם דירעקט, צי אומדירעקט. אין איין הויז איז אַ זון געדרעפֿט געוואָרן, אין אַ צווייט הויז איז אַן איידעם גע־רופֿן געוואָרן אין מיליטער. די זאָרג, די צערודערונג איז געווען גרויס. מיין זון, הוירבי, איז דאַן אַלט געווען זיבעצן יאָר. ער איז געווען אַ וואונדערלעכער פּיאַנאָ־שפּילער און ער האָט נאָר וואָס געקראָגן אַ סקאָ־לערשיפּ אין „דזשוליאַרד סקול אָוו מיוזיק״... כאָטש מען האָט ניט גע־רופֿן די זיבעצן־יאָריקע ייִנגלעך אין דער אַרמיי, זיינען מיר געווען היפּש באַאומרואיקט, ווי אַלע אַנדערע עלטערן. ער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך טאַלאַנט צו שפּילן און מיר האָבן געפֿילט, אַז אים דערוואַרט אַ גלענצנדע צוקונפֿט.

מיט אַ מאָל לאָזט ער אונדז וויסן, אַז ער האָט זיך נאָר וואָס אָנגע־שלאָסן אַלס פֿרייוויליקער אין דער אַרמיי. מיין פֿרוי און איך האָבן גענומען טענהן צו אים: „ס׳טייטש, הוירבי, דו ביסט דאָך נאָך אַזוי יונג! וואָס האָסטו קיין צייט ניט געהאַט צו וואַרטן ביז וואַנען מען וועט דיך דרעפֿטן?״

— ווען איך וואַרט ביז וואַנען מען וועט מיך דרעפֿטן, דאַן וועל איך דאַרפֿן גיין אין דער סוירוויס וואוהין מען וועט מיך באַשטימען. — ענטפֿערט הוירבי — איצט, אָבער, אַלס פֿרייוויליקער, האָב איך דאָס רעכט אויסצוקלייבן דעם סוירוויס צו וועלכן איך בין אַמבעסטן צוגעפּאַסט. איך האָב אויסגעקליבן צו דינען אַלס ענטערטעינער, צו שפּילן פּיאַנאָ.

מיר האָבן איינגעזען, אַז ער איז גערעכט, אָבער אונדזערע הערצער זיינען אָנגעפֿילט געווען מיט מורא און זאָרג. די געפֿאַר איז גרויס. מען וועט אים דאָך שיקן מעבר לים. די סכנה פֿון די סאָבמאַרינס, און דאַן וועט ער דאָך דאַרפֿן זיין אויפֿן שלאַכטפֿעלד, אַפֿילו ווען ער זאָל זיך ניט באַטייליקן אין שלאַכט. איז מען דאָך אין געפֿאַר פֿון די באָמבאַרדי־רונגען פֿון דעם שונא... און ער איז נאָך אַזוי יונג און צאַרט... אָבער וואָס האָבן מיר געקענט טאָן? עס איז געווען אַ צרת הכלל און מיר האָבן מיטגעליטן מיט אַלעמען צוגלייך.

אָט איז פֿאַריבער יענער ווינטער און מען האָט אונדזער זון הוירבי אָפּגעשיקט אויף דעם איירפּאָרט שלאַכטפֿעלד. מיר האָבן אונדזערע אויגן אויסגעקוקט אויף אַ בריוו פֿון הוירבין. די בריוו זיינען געקומען רעגלמעסיק.

איך בין געווען אונטערוועגנס, נאָך אַלץ געפֿעדלט מיט טאַיס. אָבער אָט

איז אָנגעקומען דער זומער, אַ שלעכטער סעזאָן פאַר אַזאַ ביזנעס. איך האָב זיך אַרומגעדרייט אין ניו־יאָרק און געזוכט וואו צו פאַרדינען עטלעכע דאָלאַר. איין מאָל טרעף איך אָן מיין גוטן פריינד מאַקס זאַריצקי, דעם באַרימטן פידל־שפילער. איך באַקלאָג זיך פאַר אים, אַז ביזנעס זיינען שוואַך און איך ווייס ניט וואָס צו טאָן דעם זומער.

— איך האָב אַ פּלאַן! — רופט זיך אָן צו מיר זאַריצקי — איך וועל פאַר דיר קריגן אַ דזשאָב אַלס וועיטער אין ניו־דזשוירזי, ניט ווייט פון קעמפּ פאַר סאָלדאַטן, וואו איך שפּיל דאָרט אין אָרקעסטער. איך וועל דיך רעקאָמענדירן אַלס קעלנער... איך ווייס אויך, אַז דיין טאָכטער, סעלמאַ, שפּילט זייער גוט פּיאַנאָ. איך וועל זען אפשר וועט זי קענען דאָרט שפּילן פּיאַנאָ...

איך האָב זיך אָנגעכאַפּט אין זיין פאָרשלאָג. איך בין מיט אים צוגע־פאָרן צו יענעם האָטעל. זאַריצקי האָט מיך פאָרגעשטעלט און איך בין אָנגעשטעלט געוואָרן אין האָטעל אַלס קעלנער. דער פּאָסטן פון אַ פּיאַניס־טין איז שוין געווען פאַרנומען. אָבער אַזוי ווי אין קאַנטין פלעגן קומען יונגע מיידלעך דאָרט אַרויסצוהעלפן, איז מיין עלטערע טאָכטער, סעלמאַ, אויך אַהין געקומען. זיי האָבן אונטערהאַלטן די סאָלדאַטן. זיי פלעגן טאַנצן מיט זיי, פאַרברענגען מיט זיי, כדי צו העלפן פאַרטרייבן זייער אומעט און איינזאַמקייט.

אין יענעם קאַנטין האָט זיך סעלמאַ באַקאַנט מיט אַ יונגן סאָלדאַט דזשאָו ראָזאַליס. זי האָט אַ פּאָר מאָל מיט אים געטאַנצט און זיי זיינען געוואָרן צוגעצויגן איינער צום צווייטן. ער איז סעלמאַן זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן, ווייל ער איז געווען אינטעליגענט און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן מיט אים צו רעדן. אויסער דעם איז ער געווען אַן אָנציִענדער יונגערמאַן און זיין יוניפאָרם וואָס ער האָט געטראָגן האָט אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן...

אונדזער טאָכטער סעלמאַ איז געווען זייער אַ שיינע, אַ באַגאַבטע און דזשאָו האָט זיך שטאַרק פאַרליבט אין איר. אַזוי האָבן זיי זיך געזען כמעט יעדן אָונט דורכן זומער אין דעם קעמפּ, וואו דזשאָו איז מושטרירט (טרעינד) געוואָרן.

סוף זומער האָב איך אויפגעגעבן מיין אַרבעט אַלס קעלנער אין יענעם האָטעל. סעלמאַ האָט שוין ניט געקענט פאָרן אַליין קיין ניו־דזשוירזי. זיי פלעגן זיך דורכשרייבן. איידער מען האָט אים געזאָלט אָוועקשיקן קיין דייטשלאַנד, האָט דזשאָו געקראָגן עטלעכע טעג אורלויב און ער איז אָוועק צו זיינע עלטערן אין ברוקלין. ער האָט גלייך טעלעפאָנירט צו סעלמאַן און זי האָט אים איינגעלאַדן צו אונדז אין הויז. ער האָט פאַר־בראַכט ביי אונדז אַ פּאָר אָוונטן און ער איז אונדז אַלעמען שטאַרק געפעלן. סעלמאַ און דזשאָו האָבן, ווייזט אויס, אָפּגעמאַכט צווישן זיך, אַז זיי

זיינען חתן־כלה און אַזוי שנעל ווי ער וועט זיך אומקערן פון דער מלחמה וועלן זיי חתונה האָבן... די היראַטן.

אין 1945 האָט זיך דזשאָו צוריקגעקערט פון דער מלחמה אומבאַשעדיקט. סעלמאַ איז געווען אין זיבעטן הימל פון גליק אים צו זען אַ געזונטן און העלדישן אין אויסזען. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר געפראַוועט זייער חתונה. איצט איז געווען די פראַגע: וואָס זאָל דזשאָו טאָן? איידער ער איז געדרעפט געוואָרן איז ער געווען צוזאַמען מיט זיין פאָטער אין פרוכט און גרינצייג האַנדל. איצט איז דאָס שוין מער נישט געווען פאַר אים קיין ביזנעס. ער האָט זיך אַרומגעדרייט לײדיק עטלעכע וואָכן. דזשאָו און סעלמאַ האָבן דערווייל געוואוינט מיט אונדז. מיר האָבן גענומען אַרומרעדן וועגן תכלית, וואָס דזשאָו זאָל טאָן. ער איז דאָך שוין איצט אַ בעל־משפחה. ער האָט אַ פרוי און דאַרף זען צו פאַרדינען אויף אַ לעבן...

— דזשאָו, — רוף איך זיך אָן צו אים איין מאָל — אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן, אַז מיר ביידע זאָלן זיך אַרויסלאָזן אין וועג פּעדלען מיט טאַיס? איך האָב דאָך אַ סך דערפאַרונג אין דעם. איך וועל דיר אַרויסהעלפן און דו וועסט זיכער אויסמאַכן זייער גוט. דו ווייסט ווי צו רעדן מיט אַ קאָסטאָמער. דו מאַכסט אַ פיינעם איינדרוק. איך צווייפל ניט, אַז דו וועסט פאַרדינען פּרנסה.

ווי באַלד דזשאָו האָט דערווייל אַלץ איינס ניט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער אָנגענומען מיין פאָרשלאַג. איך בין אַוועק מיט אים צו די טאַי פעקטאָריס און איינגעהאַנדלט פאַרשידענע סאָרטן סחורה. איך האָב פאַר אים געקויפט אַ סעטשל און מיר האָבן זיך ביידע אַרויסגעלאָזט פּעדלען מיט אונדזער סחורה. מיר האָבן שוין דאַן געהאַט אַ קאַר און מיר האָבן ניט באַדאַרפט פאָרן אויף באָסעס אָדער טרעינס.

מיר האָבן אַזוי אָפּגעפּעדלט עטלעכע חדשים און ווען מיר האָבן זיך צוריקגעקערט אַהיים, רופט זיך אָן דזשאָו צו מיר:

— פּאָפּ, עס איז פאַר מיר קיין תכלית ניט. איך קען ניט זיין קיין פּעדלער...

— איך גיב צו, אַז דו ביסט גערעכט! — רוף איך זיך אָן צו אים — איך האָב אָן אַנדער פּלאַן, אָבער צו דעם וועט מען דאַרפן האָבן אַ ביסל געלט...

— נו, לאָמיר הערן דיין פּלאַן, פּאָפּ! — רופט ער זיך אָן צו מיר.

— אָט איז שוין איצט נאָוועמבער, בלויז זעקס וואָכן צו קריסטמעס. לאָמיר עפענען אַ קריסטמעס געשעפט פאַר טאַיס אין אַ גוטער געגנט.

— אָט דער פּלאַן געפעלט מיר! — האָט דזשאָו זיך אָנגערופן — וויפל געלט אָן ערך וועט מען דאַרפן האָבן?

— עס ווענדט זיך אין וואָס פאַר אַ געגנט מיר וועלן עפענען דעם סטאָר.

— איך בין גרייט אַריינצולייגן עטלעכע הונדערט דאָלאַר — זאָגט דזשאָו.

— אויב אַזוי, טאָ לאָמיר זיך אַרויסלאָזן אָנקוקן אַ סטאָר! — איך צו אים.

מיר האָבן זיך אַריינגעזעצט אין מיין קאַר און גענומען אַרומפאָרן אין דער געגנט פון „טיימס סקווער". איך האָב דאָרט דערזען אַ ליידיקן „סטאָר פאַר רענט" אויף בראָדוועי און 47סטע סטריט, אין דעם „לאַטין קוואָרטער בילדינג".

מיר האָבן באַטראַכט דעם סטאָר און די נאָכבאַרשאַפט אַרום און איך האָב געזאָגט צו דזשאָון, אַז איך גלייב דאָס וואָלט זיך ווי צוגעפּאַסט פאַר אונדז. איך האָב מורא געהאַט, אַז מען וועט אונדז ניט פאַרדינגען אויף איין חודש.

— וואָס ווען מיר פאַרלירן! — רופט זיך אָן דזשאָו — לאָמיר צו־פאָרן צום אַגענט און מיר וועלן זיך מיט אים דורכרעדן.

מיר זיינען צוגעפאָרן צום אַגענט און מיר האָבן אים געזאָגט, אַז מיר זיינען פאַראינטערעסירט צו דינגען דעם סטאָר אויף בראָדוועי און 47סטע סטריט פאַרן חודש דעצעמבער צו פאַרקויפן טאַיס, און אויב עס וועט זיך אַרויסצייגן, אַז ביזנעס זיינען גוט, וועלן מיר רעדן וועגן ווייטער.

— די רענט פאַר יענעם סטאָר איז 650 דאָלאַר אַ חודש! — זאָגט דער אַגענט — און דאָס געלט דאַרף זיין אין מזומן אין פאָראויס.

— גוט! — רופט זיך אָן דזשאָו — מיר נעמען דעם סטאָר!

— מיר וועלן דערווייל געבן האַנט־געלט פופציק דאָלאַר — רוף איך זיך אָן — און מיר וועלן מאָרגן צוקומען מיט די אַנדערע זעקס הונדערט דאָלאַר.

דער אַגענט האָט אונדז געגעבן אַ קבלה (רעסיט), אַז ער פאַרדינגט אונדז די סטאָר אויף אַ חודש צייט פאַר זעקס הונדערט און פופציק דאָלאַר.

דזשאָו האָט אַרויסגענומען פון באַנק דאָס געלט און מיר האָבן געמאַכט אַ „ליעס"" פאַר דעם חודש דעצעמבער. דאַן בין איך שוין אַוועק איינהאַנד־לען די טאַיס. מיר האָבן געמאַכט שאַפעס, אויסגעשטעלט לאַנגע טישן פון ברעטער און זיי באַפּוצט. מיר האָבן אַריינגענומען אַ גאַר גרויסן סטאָק פון סחורה. דזשאָו האָט אויסגעפּוצט דעם פענצטער קריסטמעסדיק. מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן אונדזער סטאָר „טאַי סיטי". אין שוי־פענצטער זיינען אויסגעלייגט געוואָרן פאַרשידענע טאַיס און מיר האָבן געהאַט אַ שילד, אַז דער פרייז פון יעדן אַרטיקל אין געשעפט איז ניט העכער פון איין דאָלאַר.

מיר האָבן געהאַט אַ „גרענד אָפּענינג" און מיר זיינען אַליין געווען דערשטוינט פון דעם גרויסן דערפאָלג, וואָס מיר האָבן געהאַט. הונדערטער קונים זיינען געקומען קויפן אונדזערע קראַוואַטן. דזשאָו האָט זיך גוט אויסגעטויגט און איך, אַלס דערפאַרענער פאַרקויפער, האָב אויסגענוצט

מיטצי גיינער, גאָסי דעל, סעלמאַ ראָזאַלעס, דזשאָ ראָזאַלעס

דזשערי און קיילע שאַפּיראָ

מיין טאַלאַנט און פאַרקויפט זייער פיל. סעלמאַ, מיין טאָכטער, איז אויך געקומען אַרויסהעלפן. בקיצור, מיר האָבן זיך אַליין ניט געריכט, אַז מיר וועלן אויסמאַכן אַזוי גוט שוין פון ערשטן טאָג אָן.

אַזוי ווי עס איז געווען דער חודש דעצעמבער, וואָס איז דער בעסטער חודש אין יאָר פאַר ביזנעס צוליב קריסטמעס, זיינען מיר געווען פאַרנומען (ביזי) פון אין דער פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. מיר האָבן יענעם חודש אַריינגענומען עטלעכע טויזנט דאָלאַר.

מיר האָבן שוין געהאַט גענוג געלט צו באַצאָלן קעש פאַר דער סחורה און מיר האָבן געקראָגן אי בעסערע טאַיס, אי פאַר ביליקער. אָט איז שוין נאָך קריסטמעס. די „ביזי" אין אונדזער סטאָר איז נאָך אַלץ געווען גאַנץ היפּש. רוף איך זיך אָן צו מיין איידעם:

— איך האַלט, אַז מיר זאָלן דינגען דעם סטאָר אויף נאָך אַ חודש.

— איך האָב מורא, אַז מיר וועלן דעם חודש דאַרפן פאַרלירן דאָס וואָס מיר האָבן פאַרדינט היינטיקן חודש — זאָגט דזשאָו.

— עס קען זיין, אַז דו ביסט גערעכט — זאָג איך — ווייל יאַנואַר איז דער שוואַכסטער חודש פון יאָר אין לייזונג. אָבער איך בין וויליג צו נעמען אַ „טשענס".

— נו, אויב דו האַלסט, אַז עס איז אַ גוטער פּלאַן, בין איך ניט דאַ־קעגן! — ענטפערט דזשאָו.

מיט דעם האָט שוין דזשאָו נאָך מער אויסגענומען ביי מיר. איך האָב געזען, אַז ער טויג זיך גוט אויס צו ביזנעס און וויבאַלד ער איז גרייט צו ריזיקירן, איז אַ באַוויז, אַז ער וועט האָבן דערפאָלג.

מיר האָבן זיך באַלד געזען מיטן אַגענט און מיר האָבן אָפּגעשריבן אַ „ליעס" אויף נאָך אַ חודש, יאַנואַר.

מערקווירדיק, אַז אַפילו אין אָט דעם חודש, וואָס ווערט אָנגענומען פאַר דעם שוואַכסטן חודש פון יאָר פאַר ביזנעס, האָבן מיר אויך גוט אויס־געמאַכט. דאַן האָבן מיר באַשלאָסן צו „ליסען" דעם סטאָר אויך פאַרן חודש פעברואַר. מיר האָבן ביי זיך אָפּגעמאַכט, אויב מיר וועלן אויסמאַכן ניט שלעכט אויך אין דעם חודש, וועלן מיר דאַן דינגען דעם סטאָר פאַר אַ גאַנץ יאָר. מיר האָבן זיךווירקלעך ניט גענאַרט. דער סטאָר, וואָס מיר האָבן אַ נאָמען געגעבן „טאַי סיטי", האָט שוין געקראָגן אַ גוטע רעפּוטאַציע. הונדערטער מענטשן פלעגן אַריינקומען — מענער און פרויען. די טאַיס זיינען געלעגן אויסגעלייגט אויף טישן און אין שופלאָדן. מע האָט געקליבן, מען האָט אַרויסגעזאָגט מיינונגען און מען האָט געקויפט...

איך בין זייער גוט אויסגעקומען מיט דזשאָון. אָבער פונדעסטוועגן האָבן מיר געהאַט פאַרשידנאַרטיקע מעטאָדן. געוויסע מעטאָדן וואָס ער האָט באַ־נוצט זיינען מיר ניט געפעלן געוואָרן, און אים זיינען ניט געפעלן געוויסע ביזנעס־מעטאָדן וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגן. איך האָב געפילט, אַז צוליב

**גאָסי און הערי דעל**

דעם קען אונדז נאָך אַ מאָל אויסקומען זיך צו אַמפּערן, האָב איך גענומען טראַכטן פון עפּענען ערגעץ אַ צווייג פון „טאַי סיטי". איך האָב שוין גענומען זיך אַרומקוקן און זוכן אַ פּאַסיקן פּלאַץ פאַר אַזאַ סטאָר. איך האָב דערזען „עי סטאָר טו ליעס" אויף נעסאָו סטריט. איך האָב וועגן דעם גערעדט מיט דזשאָון. ער איז אַוועק מיט מיר באַטראַכטן דעם סטאָר און די גאַנצע געגנט. מיר האָבן בײדע באַשטימט, אַז עס וועט זײַן זײער גוט פאַר אַ ברענטש פון אונדזער געשעפט.

מיר האָבן געמאַכט אַ „ליעס" און איך האָב אויפגעעפנט דעם סטאָר אַלס אַן אָפּטײלונג פון אונדזער סטאָר פון זיבן און פערציקסטע סטריט און בראָדוועי. דזשאָו איז פאַרבליבן אין אונדזער ערשטן סטאָר און איך האָב געקראָגן אימיצן, וואָס זאָל מיר אַרויסהעלפן, און אויך דער סטאָר האָט אַרײַנגעבראַכט אַ היפּשן ריווח.

דערווײַל האָט זיך מײַן ייִנגערע טאָכטער, קלאָודיאַ, פאַרליבט אין אַ יונגן בחור, מיטן נאָמען דזשערי, וועלכער האָט געאַרבעט אין אַ דראָג־סטאָר אַלס אַ סאָדע־קלוירק. זי פלעגט אַרײַנקומען אין יענעם דראָג סטאָר פאַר אַן אײַז־קרים סאָדאַ. זיצנדיק און טרינקנדיק די סאָדא פלעגן זיי כאַפּן דערווײַל אַ שמועס. עס האָט לאַנג ניט גענומען און צווישן זיי איז געוואָרן אַ הייסע ליבע. אָבער פאַר אַ יונגן, פעאיקן בחור ווי דזשערי צו זײַן אַ סאָדא קלוירק איז ניט געווען קײן תכלית. איך האָב אין הויז גערעדט וועגן דעם, אַז איך וואָלט באַדאַרפט קריגן אַ פעאיקן יונגמאַן, וועמען איך זאָל קענען „אײַנברעכן" אין די ביזנעס.

— פּאַפּאַ, — רופט זיך צו מיר אָן קלאָודיאַ — איך האָב פאַר דיר אַזאַ בחור. ער איז אַ וואונדערבאַרער באָי, אַן ערלעכער און איך בין זיכער, אַז ער איז זייער פעאיק און ער וועט זיך גוט אויסטויגן צו די ביזנעס אין „טאַי סיטי״.

— גוט, מיין טאָכטער, — רוף איך זיך אָן מיט אַ שמייכל — שיק אים צו מיר. אויב ער וועט זיך אויסטויגן, וועל איך אים אָנשטעלן אין די ביזנעס.

אויף מאָרגן איז שוין קלאָודיאַ געקומען מיט דזשערין צו מיר אין סטאָר אויף נעסאָו סטריט. איך האָב אים באַטראַכט און ער איז מיר שוין געפעלן געוואָרן. איך האָב אים געזאָגט, אַז ער קען אָנהייבן אַרבעטן. איך האָב אים געצייגט וואָס צו טאָן, ווי אַזוי צו סאָרטירן און אויסלייגן די סחורה. דזשערי האָט זיך טאַקע גוט אויסגעטויגט. איך האָב אים געצאָלט גאַנץ גוטע שכירות. אין אַ קורצער צייט אַרום האָבן מיר געפּראַוועט קלאָודיאַס און דזשעריס חתונה. דאַן האָבן מיר אים שוין געמאַכט פאַר אַ שטיקל שותף. אויסער זיינע שכירות, פלעגט ער אויך באַקומען אַ געוויסן פּראָצענט פון די פּראָפיטן. נאָך דעם האָבן מיר געעפנט נאָך אַ סטאָר אויף בראָדוועי און דזשאַהן סטריט. אַהין האָב איך אַריינגענומען מיין פלימעניק אַרטי, וועמען מיר האָבן געמאַכט פאַר מענעדזשער.

איצט האָב איך זיך צוריקגעצויגן, מיינע איידעמס און אַנדערע מיטגלידער פון מיין משפּחה גייען אָן מיט די ביזנעס. מערקווירדיק, אַז איך האָב אָנגעהויבן מיין קאַריערע אַלס אימפּרעסאַריאָ, אַראַנזשירנדיק קאָנצערטן פון די גרעסטע חזנים אין דער יידישער וועלט, פון די וועלט־באַרימטע זינגער, קינסטלער און אַקטיאָרן און איצט, אַז איך בין פריי פון זאָרג און פון עול פּרנסה, בין איך צוריקגעקומען צו דער מדרגה פון אַן אימפּרעסאַריאָ. איך גיב אָבער איצט מיין גאַנצע דינסט פאַר פאַרשידענע צדקה־אינסטיטוציעס. איך אַראַנזשיר טעאַטער פּאַרטיס, קאָנצערטן און איך אַליין אַפילו האַלט רעדעס אויף אָט די דאָזיקע פונקציעס. אָבער דאָס אַלץ טו איך אָן געלט. ווען איך פיר דורך אַזאַ קאָנצערט אָדער טעאַטער פּאַרטי, טראַכט איך פון יענער צייט, ווען איך בין נאָך גאָר יונג געווען און דורכגעגאַנגען דעם ציקל פון פינף צענדליק יאָר, דורך וועלכע איך האָב אַ סך דורכגעמאַכט, און איצט — בין איך צוריק ביים אָנפאַנג . . .

יהושע וואַלאַך

# 2טער טייל

## מיינע באַגעגעניש מיט וויכטיקע יידישע פערזענלעכקייטן



## אַב. קאַהאַן

איך האָב געהאַט די געלעגנהייט צו באַאָבאַכטן אַב. קאַהאַן פון דער נאָענט. אַלס אימפּרעסאַריאָ און אַלס איינער וועלכער האָט אַראַנזשירט קאָנצערטן און פאָרשטעלונגען, בין איך געקומען אין פאַרבינדונג מיט אַב. קאַהאַן אין רעדאַקציע פון „פאָרווערטס”, אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אַנגאַזשירונג פון געוויסע קינסטלער. ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זיצן ביי איין טישל מיט אַב. קאַהאַן אין שלומס רעסטאָראַן אויף איסט בראָדוויי.

דעם איינדרוק וואָס איך האָב געהאַט פון אים איז, אַז ער איז געווען אַ ליבלעכער, אידעאַלער מענטש, אַן אוהב את הבריות, אַ פאָלקס־לערער, וועלכער האָט געשטרעבט צו לערנען מיט די מאַסן, כדי זיי צו דער־נענטערן צום היכל פון קולטור. איך האָב אויך געקענט מערקן אין אים געוויסע מידות וואָס ביי אַ פשוטן בשר ודם דאַרפן זיי פאַררעכנט ווערן אַלס נעגאַטיווע, אָבער צו אַב. קאַהאַן קענען זיי צוגעשריבן ווערן אַלס פּאָזיטיווע. ער איז געווען שטרענג עקשנותדיק און אומקאָמפּראָמיסלעך ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן קונסט און ליטעראַטור; ער האָט געהאַט זיין „אידעע פיקס” און מיט זיין „פען וואָס איז מעכטיקער ווי די

שווערד״ האָט ער געקעמפּט ביז ״בלוט״, ווען אימיצער האָט פּאָלע־מיזירט מיט אים.

אַב. קאַהאַן האָט אין זיך קאָמבינירט דעם ברען פון אַ זשורנאַליסט, וועלכער האָט פאַרשטאַנען דעם עיקר תמצית פון מאַכן נייעס; ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר סענסאַציעס, וויסנדיק אַז דער פּשוטער לעזער קוויקט זיך מיט דעם, און אין דער זעלבער צייט איז ער געווען אַ קולטור־מענטש, וועלכער האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס סאַמע בעסטע און וויכטיקסטע פון דער וועלט־ליטעראַטור, און זיין שטרעבונג איז געווען צוצוגרייטן דאָס פאָלק צו דערגרייכן דעם טעמפּל פון קונסט און ליטעראַטור.

ווען אַב. קאַהאַן האָט זיך באַוויזן אויף דער אַרענע פון זשורנאַליזם אין אַמעריקע, אין די אַכציקער יאָרן פון לעצטן יאָרהונדערט, איז ער שוין געווען דאָן גוט אַמעריקאַניזירט, און געקענט גוט ענגליש. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן יידיש און גלייכצייטיק אויך ענגליש. אין יענער צייט האָט זיך דער שטראָם פון יידישע אימיגראַנטן שטאַרק פאַרגרעסערט איבער די פּאָגראָמען, רדיפות און באַגרענעצונגען אין רוסלאַנד, רומעניע און אין אַנדערע מזרח אייראָפּייאישע לענדער, וואו עס האָב זיך געפונען מאַסן יידן. דאָס רוב פון יענע אימיגראַנטן איז געקומען פון די אָרעמע, האָרעפּאַשנע יידן פון די קליינע שטעטלעך, וואו זיי האָבן זעלטן אָנגעזען אַ יידישע צייטונג אָדער זשורנאַל. יענע אימיגראַנטן זיינען געווען רוי, אומגעהובלט און פאַרגרעבט. די יידישע אימיגראַנטן, וועלכע זיינען געקומען פון פאַרשידענע לענדער און פּראָווינצן, האָבן מיטגעבראַכט מיט זיך פאַרשידענע דיאַלעקטן, זיטן און באַגריפן, וואָס זיינען געווען ניט אין איינקלאַנג מיט דעם נייעם לעבן אין דער נייער וועלט.

צווישן דעם ביסל יידישע אינטעליגענץ האָבן זיך געפונען אומגע־ווינטשטע עלעמענטן, וועלכע האָבן געזוכט אויסצונוצן די אומוויסנהייט, די נאַאיווטעט פון די מאַסן פאַר זייערע אייגענע צוועקן. די מאַסן אומוויסנדע אימיגראַנטן זיינען איינפאַך פאַרשיכורט געוואָרן פון דער פּלוצלונגער פריי־הייט, וואָס זיי האָבן דערפילט אין די פאַראייניקטע שטאַטן. קומענדיק אַהער פון אַ וועלט פון אָרעמקייט, נויט, פאַרפאָלגונג און אונטערדריקונג. עס האָבן זיך געיאַוועט דעמאַגאָגן און אַנדערע פינצטערע כוחות וואָס האָבן געזוכט אויסצונוצן די אומוויסנקייט פון די מאַסן, און האָבן געפּרעדיקט פרייע ליבע און הפקרות. פון דער אַנדערער זייט האָבן זיך שוין דאָ געפונען די מער אָדער ווייניקער איינגעפונדעוועטע אָלרייטניקעס, וועלכע האָבן געזוכט אויסצונוצן די אומוויסנקייט פון די מאַסן, פּרעדיקנדיק צעלאָזנקייט כדי זיי צו עקספּלואַטירן אין די סוועט־שעפּער, וואָס זיי האָבן געשאַפן.

מיט זיין שאַרפן חוש האָט אַב. קאַהאַן גלייך דערפילט, אַז די ערשטע זאַך וואָס דער אָרעמער אימיגראַנט דאַרף האָבן איז אַ וועגווייזער, אַ לערער, וועלכער זאָל קענען דערגרייכן אָט די דאָזיקע מאַסן, זיי באַלייכטן, דער־

קלערן און דערציִען ביסלעכווייז, בהדרגה, כדי זיי צוצוגרייטן צו דעם נייעם לעבן אין נייעם לאַנד, און זיי דערפירן ביז צום היכל פון קולטור.

צו אָט דעם צוועק האָט ער פריער פון אַלץ אויסגענוצט זיין זשורנאַ־ליסטישן טאַלאַנט, ווען ער איז געוואָרן רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס״. ער האָט געמאַכט די צייטונג אַזוי אינטערעסאַנט און צוגענגלעך צום המון, אַז ער זאָל מיט חשק וועלן לייענען אַלץ וואָס עס געפינט זיך אין אַ צייטונג. ער האָט געשריבן אין דער שפּראַך וואָס די יידישע אימיגראַנטן האָבן גערעדט. זיין ערשטער צוועק איז געווען צו פאַראייניקן די „גרינע״ שפּראַכלעך, עס זאָל ניט זיין קיין בבל פון שפּראַכן און דיאַלעקטן; זיי זאָלן זיך אַלע אויסלערנען לייענען און פאַרשטיין יידיש, און אין דער זעלבער צייט איינזאַפּן אין זיך דעם אַמעריקאַנער גייסט — אַמעריקאַניזם.

ער האָט באַטאַנט סענסאַציאַנעלע נייעס פון „היומען אינטערעסט״. ער האָט פּרובירט העלפן לייזן די פאַמיליען־פּראָבלעמען, וואָס זיינען אַרויסגעוואַקסן דורך דעם נייעם לעבן אין דער פרייער מדינה. צוליב דעם האָט ער איינגעפירט אין „פאָרווערטס״ דעם „בינטל בריוו״, מיט לאַגישע עצות פאַר די וועלכע האָבן זיך פאַרפּלאָנטערט אין דעם וויר־וואַר פון לעבן. די פּשוטע פרוי, ווי אויך דער מאַן, האָבן „געלעקט די פינגער״ דערזעענדיק אין דעם אָפּטייל די אָפּשפּיגלונג פון זייער אייגענעם לעבן, אָדער פון זייערע נאָענטע און באַקאַנטע. ביסלעכווייז האָט ער איינגעפירט אין „פאָרווערטס״ אַרטיקלען וועגן דער יידישער געשיכטע. זיין צוועק איז געווען צו מאַכן דעם יידן שטאָלץ מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, צו באַזייטיקן פון אים דעם „אינפיריאָריטי קאָמפּלעקס״, וואָס האָט זיך גענומען מערקן אין מאַנכע פון די וועלכע האָבן געזוכט זיך צו אַסימילירן און זיך שעמען מיט יידישע מנהגים און זיטן.

אַלס איינער וועלכער האָט געענדיקט דעם ווילנער יידישן לערער אינסטיטוט, איז אַב. קאַהאַן געווען גוט צוגעגרייט צו פאַרנעמען די ראָלע אַלס לערער פון מאַסן. פריער האָט ער געלערנט די מאַסן צו לייענען און זיך פאַראינטערעסירן אין געדרוקטן וואָרט, און ביסלעכווייז האָט ער זיי צוגעגרייט צו פאַרשטיין און אָפּשאַצן אַ ליטעראַרישע דערציילונג, אַ פּאָ־ליטישן אַרטיקל, אַן עדיטאָריאַל און אַ וויסענשאַפטלעכן אַרטיקל.

מיר דאַרפן וויסן, אַז אין יענע יאָרן איז דאָס יידישע לעבן געווען אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד, און אַב. קאַהאַן איז געווען דער ערשטער, וועלכער האָט אַריינגעבלאָזן אַ רוח של חיים אין די אַריבערגעקומענע מאַסן, וואָס האָט זיי געדעגט צו אַ געזעלשאַפטלעכן גייסטיקן לעבן.

אַב. קאַהאַן האָט אויסגענוצט די קאָלומס פון דעם „פאָרווערטס״ צו בילדן דעם המון; ער האָט געוואוסט אַלע שוואַכקייטן פון די לייענער, אי פון די פּשוטע האָרעפּאַשנע אַרבעטער, אי פון דער האַלב־געבאַקענער אינטעליגענציע, און ער האָט פאַרשטאַנען ווי אַריינצודרינגען אין זייערע

הערצער. ער האָט געמאַכט דעם „פֿאָרווערטס" ניט נאָר פֿאַר אַ צייטונג צו לייענען נייעס, אַרטיקלען און עדיטאָריאַלס נאָר אויך אַ לערן־אַנשטאַלט, אַ קאָלעדזש, וואו די לעזער האָבן שטודירט סאָציאַליזם, אַמעריקאַניזם. ער האָט מיט זיי געקנעלט וועגן דער נויטווענדיקייט פֿון יידישע יוניאָנס, פֿון יידישע אָרגאַניזאַציעס, פֿון יידישער סאָציאַלער, עקאָנאָמישער פֿאַראייניקונג.

זייענדיק אַן איבערצייגטער סאָציאַליסט, איז זיין הויפּט אויפֿגאַבע געווען צו פּרעדיקן סאָציאַליזם, צו באַקאַנען די מאַסן מיט די פּרינציפּן פֿון סאָציאַליזם, דורך דער לערע פֿון קאַרל מאַרקס, פֿון פֿערדינאַנד לאַסאַל און אַנדערע.

טראָץ דעם וואָס אַב. קאַהאַן איז געווען אַ פֿאַרברענטער סאָציאַליסט און אַן איבערצייגטער אינטערנאַציאָנאַליסט, וועלכער האָט געפֿילט אַז דורך סאָציאַליזם און אינטערנאַציאָנאַליזם וועלן זיכער געלעזט ווערן די שווערע יידישע פּראָבלעמען, אַז מיט דער באַפֿרייאונג פֿון די פֿאַרשקלאַפּטע אַרבעטער וועט במילא אויך באַפֿרייט ווערן דאָס פֿאַרשקלאַפּטע יידישע פֿאָלק, איז ער אָבער אין דער זעלבער צייט געווען אַ יידישער פֿאָלקסמענטש, אַ נאַציאָנאַליסט און אין די לעצטע יאָרן האָט ער געמאַכט אַ גרויסע ענדערונג אין דער ליניע פֿון „פֿאָרווערטס". דער טראָפּ איז ניט געלייגט געוואָרן אינגאַנצן אויף סאָציאַליזם, נאָר אויך אויף יידישקייט, אויף דעם יידישן נאַציאָנאַליזם.

אַב. קאַהאַן האָט אַרויסגענומען דעם „פֿאָרווערטס" פֿון די ענגע ראַמען פֿון סאָציאַליזם און קאָסמאָפּאָליטיזם. ער האָט געביטן זיין שטעלונג ווען די וועלט־לאַגע האָט זיך געביטן. אַב. קאַהאַן איז געווען גרויס גענוג צו־צוגעבן אַליין, אַז ער האָט געמאַכט טעותים. ער איז פֿאַרבליבן דער זעלבער הייסער סאָציאַליסט, אָבער ער האָט אויפֿגעגעבן זיין קעגנערשאַפֿט צום ציוניזם. אין די לעצטע יאָרן האָט אַב. קאַהאַן געגומען לייגן מער געוויכט אויף יידישן נאַציאָנאַליזם. ער האָט געגומען אַרויסצייגן אַ סך סימפּאַטיע צו דער ציוניסטישער באַוועגונג, און ער האָט זיך וואַרעם אָפּגערופֿן אויף אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט דעם יידישן לעבן, מיט דער וואונדערלעכער אַנטוויקלונג און אויפֿבוי פֿון ארץ־ישראל.

אים איז אויסגעקומען צו קעמפֿן מיט געוויסע געגנאָסן, וועלכע זיינען געבליבן ווי פֿאַרגליווערט מיטן סאָציאַליזם און מיט זייער קעגנער־שאַפֿט צום ציוניזם, און זיי האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פֿון זייערע פּרינציפּן אַפֿילו אויף אַ האָר, אָבער אַב. קאַהאַן האָט זיינס אויסגעפֿירט. ער האָט באַזוכט ארץ־ישראל אין 1925, און האָט זיך צוריקגעקערט פֿון דאָרט פֿול מיט ענטוזיאַזם און באַגייסטערונג פֿון דעם פּיאָנערן־לעבן.

„מיר פּרעדיקן דאָ סאָציאַליזם, אָבער ערשט דאָרט, אין ארץ־ישראל, לעבט מען אין סאָציאַליזם. דאָרט ווערט אָט דער דאָזיקער אידעאַל פֿאַר־

ווירקלעכט. מען פראַקטיצירט אים אין לעבן" — האָט אַב. קאַהאַן זיך אויסגעדריקט פאַר אַ גרופּע גענאָסן.

אַב. קאַהאַן האָט באַזוכט ארץ־ישראל אַ צווייטן מאָל. דאָס איז געווען אין 1929, ווען עס זיינען פאָרגעקומען די אַראַבישע פּאָגראָמען אויף יידן. ער האָט באַאָבאַכט מיט זיין שאַרפן בליק אַלץ וואָס דאָרט קומט פאָר. ער האָט געזען די העלדישקייט, די מוטיקייט פון די יונגע פּיאָנערן, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם ביקס אין איין האַנט און געקעמפט קעגן שונא, און מיט דער צווייטער האַנט האָבן זיי געפּירט דעם אַקער־אייזן, קעמפנדיק קעגן דער פאַרשטיינערטער ערד, און געזיגט האָבן זיי אויף ביידע פראָנטן...

אַב. קאַהאַן האָט דאַן באַזוכט די קאָלאָניעס און די גרעסטע שטעט אין ארץ־ישראל, און ער האָט געשיקט לאַנגע קעיבלס פול מיט באַגייסטערונג פון דעם יידישן בליענדיקן לעבן אין ארץ־ישראל. ווען ער האָט זיך צוריקגעקערט אין רעדאַקציע, האָט ער געשריבן אַ סעריע אַרטיקלען, פול מיט וואַרעמקייט און לויב־געזאַנג פאַר דער צוקונפטיקער יידישער מלוכה.

אַב. קאַהאַן איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שרייבער אי אין אידיש, אי אין ענגליש. ער האָט פאַרמאָגט אַן אייגנאַרטיקן פיינעם סטיל, און ער האָט זיך גאַנץ גרינג געקענט אַריבערכאַפּן אין דער ענגלישער וועלט, אָבער ער איז געווען צוגעבונדן צו זיינע ברידער און איז פאַרבליבן מיט די יידישע מאַסן. ער איז געווען זייער מורה־דרך. ער האָט געשריבן הונדערטער אַרטיקלען וועגן סאָציאַליזם, וועגן אַרבעטער, וועגן זיינע צילן און שטרעבונגען. ער האָט געלערנט און געבילדעט די מאַסן.. ווען ער האָט געפילט, אַז זיי זיינען שוין געווען גייסטיק גענוג אַנטוויקלט צו העכערער קונסט און ליטעראַטור, האָט ער דאַן צוגעצויגן אין „פאָרווערטס" די בעסטע ליטעראַרישע שאַפערס, אַריינגערעכנט אויך יונה ראָזענפעלד, אַברהם רייזען, שלום אַש, י. י. זינגער, זלמן שניאור און אַנדערע.

אַב. קאַהאַן האָט שוין געפילט, אַז ער האָט באַוויזן אויפצוהאָדעווען די מאַסן זיי זאָלן קענען אָנהויבן לייענען און אָפּשאַצן העכערע ליטעראַרישע ווערק. ער האָט אויסגענוצט זיינע זשורנאַליסטישע פעאיקייטן צו דערציען אַ דור, וועלכער זאָל זיין גייסטיק רייף גענוג צו קענען אַריינדרינגען אין דעם היכל פון ליטעראַטור.

אין 1885 האָט אַב. קאַהאַן חתונה געהאַט מיט חנה בראָנשטיין, וועלכע איז געווען אַן אמתער גוטער זיווג פאַר אים. זי האָט אויף אים אַ סך משפיע געווען און אים דערמוטיקט אין אַלע זיינע אונטערנעמונגען, און ער פלעגט גאַנץ אָפט זאָגן, אַז זיין חנה האָט אַ סך בייגעשטייערט צו זיין דערפאָלג.

אַב. קאַהאַן איז געווען אַ גרויסער פירער, טאַלאַנטפולער זשורנאַליסט, נאָוועליסט און אַן איבערגעגעבענער לערער און מורה־דרך פאַר די פאָלקס־מאַסן. ער האָט זיך דערוואָרבן אַ בכבודיקן פּלאַץ אין די הערצער פון די פאָלקס־מאַסן, ביי וועמען ער איז פאַרבליבן געאַכטעט און געשעצט.

# סאַל היוראַק

סאַל היואַרק, קען איך זאָגן, איז געווען מיין לערער און וועג־ווייזער. איך האָב זיך מיט אים באַפריינדעט אין בראָנוויילער לייסעאום, וואו איך בין אין מיינע יונגע יאָרן געווען זייער טעטיק. היוראַק איז געווען אַ יונגערמאַן, וועלכער האָט געשפרודלט מיט ענערגיע, מיט גענעאַלע געדאַנקען און אידעע. דער לייבאָר לייסאום האָט געהאַט זיין אָנהייב ערגעץ אין אַן אָרעמען, אָפּגעלאָזטן בנין (ביניאַן). די באַאַמטע און טוער פון לייבאָר לייסאום האָבן אָנגעשטעלט דעם יונגן בחור סאַל יוראַק אַלס מענעדזשער. ער האָט זיך גלייך אַריינגעוואָרפן אין דער אַרבעט מיט היץ און מיט זיין גאַנצן ברען, וואָס ער האָט פאַרמאָגט.

אַלע האָבן געפילט, אַז דער לייבאָר לייעסאום מוז האָבן אַן אייגענע היים, וואו די אינטעלעגענטע אַרבעטער זאָלן זיך קענען צוזאַמענקומען, אָפּ־האַלטן זייערע וויכטיקע פאַרזאַמלונגען, און אָנגיין מיט אַלע קולטורעלע אַקטיוויטעטן.

איך געדענק אַז איך און אייניקע אַקטיווע אַרבעטער פאַר אַן אייגענער לייבאָר לייסעאום, זיינען געזעסן מיט סאַל יוראַק און אַרומגערעדט וועגן אונדזער חלום אויסצובויען אַ גרויסע געביידע אַלס אַ „לעיבאָר־לייסעאום״, האָבן מיר דאַן אַליין געמוזט צוגעבן אַז דאָס אַלץ איז דערווייל בלויז אַ חלום. די סומע געלט וואָס מען דאַרף פאַר דעם האָבן איז פאַנטאַסטיש גרויס. פון וועמען וועלן מיר נעמען דאָס געלט, פון אָרעמע אַרבעטער? ...

פלוצלונג גיט זיך סאַל יוראַק אַ שטעל אויף און רופט אויס: „מיר וועלן האָבן אַן אייגענעם לעיבאָר לייסאום. איך וועל קריגן דאָס געלט!

מיר אַלע האָבן אים אָנגעקוקט מיט דערשטוינונג. ער רעדט מיט אַזוי פיל זיכערקייט, מיט אַזוי פיל אַנטשלאָסנקייט. זיינען דאָס בלויז רייד

פון אַ באַרימער, אַ פאַנטאַזיאָר? איך האָב אים באַטראַכט, און איך האָב געקענט מערקן אַז ער איז זייער ערנסט, און זיין באַגייסטערונג שטייגט מיט יעדער רגע.

— זאָג מיר, סאַל — רוף איך זיך אָן צו אים נאָכדעם ווי מיר זיינען פון דאָרט אַרויס און געשפּאַצירט צוזאַמען — ווי אַזוי מיינסטו צו קריגן דאָס געלט?

— איך האָב אַ פּלאַן צו אַראַנזשירן אַ גראַנדיעזן קאָנצערט פון די גרעסטע קינסטלער, ווירטואָזן, שוישפּילער און מוזיקער.

— ווי אַזוי ועסטו עס קענען באַווייזן? — פרעג איך אים.

— מיט אַרבעט! — ענטפערט ער מיר — דו ווייסט דאָך אַז איך פויל זיך ניט צו אַרבעטן.

— נו, לאָמיר אָננעמען אַז דיר געלינגט צוזאַמענצושטעלן אַזאַ קאָנצערט דאָ, אין בראָנזוויל, טאָ וויפיל קענסטו דערוואַרטן ועט בלייבן ריינער פּראָפיט פון אַזאַ קאָנצערט?

— ווער זאָגט עס דיר אַז איך פּלאַן צו מאַכן דעם קאָנצערט אין בראָנזוויל? איך וועל אַראַנזשירן דעם קאָנצערט אין ניו־יאָרק, אין דעם היפּאָדראָם. אַהין וועלן קומען ניט נאָר די בראָנזווילער יידן, נאָר יידן און אויך ניט־יידן פון ברוקלין, פון ניו־יאָרק, פון די בראָנקס...

איך בין דאָן געווען אַן עדות צו סאַל יוראָקס אומערמידלעכער אַרבעט. יעדעס מאָל ווען איך האָב אים אָנגעטראָפן האָט ער מיר געצייגט אַ בריוו פון אַ באַרימטן קינסטלער, אַ זינגער, אַ פידל־שפּילער, אַ וועלט־באַרימטן שוישפּילער, וועלכע שרייבן אים אַז זיי וועלן מיט צופרידנקייט אָננעמען זיין אָנבאָט אויפצוטרעטן אין היפּאָדראָם פאַר אַזאַ וואוילטעטיקן צוועק. ער האָט שוין געהאַט אַ היפּשע צאָל טאַלאַנטפולע אַרטיסטן פון דער מוזיקאַלישער וועלט, ווי אויך נעמען פון די גרעסטע חזנים.

— און ווי אַזוי וועסטו קריגן דעם היפּאָדראָם? — פרעג איך אים.

ער האָט מיך אַ ווײַלע באַטראַכט צושקאָלענדיק מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט זאָגן: אוי, ווי נאַאיוו דו ביסט, מיין פריינד"... אָנשטאָט דעם האָט ער פאַר מיר דורכגעלייענט דעם צעטל פון די וועלכע האָבן זיך אונטערגענומען צו באַטייליקן אין דעם קאָנצערט, און ער האָט דאַן צוגעגעבן: „מיט אַזעלכע נעמען פון די גרעסטע טאַלאַנטן און סטאַרס וועט מען מיר אָנטזאָגן צו פאַרדינגען דעם היפּאָדראָם פאַר אַן אָוונט?

אין יענע צייטן זיינען קאָנצערטן בכלל געווען אַ זעלטענע דערשיינונג. אָבער די וועלכע געדענקען נאָך, וועלן צוגעבן, אַז אָט יענער ערשטער קאָנצערט וואָס סאַל יוראָק האָט אַראַנזשירט, איז געווען דער גרעסטער דערפאָלג, אי פינאַנציעל, אי אין קולטורעלן גייסטיקן זין... די יידישע פרעסע האָט אים שטאַרק געלויבט פאַר זיינע אויסערגעוויינלעכע

פעאיקייטן, ווי אַזוי ער אַליין האָט זיך אונטערגענומען און דורכגעפירט די אומגעהויער שווערע אויפגאַבן.

דאָס איז געווען סאָל יוראָקס ערשטער אַרויספּאָר אַלס אימפּרעסאַריאָ, מען קען אויף אים זאָגן אַז ער איז געווען פון די סאַמע ערשטע אימפּרע־סאַריאָס, וועלכער האָט שוין אָנגעשלאָגן דעם ריכטיקן טאָן ביי זיין ערשטן אַרויסטריט.

איך האָב אַ סך געלערנט פון אים. איך אַליין בין געוואָרן אינספּירירט צוקונדיק ווי אַזוי ער באַזיצט אַזוי פיל זעלבסט צוטרויען, אַזוי פיל פאַנ־טאַזיע און דערצו אַ סך קלוגשאַפט, צו זען דורכצופירן דאָס וואָס ער האָט זיך אונטערגענומען.

איצט איז סאָל יוראָק באַרימט איבער דער גאַנצער וועלט. עס איז ניט פאַראַן קיין קאָנצערט וואו דער נאָמען סאָל יוראָק ווערט ניט דערמאָנט. און איך מעג אים רופן ווי ס׳איז געשריבן: רבי, אַלופי ומיודעי (ראַבי אַלופי אומיודאָאי), מיין רבי, מיין וועג־ווייזער און מיין אינטימער פריינד...

הערי דעל, גאָסי דעל און סעם לעווינסאָן

# מאָריס שוואַרץ

כאָטש איך בין שוין דאַן געווען באַקאַנט אין בראָנזוויל און איסט ניו־יאָרק אַלס אימפּרעסאַריאָ, און איך האָב געמעגט שטאָלצירן מיט דעם וואָס מיר איז געלונגען צו אַנגאַזשירן פאַר די קאָנצערטן אַזעלכן גרויסע אַרטיסטן און קינסטלער ווי שאַליאַפּין, איזאַ קרעמער, אפרים צימבאַליסט, חזן יאָסעלע ראָזענבלאַט און אַנדערע, האָב איך געהאַט אין אָנהייב אַ ביסל שוועריקייטן מיט מאָריס שוואַרצן, ווען איך בין געקומען אים אַנגאַזשירן אויף אַ קאָנצערט וואָס איך האָב צוגעגרייט אין פּרעמיער טעאַטער אין בראָנזוויל. נאָכדעם ווי מיר זיינען שוין דורכגעקומען מיטן מקח (מעקאַך), האָט ער פון מיר פאַרלאַנגט אַ גאַראַנטיע. איך האָב אים געזאָגט אַז זיין גאַראַנטיע זיינען די אַנדערע אַקטיאָרן וועלכע וועלן זיך באַטייליקן אין זעלבן קאָנצערט. איך צייג אים דעם צעטל מיט די נעמען פון דזשעני גאָלדשטיין, צילי אַדלער, מאַלי פּיקאָן, לודוויג זאַץ אהרן לעבעדיעוו און אַנדערע, מיט זייערע אונטערשריפטן אַז זיי וועלן זיך באַטייליקן אין קאָנצערט, האָט ער שוין אויך איינגעשטימט.

יענער קאָנצערט איז געווען אַ ריזיקער ערפאָלג. איבער דריי טויזנט מענטשן זיינען געקומען אין „פּרעמיער" טעאַטער. דער זאַל איז געווען איבערגעפּאַקט. מענטשן זיינען געבליבן שטיין אין דרויסן, ווייל אַלע בילעטן זיינען שוין אויספאַרקויפט געוואָרן. אַלס עם־סי (מעסטער אָוו צערעמאָניעס) האָב איך פאָרגעשטעלט די אַלע סטאַרס, זאָגנדיק עטלעכע ווערטער וועגן יעדן פון זיי. מאָריס שוואַרץ, וועלכער איז געווען די הויפּט־אַטראַקציע, האָב איך געלאָזן צום לעצטן. איך האָב פאָרגעשטעלט מאָריס

שוואַרצן און דער דריי טויזנט קעפּיקער עולם האָט אויסגעבראָכן אין שטורמישע אַפּלאָדיסמענטן, וואָס האָבן געדויערט היפּשע עטלעכע מינוט.

מאָריס שוואַרץ האָט גענומען דעם עולם מיט שטורם. איך האָב געקענט מערקן אַז זיין פּנים האָט געשיינט און זיינע אויגן האָבן געלויכטן פון גליק. דער פאָרהאַנג האָט זיך עטלעכע מאָל אויפגעהויבן און ער האָט זיך עטלעכע מאָל פאַרנייגט פאַרן פּובליקום. נאָך דער פאָרשטעלונג, ווען שוואַרץ האָט גענומען אַריינגיין צו זיין צימערל, האָט ער מיך דערזען. ער האָט זיך צו מיר אָנגערופן: „קומט אַריין צו מיר אין צימער איך וויל מיט אייך שמועסן אַ ביסל".

איך בין מיט אים אַריינגעקומען אין זיין צימער, און נאָכדעם ווי ער האָט אַרונטערגענומען פון זיין פּנים די שמינקע, דעם פּאַרוק, באָרד און וואָנצן, טוט ער מיך אַ פרעג: „יונגערמאַן, ווער זייט איר דאָס?

איך בלייב שטיין אַ ביסל פאַרבליפט. דאַן זאָג איך אים: „איר דער־קענט מיך ניט?"

— איך ווייס אַז אייער נאָמען איז הערי דעל, אַז איר האָט מיך אַנגאַזשירט פאַר אייער קאָנצערט, אָבער דאָס וואָס איך וויל וויסן איז, ווי האָט איר באַוויזן צונויפצוזאַמלען אַזאַ גרויסן, אינטעליגענטן פּובליקום?

— ווען איך וואָלט ניט געהאַט אַ מאָריס שוואַרץ, אַ מאָלי פּיקאָן, אַ לודוויג זאַץ, מיט וועמען צו גיין צום טיש, וואָלטן מיר אַלע אַוועקגעגאַנגען הונגעריקע! — ענטפער איך אים מיט אַ שמייכל — אַלץ וואָס איך האָב געטאָן איז אייך צוזאַמענברענגען און דער עולם האָט געשטראָמט אַהער.

— איך זע, אַז איר האָט אייערע אייגענע פאַרדינסטן — רופט זיך אָן שוואַרץ צו מיר — כדי אַריינצוברענגען אין אַ טעאַטער אויף אַ קאָנצערט איבער דריי טויזנט יידן, דאַרף מען באַזיצן אַ חוץ ענערגיע און ביזנעס־פעאיקייטן אויך טאַלאַנט.

זינט דאַן האָב איך זיך באַפריינדעט מיט מאָריס שוואַרצן. איך פלעג צו אים גאַנץ אָפט אַריינקומען הינטער די קוליסן און מיט אים ריידן. איך האָב אים געזאָגט וועגן מיין פּלאַן אַרויסצוגעבן אַ יאָר־בוך פון טעאַטער און קונסט, און פון אים געקראָגן די דערלויבעניש אַריינצושטעלן זיין בילד און אַ באַשרייבונג וועגן אים אין מיין בוך. דורך מאָריס שוואַרצן האָב איך זיך אויך באַפריינדעט מיט דעם גרויסן בינע־קינסטלער לודוויג זאַץ, וועמען איך פלעג גאַנץ אָפט אַראַנזשירן פאַר אויפטרעטונגען אויף מיינע אונטערנעמונגען.

איך בין געוואָרן אַן אַריינגייער אין לודוויג זאַצעס הויז. איך פלעג אים אַריינברענגען דאָס געלט פאַר זיינע אויפטריטן.

איך בין איינמאָל אַריינגעקומען צו אים הויז און אים געבראַכט דאָס געלט. ער איז ניט געווען אין דער היים. ער האָט דאַן געשפּילט מיט מאָריס שוואַרץ, אויב איך מאַך ניט קיין טעות, אין אירווינג פּלעיס טעאַטער.

עס איז געווען אין מיטן נאַכט אַרום איינס־צוויי אַזייגער, מיין טעלעפאָן צעקלינגגט זיך. איך הויב אויף דעם רעסיווער, און איך הער לודוויג זאַצס שטים: „העללאָ, מר. דעל! דאָס רעדט לודוויג זאַץ. איר וועט מיר אַנטשולדיקן וואָס איך האָב אייך געשטערט אין מיטן דער נאַכט. אָבער איך האָב זיך נאָר וואָס צוריקגעקערט פון מאָריס שוואַרצן. מיר האָבן די גאַנצע צייט פאַרבראַכט אין קאַפע ראָיאַל. מיר האָבן היינטיקן אָוונט געשפילט פאַר כמעט אַ פוסטן טעאַטער און מאָר׳יס שוואָרץ האָט זיך צו מיר אָנגערופן: „וואו קריגט מען אַ הערי דעל, וועלכער זאָל העלפן אָנפילן דעם יידישן טעאַטער? האָב איך געפילט אַז איך מוז דאָס אייך גלייך דערציילן... אָבער ניט נאָר צוליב דאָס אַליין האָב איך אייך אויפגעוועקט פון שלאָף, נאָר צוליב נאָך עפּעס... ווייסט איר אַז איר האָט מיר איבערגעצאָלט מיט פופציק דאָלאַר מער, ווי איר האָט מיר געקומט... איך וועל אייך מאָרגן זען און צוריקגעבן אייער געלט״. ביידע, שוואָרץ און זאַץ, זיינען געווען גרויסע קינסטלער, און האָבן באַרייכערט דעם יידישן טעאַטער און זייער אָנדענק וועט תּמיד בלייבן איינגעקריצט אין אונדזער זכרון.



משה קוסעוויצקי

הערי דעל און דזשעני גראָסינגער

# דזשעני גראָסינגער

מיט עטלעכע יאָר צוריק האָב איך געלייענט אין די צייטונגען וועגן אַ באַרימטער זינגערין, די קינסטלערין חנה אַראָני. די פיל לויב־געזאַנגען און שבחים, וואָס מען האָט איר צוגעשריבן, האָבן מיך אימפּאָנירט. איך בין אַוועק זי הערן און דעם איינדרוק, וואָס די קינסטלערין האָט אויף מיר געמאַכט איז געווען אומבאַשרייבלעך.

נאָכן קאָנצערט בין איך פאַר איר פאַרגעשטעלט געוואָרן. ווען מען האָט איר געזאָגט, אַז איך בין אַן אימפּרעסאַריאָ און אַז איך קען עפּעס אַראַנזשירן פאַר איר, האָט זי מיך געבעטן זען טאָן עפּעס פאַר איר, ווייל זי איז דאָ ניט לאַנג אין לאַנד און זי פילט זיך זייער פרעמד און אָפּגעזונדערט. איבערהויפּט נויטיקט זי זיך אין דערמוטיקונג, און, פאַרשטייט זיך, אויך אין געלט.

איך האָב באַשלאָסן, אַז מען דאַרף עפּעס טאָן פאַר אַט דער וואונדערלעכער קינסטלערין. איך בין אַוועק צו שלום סעקונדאַ און זיך מיט אים דורכגערעדט וועגן איר. איך האָב זיך געהאַלטן מיט אים אַן עצה, ווי אַזוי קען מען עפּעס טאָן פאַר איר.

שלום סעקונדאַ האָט פאָרגעשלאָגן, אַז מען דאַרף זען זי זאָל אַנגאַזשירט ווערן ביי דזשעני גראָסינגער. ער האָט מיט מיר אָפּגעמאַכט צו פאָרן אַהין מיט מיר. ער האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דזשעניו, זאָגנדיק

איר, אַז איך בין אַן אימפּרעסאַריאָ און איך האָב איר אַפילו געצייגט מיין טעאַטער־ און קונסט־בוך.

דזשעני האָט מיך אַריינגערופן צו זיך אין אָפּיס און דאָרט האָב איך איר דערציילט וועגן דער גרויסער קינסטלערין חנה אַראַני, וועלכע איז ניט נאָר איינע פון די סאַמע בעסטע זינגער, נאָר אַז זי נייטיקט זיך מען זאָל זי דערמוטיקן און העלפן זיך שטעלן אויף די פיס. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב איר געזאָגט, אַז איך ווייס וואָס עס מיינט פאַר אַ קינסטלער זיך צו פאַרבינדן מיט גראָסינגערס און איך בין זיכער, אַז סיי די אַרטיסטין און סיי גראָסינגערס וועלן שטאָלצירן איינע מיט דער אַנדערער.

דזשעני האָט מיך אויסגעהערט. די קלוגע, גוטמוטיקע דזשעני האָט אַ שמייכל געטאָן, זאָגנדיק:

— אַז איר רעקאָמענדירט זי צו מיר, בין איך זיכער, אַז זי פאַרדינט צו קריגן אַ געלעגנהייט און איך וועל אייער פאַרלאַנג דערפילן מיט פאַרגעניגן. זי קען קומען אַהער, און איך וועל שוין זען, אַז מיר זאָלן אַלע זיין צופרידן.

חנה אַראַני איז געקומען אין גראָסינגערס און זי איז דאָרט אויפגעטראָטן און זי איז אויפגענומען געוואָרן מיט באַגייסטערונג. דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דזשעני גראָסינגער.

דזשעני איז אַ פרוי, וואָס פאַראייניקט אין זיך דערהויבנקייט, ווירדע, פריינדלעכקייט און גוטסקייט. זי איז די אמתע אשת חיל (עישעס כאַיל), וועלכע שלמה המלך האָט געמאָלן אין משלי: „אַן אשת חיל ווער קען געפינען? מער ווי פּערל איז איר ווערט. דאָס האַרץ פון איר מאַן פאַרזיכערט זיך אויף איר, און אים פעלט ניט קיין איינקום. זי טוט מיט אים גוטס און ניט שלעכטס אַלע טעג פון איר לעבן".

דזשעני גראָסינגער איז דער ריכטיקער פּראָטאָטיפּ פון דער יידישער פרוי, וועלכע פּאָעטן באַזינגען: די אמתע האַרציקע יידישע פרוי, מיט אַלע אייגנשאַפטן און גייסטיקע מעלות.

ווען זי איז אָנגעקומען אין אַמעריקע מיט אירע עלטערן, איז זי בלויז זיבן יאָר אַלט געווען. אירע עלטערן האָבן דורכגעמאַכט די אַלע פּאַזן, וואָס אַלע אימיגראַנטן מאַכן דורך. זיי האָבן זיך באַזעצט אויף דער איסט סאַיד. דאָרט האָט זי אין זיך איינגעזאַפּט דאָס יידישע לעבן, זיך צוגעהערט צו די געשיכטעס, וואָס זיי דערציילן; פאַרזוכט פון די אַלע מאכלים און פּאַטראַוועס, וואָס יידישע פרויען פון פאַרשידענע געגנטן האָבן צוגעגרייט.

ווען זי איז עלטער געוואָרן, האָט זי געעפנט אַ רעסטאָראַן און זי אַליין האָט שוין געוווּסט וואָס יידן האָבן ליב צו עסן. אירע מאכלים האָבן געקראָגן אַ שם. דזשעני האָט געהייראַט מיט איר קוזין, העררי גראָסינגער און זיי האָבן זיך ביידע איינגעשאַפט אַ פאַרם, וואו אייניקע געסט פלעגן

קומען פאַרברענגען דעם זומער. עס האָט לאַנג ניט גענומען און די פאַרם איז באַרימט געוואָרן מיט די טייערסטע כשר׳ע שפייזן, מיט דער פריינדלעכער באַהאַנדלונג, און עס האָבן אָנגעהויבן קומען מער געסט ווי עס איז געווען פּלאַץ. דאַן האָט דזשעני ביסלעכווייז גענומען צובויען נאָך געביידעס. דזשעני גראָסינגערס רום און נאָמען האָט שוין דער־גרייכט גאַנץ ווייט. דזשעני האָט געוואוסט, אַז ווען מען קומט זומער זיך אָפּרוען אין קאָנטרי, דאַרף מען אויסער פיזישע שפייז, אויך געבן גייסטי־קע שפייז און זי האָט דאַן אַריבערגעבראַכט גרויסע טאַלאַנטן אויף צו אונטערהאַלטן און אַמוזירן די געסט.

דזשעני איז קלוג, באַוויזט שאַרפע חושים, און זי האָט גלייך געקענט דערקענען דעם אמתן טאַלאַנטפולן זינגער, אַקטיאָר און קאָמיקער.

איצט איז דזשעני גראָסינגערס האָטעל אַ שם דבר איבער גאַנץ אַמעריקע און אויך אין אַלע לענדער. גראָסינגער איז איצט דער גרעסטער און שענסטער רעזאָרט־פּלאַץ אין דער וועלט. ער פאַרנעמט זיבן הונדערט פּופציק אַקער לאַנד און דאָרט געפינט זיך אַ סטעף פון 500 אָנגעשטעלטע. די וועלכע האָבן געמאַכט זייער דעביוט ביי דזשעני גראָסינגער, זיינען איצט די גרעסטע סטאַרס פון בינע, פילם און טעלעוויזיע. צווישן זיי געפינען זיך: דעני קעי, רעד סקעלטאָן, סיד סיזער, עדי פישער און נאָך אַנדערע... דאָס איז דזשעני גראָסינגערס אויפטו, מיט וואָס זי און מיר אַלע מעגן שטאָלצירן...



נאָוויק (אייגנטימער פון פּאַנטענבלו האָטעל), הערי און גאָסי דעל

# דעני קעי

מיט דעני קעי האָב איך אַ דאָפּעלטע שייכות — ערשטנס, האָב איך געקענט זיין פאָטער, יעקב קאַמינסקי, מיט וועמען איך בין געווען באַ־פריינדעט פאַר פיל יאָרן זייענדיק אַן אָפּטער באַזוכער אין זיין הויז (מיר האָבן געוואוינט אין דער זעלבער נאַכבאַרשאַפט); צווייטנס, איז דעני קעי געווען אַ סטודענט אין דער זעלבער האַי־סקול מיט מיין זון הוירבי. נישט איין מאָל איז מיר אויסגעקומען צו הערן פון יעקב קאַמינסקי ווי ער לויבט זיין זון, דניאלן, וועלכער איז באַגאַבט מיט אַ זיסער שטים און איז געבענטשט מיט אַ סך אַנדערע פעאיקייטן.

איך געדענק אַפילו יענע צייט, ווען דעני איז אַנטלאָפן פון דער היים. די גאַנצע נאַכבאַרשאַפט האָט וועגן דעם גערעדט. אייניקע זיינען אַפילו געווען פאַרביטערט קעגן דענין: „ס'טייטש, ווי טוט עס אַ יידיש ייגגל אָפּ אַזאַ זאַך. דאָס פאַסט פאַר אַ באָם, ניט פאַר אַ באַלעבאַטיש יידיש ייגגל". פאַרשטייט זיך, אַז אַזעלכע געשפּרעכן זיינען פאָרגעקומען צווישן יעקב קאַמינסקיס שכנים און באַקאַנטע הינטער זיינע אויגן. דאָך, יעדעס מאָל ווען איך פלעג זיך טרעפן מיט אים, פלעג איך אים אַ פרעג טאָן צי ער האָט עפּעס געהערט וועגן דענין.

— ער איז אָלרייט, ער איז אָלרייט! — פלעגט זיך באַווייזן אַ גוט־מוטיקער שמייכל אויף יעקב קאַמינסקיס ליפּן — ער איז ניט ווי אַלע אַנדערע קינדער. ער איז אַ קינד וואָס זוכט עפּעס אין לעבן און איך בין זיכער, אַז ער וועט עס געפינען. איך בין גאָרניט באַזאָרגט וועגן אים. ער איז זעלבסטשטענדיק, פעאיק און באַגאַבט און ער וועט ניט פאַרלוירן

ווערן, וואָס ער זאָל נאָר ניט אָפּטאָן און וואוהין ער זאָל נאָר ניט גיין.

— פונדעסטוועגן וואָלט ניט געשאַדט — הער איך ווי איינער פון די שכנים טוט אַ זאָג צו יעקב קאַמינסקין — ווען אייער יינגל טוט נאָך דעם ביישפּיל פון זיינע צוויי ברידער, וועלכע האַלטן אָן דזשאָבס און פירן זיך אויף סטאַטעטשנע... זעט ער דען ניט ווי זיין טאַטע אַרבעט אַזוי שווער אָנצוהאַלטן דאָס הויז...

— מענטשן, וועלכע קענען ניט דעניין — ענטפערט קאַמינסקי — וועלן אפשר זיין אַנגעשטויסן אויף אים צוליב דעם וואָס זיין אויפפירונג איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער אָנגענומענער מאָס, מיט וועלכער מען מעסט יונגוואַרג אָבער איך קען מיין קינד זייער גוט. ער איז געבוירן געוואָרן צו טאָן גרויסע זאַכן. ער ווייסט, אַז עס איז פאַראַן אַ גרעסערע וועלט און ברייטערע האָריזאָנטן, וואו ער וועט קענען בעסער אויסנוצן זיין טאַלאַנט און זיינע פעאיקייטן. טאָ פאַרוואָס זאָל איך אים שטערן? איך קען אייך זאָגן, אַז איך האָב געהערט פון אים, איך ווייס וואו ער איז. מען האָט מיך אַפילו געפרעגט צי איך בין קעגן דעם, וואָס ער האָט פאַרלאָזט זיין היים און איך האָב דאָרט געלאָזט וויסן, אַז ער האָט מיין צושטימונג און מיין ברכה... איך בין שוין גאָרניט באַזאָרגט וועגן אים און איך וויל באַרואיקן אַלע מיינע פריינד, אַז אויך זיי האָבן ניט וואָס צו זאָרגן זיך, דעני וועט שוין זיין שטעטל באַשטיין וואו ער זאָל ניט זיין...

עס איז איבעריק פאַר מיר צו דערציילן, אַז שפּעטער האָב איך נאָכגעפאָלגט דעניס קאַריערע, ווען ער האָט גענומען קלעטערן אויף דעם לייטער פון דערפאָלג אין דער וועלט פון „שאָו ביזנעס", אונטערן נאָמען דעני קעי. איך האָב געזען כמעט אַלע מואווינג פּיקטשורס, אין וועלכע דעני קעי האָט זיך באַטייליקט, וואו ער האָט „געסטאַרעוועט", ווי: „אָפּ אין אַרמס", „דהי קיד פראָם ברוקלין", „דהי סיקרעט לאַיף אָוו וואָלטער מיטי", „אָן די ריוויעראַ", „האַנס קריסטיאַן אַנדערסאָן", „נאַק אַן וואוד", „מי ענד דהי קוירנעל", „פּייוו פעניס" און אַנדערע.

יעדעס מאָל, ווען איך האָב אים געזען אין מואוויס, אָדער אויף דער טעלעוויזיע, פלעג איך אַנגעפילט ווערן מיט שטאָלץ, וואָס איך בין געוועזן אַזוי נאָענט מיט זיין פאָטער און האָב אים געקענט אַלס אַ קליין יינגל. דעני קעי איז געווען דער שטאָלץ און כבוד ניט נאָר פון זיין אייגענער משפחה, נאָר אויך פאַר גאַנץ ברוקלין, ווי אויך פאַר אַמעריקע. זיין נאָמען האָט דערגרייכט די „ארבע פינות העולם".

אַלס אַ גרויסער קינסטלער מיט גאָטס גנאָד, פאַרמאָגט דעני קעי אַ סענטימענטאַל גאָלדן האַרץ. זיין איבערגעגעבנקייט און זיינע אויפטוען פאַר אָרעמע און אומגליקלעכע קינדער, זיינען גאַנץ גוט באַוואוסט. ער איז גרויסמוטיק, אַ בעל-צדקה, און ער האָט זיך קיין מאָל ניט אָפּגעזאָגט צו טאָן יענעם אַ טובה.

דעני קעי גיט אָפּ אַ סך צייט און טאַלאַנט פֿאַר פֿאַרשידענע אינסטי־טוציעס און צדקה־אַנשטאַלטן. זיין ליבשאַפט פֿאַר קליינע קינדער האָט קיין גרענעץ ניט. דאָס קען מען גאַנץ אָפט מערקן, ווען ער ברענגט אַרויס די טאַלאַנטן פֿון קליינע, באַגאַבטע קינדער אויף דער טעלעוויזיע. זיין פֿאָטערלעכע צערטלעכקייט, זיין פֿרייד, זיין פֿאַרגעניגן, ווען ער נעמט אויף דער האַנט אַ קליין קינד, נעמט עס אַרום און צערטלט עס, איז אַזוי רירנדיק, אַז ניט איין מאָל באַווייזן זיך טרערן אין מיינע אויגן ווען איך זע דאָס.

נאָך מער און גרעסער איז דעני קעי געשטיגן אין מיינע אויגן, נאָך דעם ווי איך האָב מיט עטלעכע יאָר צוריק געלייענט זיין אַרטיקל אין „רידערס דיידזשעסט״ וועגן זיין פֿאָטער. דער גרויסער אַרטיסט און קינסט־לער, דער באַרימטער יידיש־אַמעריקאַנער שוישפּילער דעני קעי רעדט מיט אַזוי פיל ליבשאַפט און כיבוד אָב, מיט אַזוי פיל פֿאַרערונג און רעספּעקט וועגן זיין פֿאָטער, מיט זיין פּשטות און ערלעכקייט, אַז בלויז אַזאַ זון, מיט אַזאַ צאַרטער און איידעלער נשמה קען דאָס אַזוי בולט אַרויס־ברענגען.

היימאַן בראַון, פּראָדיוסער און געזעלשאַפטלעכער טוער

# שלום סעקונדע

מיט שלום סעקונדען האָב איך זיך באַפריינדעט נאָך דאַן ווי מיר זיינען ביידע געווען גאַנץ יונג. מיר האָבן געהאַט עפּעס געמיינזאַמעס — מוזיק. ער, דער געניאַלער מוזיקער, פּרוכטבאַרער און שעפּערישער קאָמפּאָזיטאָר, וועלכער האָט אין זיך קאָמבינירט פאָלקסטימליכקייט און קונסט. איך בין ניט געווען באַגאַבט מיט מוזיקאַלישן טאַלאַנט, דערפאַר אָבער בין איך געווען אַ ליבהאָבער פון גוטער קלאַסישער מוזיק, און געוואוסט ווי אָפּצושאַצן דעם טאַלאַנטפולן שלום סעקונדען וועלכער האָט אַזוי פיל בייגעשטייערט ניט נאָר צום יידישן טעאַטער נאָר אויך צו דער וועלט פון יידישער מוזיק. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אויף דריי געביטן: קונסט־מוזיק, טעאַטער־מוזיק און תפילה (ליטורגישע)־מוזיק. זיינע גאָר גרויסע פאַרדינסטן זיינען אָבער אויף טעאַטער־מוזיק.

אַלס אימפּרעסאַריאָ, וועמענס אויפגאַבע עס איז געווען צו באַקענען דעם יידישן פובליקום מיט די בעסטע, גרעסטע חזנים, שוישפּילער, פידל־ און פּיאַנאָ־ווירטואָזן, איז מיר גאַנץ אָפט אויסגעקומען זיך דורכצושמועסן מיט מיין פריינד שלום סעקונדע וועגן געוויסע מוזיקאַלישע פּערזענלעכקייטן. ער האָט מיר אַ סך געהאָלפן אין באַשליסן וועמען צו אַנגאַזשירן אויף די קאָנצערטן, וואָס איך האָב אַראַנזשירט פאַר די יידן פון בראָנזוויל און איסט ניו־יאָרק.

איך האָב אָט די אַלע יאָרן נאָכגעפאָלגט שלום סעקונדעס קאַריערע מיט אַ סך אויפמערקזאַמקייט, און איך קען זאָגן, אַז ער איז איינער פון די קאָלירפולסטע פּערזענלעכקייטן אין דער יידישער וועלט פון נגינה. זיינע קאָמפּאָזיציעס באַשטייען פון קלאַסישע און פּאָפּולערע לידער אין יידיש און אין העברייאיש.

ווען שלום איז געווען אַ ייִנגל פֿון צען יאָר האָט ער, אין 1904, אָנגעהויבן זינגען אַלס משורר ביי אַ חזן אין ניקאָלאַיעוו, רוסלאַנד; אין 1908, ווען ער איז געקומען קיין אַמעריקע, האָבן שוין פיל מבינים געזאָגט, אַז ער האָט מוזיקאַלישן טאַלאַנט, און מען האָט אים דערמוטיגט אָנצו־קומען אין דער „דזשוליאַרד סקול אָוו מיוזיק". זיין אַלגעמיינע בילדונג האָט שלום סעקונדע באַקומען אין קופּער יוניאָן און אין קאָלאָמביע קאָלעדזש. ער האָט אויך שטודירט קאָמפּאָזיציע ביים באַרימטן ערנעסט בלאָך.

פֿאַרן יידישן טעאַטער האָט ער געשריבן מוזיק פֿאַר צאָלרייכע מוזיקאַ־לישע קאָמעדיעס און אָפּערעטעס. איבער הונדערט פֿון זיינע ווערק זיינען אָפּגעדרוקט געוואָרן פֿון די גרעסטע פֿאַרלאַגן. איינע פֿון זיינע באַרימטע לידער וואָס האָט שלום סעקונדען אַזוי פּאָפּולער געמאַכט אַפילו ביי די אומות העולם, איז זיין באַרימט ליד „ביי מיר ביסטו שיין".

אין שלום סעקונדעס גרויסער קאַריערע האָט ער תמיד געשטרעבט צו פֿאַרבעסערן און פֿאַרשענערן די יידישע מוזיק.

סעקונדע איז טעטיק אויף אַלע געביטן אין דער מוזיק. ער איז אויך אַן אויסגעצייכנטער מוזיק־קריטיקער, און ער האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע פילע אַרטיקלען אין „פֿאָרווערטס", וואו ער האָט געשריבן קריטיקן וועגן פֿאַרשידענע מוזיקער, וועלכע האָבן גאַסטראָלירט אויף קאָנצערטן.

איך מוז באַטאָנען, אַז ער איז אַ גוטער שרייבער. איך האָב גע־לייענט מיט פיל אינטערעס זיינע רייזע־באַשרייבונגען פֿון די פיל לענדער, וואָס ער האָט מיט אַ צייט צוריק באַזוכט. זיינע באַשרייבונגען וועגן רוסלאַנד, וועגן מצרים, און אַנדערע לענדער קען איך זאָגן בפה מלא, אַז זיי זיינען פּרעכטיק געשריבן. איך, ווי אַלע אַנדערע לעזער פֿון „פֿאָרווערטס", האָבן גרויס הנאָה געהאַט פֿון אַלע זיינע רייזע־באַשרייבונגען, ווי אויך פֿון אַלע זיינע אַנדערע אַרטיקלען, מיט וואָס ער באַטייליגט זיך פֿון צייט צו צייט אין „פֿאָרווערטס".

אַלס פּערזאָן איז שלום סעקונדע איינער פֿון די טייערסטע, ליבסטע מענטשן. ער איז יעדן איינעם מקבל בסבר פנים יפות. אין זיין געזעלשאַפֿט פילט זיך יעדער איינער היימיש.

שלום סעקונדאַ איז אויך זייער טעטיק געזעלשאַפֿטלעך, און איז אימערצו גרייט מיטצוהעלפֿן אין אָרגאַניזירן קאָנצערטן און פֿאָרווייליונגען פֿאַר וואוילטעטיקע צוועקן. ער גיט זיך אָפּ מיט צושטעלן מוזיק פֿאַר די וויכ־טיקסטע אָרגאַניזאַציעס, אינסטיטוציעס און שולן אין ניו־יאָרק.

סעקונדע איז דער מוזיקאַלישער דירעקטאָר פֿון דעם באַרימטן „קאָנ־קאָרד האָטעל", און קאָנדוקטאָר פֿון דאָרטיקן סימפאָנישן אָרקעסטער. ער דיריגירט און פּלאַנט אויס רייכע, אינטערעסאַנטע פּראָגראַמען.

צו זיין זיבעציקסטן יובילעאום, וואָס איז געפייערט געוואָרן מיט צוויי יאָר צוריק, האָט ער געהאַט פֿאַרענדיקט אַן אָראַטאָריע אויף י. ל. פּרצס

דערציילונג, „אויב ניט נאָך העכער". די אָראַטאָריע איז אויפגעפירט געוואָרן אין ראָטשעסטער, אין דער איסטמאַן סקול אָוו מיוזיק, מיט באַרימטע קינסטלער, צווישן וועלכע עס איז געווען דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּעראַ־זינגער ריטשאַרד טאַקער.

מיט אַלע זיינע פיל אייגנשאַפטן, מיט אַלע זיינע מוזיקאַלישע דערגרייכונגען, האָט שלום סעקונדע דערגרייכט אַ שטופּע, מיט וואָס ער מעג שטאָלצירן און מיר אַלע, זיינע פאַרערער, מיט אים.

# יעקב פּ. אַדלער

ווען איך האָב געזען דעם באַרימטן יידישן אַקטיאָר יעקב פּ. אַדלער, בין איך דאַן געווען נאָך אַ יונג יינגל פון אַ יאָר זיבעצן־אַכצן, אָבער נאָך עד היום שוועבט זיין ליכטיק פּנים און זיין פּרעכטיק געשטאַלט פאַר מיינע אויגן. איך וועל יענעם טאָג ניט פאַרגעסן.

איך געדענק ניט צי דאָס איז געווען אַ נאָטיץ אין אַ יידישער צייטונג, אָדער אימיצער האָט עס מיר איבערגעגעבן. איך האָב זיך דערוואוסט, אַז יעקב אַדלער נויגט זיך אין „סטאַטיסטן" ד. ה. מענטשן פאַר מאַסן־סצענעס (מאָב סיענס). איך האָב שוין דאַן געהאַט אָרגאַניזירט אַ מוזיקאַליש־ליטעראַרישע גרופּע, און אָנגעהויבן איינצואָרדענען קאָנצערטן, פאַראינטערעסירענדיק זיך אין טעאַטער און קונסט. איך בין שוין דאַן געווען, ווי מען זאָגט, אָנגעשטעקט מיט די בינע־„באַצילן".

איך האָב זיך ניט געפּוילט און גלייך אַוועק צום „טאַליאַ"־טעאַטער, וואָס יעקב אַדלער האָט דאַן איבערגענומען. איך האָב שוין דאָרט געטראָפן אַ ריי מענטשן, יונגע און אַלטע, וועלכע האָבן געהאָפט אַריינגענומען צו ווערן אין „מאָב סיענס". איינציקווייז זיינען די, וועלכע האָבן געוואַרט אין רייע, אַריינגעקומען. און מען האָט גלייך געקענט דערקענען אין זייערע פּנימער די אַנטוישונג. אָט איז געקומען מיין ריי. איך קום אַריין, באַגריס אים. יעקב אַדלער איז געזעסן אויף אַ שטול, מיט אַ בליישטיפט אין האַנט און ער האָט עפּעס פאַרנאָטירט אין אַ העפט, וואָס איז געלעגן נעבן אים אויפן טישל.

ער האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן און מיך באַטראַכט אַ ווײַלע. מיין האַרץ האָט גענומען העפטיק קלאַפּן. אָט איז פאַר מיר דער גרויסער באַ־רימטער יידישער אַקטיאָר יעקב אַדלער. זיינע אויגן לייכטן. ער האָט אויסגעקוקט אַזוי שיין ווי די שכינה וואָלט אויף אים גערוט.

— זאָג מיר, — האָט ער זיך צו מיר געוווּנדערט ניט פרעגנדיק אַפילו מיין נאָמען — וואָלסטו געקענט זיך פאַרשטעלן פאַר אַ שיכורן גוי?

— מיט אַ טרונק בראָנפן וואָלט איך זיך געקענט פאַרשטעלן אַפילו פאַר אַ שיכורן ציגיינער — זאָג איך מיט אַ שמייכל.

— ציגיינער — טוט זיך אַדלער אַ שטעל אויף — האָט דיר אימיצער געזאָגט, אַז איך קלייב זיך שפּילן „זשיוואָי טרופּ" (לעבעדיקער מת) פון לעאָן טאָלסטאָי?!

— יאָ, — שמייכל איך אונטער.

— און ווער האָט ער דיר געזאָגט? — קוקט ער אויף מיר מיט פאַרשנדע בליקן.

— הער יעקב פּ. אַדלער האָט עס מיר נאַר וואָס געזאָגט! — ענטפער איך.

— אָ, איך זע, — האָט אַדלער שמייכלענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ — נו, ווי באַלד איך האָב אַליין אַרויסגעגעבן דעם סוד, קען איך שוין רעדן גאַנץ אָפן. איך גיי אויפפירן טאָלסטאָיס „דער לעבעדיקער מת" און איך נויטיק זיך אין „סטאַטיען" פאַר מאַסן־סצענעס, וועלכע זאָלן פאַרשטעלן ציגיינער, וואָס פּראַווען אַ הוליאַנקע, און אַזוי ווי איך וועל אויך האָבן אַ סצענע אין אַ שענק, נויטיק איך זיך אין אַזעלכע וועלכע זאָלן פאַרשטעלן שיכורע פּויערים.

איך האָב זיך אונטערגענומען צו זיין אַ „סטאַטיע" פון אַ שיכורן פּויער. ער האָט מיר געגעבן אַ צעריסענעם פּעלצל מיט וואַליקעס, און איך בין געקומען צו די ריהורסעלס.

אַדלער אין דער ראָל פון העלד "פּעדיאַ פּראָטאַסאָוו" איז געזעסן אין אַ שענק ביי אַ טישל, און דערציילט פאַר זיינע מיטטרינקער זיין טראַגישע געשיכטע ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַ „לעבעדיקער מת". איך בין געזעסן

מיט נאָך עטלעכע „פּויערים" ביי אַ צוויטן טיש, „געכליאַבעט בראָנפן". ערשט דאַן האָב איך גוט געקענט זען פון דער נאָענט דעם וואונדערלעכן אַקטיאָר, דערציילנדיק זיין לעבנס-געשיכטע מיט אַזעלכע פיינע, צאַרטע און רירענדע טענער, אין זיינע פאַרחלומטע אויגן האָט מען געקענט מערקן בענקשאַפט און לעכצן נאָך דעם פאַרגאַנגענעם-„אַמאָל", וואָס פאַרענדיקט זיך אַזוי טראַגיש פאַר אים...

איך בין ווי פאַרכישופט געוואָרן פון זיין שפּילן. איך האָב געקענט זען דעם גרויסן קינסטלער אין זיין גאונות... אויף זיין פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַ קלאַסישע שיינקייט. איין מאַך מיט זיין האַנט, אַ דריי מיט זיין קאָפּ אָדער אַ וואונק מיט זיינע ברענענדע ליכטיקע אויגן, האָבן גערעדט מער ווי ווערטער; זיי האָבן אויסגעדריקט די געפילן פון אַ מענטשן, וועלכער לעבט דורך אַ דערשיטערונג אין זיין לעבן. דורך דער ראָלע, וואָס ער האָט געשפּילט האָט מען געקענט אַריינדרינגען אין זיין דורכזיכטיקער נשמה...

זינט דאַן פלעג איך נאָכפאָלגן אַדלערן אומעטום וואו ער האָט געשפּילט, און איך בין פאַרבליבן זיין פאַרברענטער חסיד. איך האָב געהאַט נאָך אַנדערע געלעגנהייטן מיט אים צו ריידן און יעדער מאָל ווען איך פלעג פון אים אַוועקגיין בין איך געווען ווי באַרוישט פון זיין גרויסקייט פון דעם אומפאַרגלייכבאַרן זשעני יעקב פּ. אַדלער. ער איז אַזוי שטאַרק באַליבט געוואָרן ביים פּובליקום, אַז מען האָט אים געקרוינט מיט נאָמען הנשר הגדול (גרויסער אָדלער).

ער איז אַלט געווען איין אין זיבעציק יאָר ווען ער איז געשטאָרבן. איך בין געווען ביי זיין לוויה, וואו צענדליקער טויזנטער יידן, ווי אויך ניט-יידן, זיינען געקומען אים אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד. אַ סך טרערן זיינען פאַרגאָסן געוואָרן אויף דעם פאַרלוסט פון אַזאַ געניאַלן אַקטיאָר, וועלכער האָט זיך מיט זיינע גראַנדיעזע ראָלן איינגעבאַקן אין די הערצער פון הונדערטער טויזנטער, וועלכע האָבן אים געזען שפּילן אויף דער בינע.

אין יאָרן שפּעטער, ווען דער באַרימטער אַמעריקאַנער אַקטיאָר דזשאָהן באַרימאָר האָט אויפגעשטורעמט די טעאַטער-און פילם-וועלט, און ער איז אָנערקענט געווען אַלס איינער פון די גאָר גרעסטע און באַליבסטע אַקטיאָרן, האָב איך גאַנץ אָפט געטראַכט אַז יעקב פּ. אַדלער איז געווען דער יידישער דזשאָהן באַרימאָר, און נאָך אפשר העכער, אַ סך העכער!

## אַברהם רייזען

מיין באַגעגעניש מיט אַברהם רייזען איז געווען דורך אַ צופאַל. עס איז דאַן נאָר וואָס אַרויס פון דרוק מיין יאָר-בוך „טעאַטער און קונסט", מיט וואָס איך האָב אַזוי שטאָלצירט און וואו נאָר איך בין געגאַנגען האָב איך תמיד געהאַט ביי זיך אין טעקע אַן עקזעמפּלאַר פון „טעאַטער און

קונסט". איך בין דאַן געווען אויף ברום סטריט, עס איז געווען נאָכמיטאָג און מיך האָט אַ צי געטאָן אין האַרצן, בין איך אַריין אין גרינבערגס רעסטאָראַן. קיין סך עסערס זיינען אין יענער צייט פון טאָג ניט געווען. דאָ און דאָרט איז געזעסן ביי אַ טישל אַ מאַן אָדער אַ פּרוי פּאַרטאָן אין דער אַכילה. מיין בליק איז געפאַלן אויף אַ מאַן אין די מיטעלע יאָרן, וועלכער איז געזעסן פאַרטיפט אין אַ יידישער צייטונג ביי אַ גלעזל טיי. איך האָב באַשלאָסן זיך צו זעצן ביי זיין טיש.

ווען איך האָב זיך געזעצט פונקט קעגנאיבער אים, האָט ער אויפגעהויבן זיינע אויגן פון צייטונג. ער האָט גוטמוטיק אַ שמייכל געטאָן צו מיר. איך האָב דאַן באַמערקט זיין ליכטיק פּנים, זיינע מילדע אויגן, זיין גרויסן שטערן, און די וואָנצעס אויף זיין פּנים, וואָס האָבן אים צוגעגעבן אַ באַזונדערן חן. איך האָב אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אַלס ענטפער צו זיין גוטמוטיקן שמייכל. זיין אייגנאַרטיקער אויסזען און זיין מילדקייט האָבן מיך נאָך מער צוגעצויגן. איך האָב אויף אים געקוקט און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב אים ווען עס איז באַגעגנט פריער.

דער וועיטער האָט מיר געבראַכט די שפּייז וואָס איך האָב באַשטעלט, און ער טוט אַ פרעג מיין שכן: „מר. רייזען, ווילט איר פיליכט נאָך אַ גלעזל טיי?"

יאָ, נאָך אַ גלאָז טיי און אַ שטיקל שטרודל — זאָגט ער מיט אַ שאָקל פון קאָפּ.

— „רייזען" — בליצט מיר דורך אַ געדאַנק — „דאָס איז געוויס דער דיכטער אַברהם רייזען". איצט איז מיר קלאָר: איך האָב געזען זיין בילד אין די יידישע צייטונגען... דאָס בלוט האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין פּנים. איך זיץ נעבן דעם באַרימטן דיכטער אַברהם רייזען, און איך האָב אים ניט דערקענט. איך האָב געלייענט זיינע לידער, זיינע דערציילונגען מיט גרויס פאַרגעניגן און אַליין פערזענלעך, האָב איך אים קיינמאָל ניט געטראָפן. איך דערמאָן זיך, אַז ערשט ניט לאַנג צוריק האָב איך דעקלאַמירט אַברהם רייזענס אייניקע לידער אין אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט אַזוי שטאַרק אויסגענומען ביי אַלעמען. און אַט זיץ איך פּנים אל פּנים מיט דעם גרויסן יידישן פאָלקס־דיכטער אַברהם רייזען.

ווייזט אויס, אַז רייזען האָט פאַרשטאַנען מיינע געדאַנקען. האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן פון צייטונג און געוואָרפן אויף מיר אַ בליק. ער האָט געזען ווי מיין פּנים האָט זיך גענומען רויטלען, און כדי מיך צו מאַכן פילן היימישער, רופט ער זיך אָן צו מיר:

— אייער פּנים איז מיר באַקאַנט, ווי איז אייער נאָמען, יונגערמאַן?

— מיין נאָמען איז הערי דעל! — רוף איך זיך אָן און רייזען דריקט מיין האַנט. — מעגלעך, אַז איר האָט אפשר געזען מיין בילד אין מיין יאָרבוך „טעאַטער און קונסט"...

איך עפן אויף מיין טעקע און נעם אַרויס מיין שיין געבונדענעם, דיקן בוך „טעאַטער און קונסט". איך ווייז אים מיין נאָמען אַלס רעדאַקטאָר פון בוך, ווי אויך מיין בילד, וואָס איז דאָרט געווען געדרוקט.

— יאָ, יאָ, יאָ, איך האָב געהערט פון אייך — נעמט רייזען דעם בוך און נעמט אים בלעטערן... — אַזוי גאָר? איך זע מיין ליבער קאָלעגע מענדל אָשעראָוויטש איז אויך גאַנץ פיין פאַרטראָטן מיט אַן אַרטיקל. אַ טייערער שרייבער אָט דער אָשעראָוויטש. עס איז ווירקלעך אַ כבוד צו האָבן אַזאַ וויכטיקן שרייבער ווי ער אַלס מיטאַרבעטער... איך זע, אַז אייער בוך איז אַ גרויסער בייטראַג צו טעאַטער, מוזיק און קונסט... יאָ, איך בין שטאַרק צופרידן אייך צו קענען קאָלעגע... קאָלעגע... (ער האָט אַריינגעקוקט אויפן שער בלאַט וואו מיין נאָמען איז געווען און פאַרענדיקט) קאָלעגע הערי דעל.

איך האָב מיט דעם גרויסן דיכטער אַברהם רייזען פאַרבראַכט אַן ערך צוויי שעה צייט... איך בין פאַרכאַפּט געוואָרן פון זיין פריינדלעכקייט, פון זיין רעדן וועגן אַלע אַנדערע קאָלעגן מיט אַזוי פיל וואַרעמקייט און פריינדשאַפט. ער האָט אין קיינעם ניט געזען קיינע חסרונות, נאָר לויטער מעלות.

אַ גליקלעכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף רייזענס פּנים, ווען איך האָב אים דערציילט, אַז ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק האָב איך דעקלאַמירט אייניקע פון זיינע לידער אין אַ געזעלשאַפט פון אינטעליגענטע יונגע לייט און דאַמען. איך האָב דעקלאַמירט זיינע לידער: „הוליעט בייזע ווינטן", „געזינט זאָלבע אַכט", „מאַי קאָ משמע לן דער רעגן", און אַנדערע.

— איך וואָלט וועלן האָבן אייער בוך! — האָט רייזען געזאָגט ווען ער האָט זיך מיט מיר געזעגנט — אויב איר וועט האָבן אַן איבעריקן בוך שיקט עס צו צו מיר אויף דעם אַדרעס פון דער רעדאַקציע „פרייהייט". (פאַר אַ קורצער צייט איז ער געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער „פרייהייט", פון וואַנען ער איז אַריבער צום „פאָרווערטס").

— קאָלעגע רייזען — רוף איך זיך אָן צו אים — איך גיב אייך אָט דעם בוך וואָס איך האָב מיט זיך — האָב איך אים דערלאַנגט מיין בוך „טעאַטער און קונסט". ער האָט מיך געבעטן אונטערצושרייבן זיך אויפן בוך, און ער האָט מיך זייער באַדאַנקט, צוזאָגנדיק, אַז ער וועט אים לייענען.

צי רייזען האָט געלייענט דעם בוך ווייס איך ניט, אָבער זינט דעמאָלט האָב איך זיך איינגעשאַפּט אַלע ווערק פון רייזען און איך האָב זיי געלייענט און געלייענט. וואָס מער איך האָב זיי געלייענט אַלץ ליבער איז מיר געוואָרן דער גרויסער פאָלקס־דיכטער סיי מיט זיין מענטשלעכער באַציאונג צו זיינע אָרעמע העלדן, און סיי מיט זיין פריינדלעכקייט און ליבשאַפט צו מענטשן בכלל...


דוד בן־גוריון

ד״ר חיים ווייצמאַן

# דוד בן גוריון

מײַן צוזאַמענטרעף מיט דוד בן גוריון איז געווען אַ מערקווירדיקער: איך בין ניט געגאַנגען צו אים, נאָר ער איז געקומען צו מיר... דאָס איז איז געווען אין דעם יאָר פון דער גרינדונג פון מדינת ישראל. איך האָב דאַן געהאַט אַ לאָנטשענעט אויף דער איין און דרייסיקסטער גאַס און זעקסטע עווענױ. איך בין געשטאַנען בײַם קעש רעדזשיסטער, פאַרביטן די קאַסירשע, וועלכע האָט גראָד דאַן געגעסן איר מיטאָג. מיט אַ מאָל זײַנען אַרײַנגעקומען דרײַ לײַט, צוויי מיטעלעריקע און איינער אַ יונגערמאַן. זיי האָבן פאַרנומען אַ טיש. ווען איך האָב געהערט אַז זיי רעדן העברעאיש, האָבן זיי מיך שוין פאַראינטערעסירט. איך האָב זיך גענומען גוט צוקוקן און איך בין געווען זיכער, אַז איינער פון זיי איז דוד בן גוריון. ניט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צו זען זײַן בילד אין די צײַטונגען, און טאַקע ניט לאַנג צוריק האָב איך אים געזען אויף טעלעווויזשאָן אין אַן אינטערוויו.

איך האָב פאַר אַ ווײַלע איבערגעלאָזן מײַן קעש־רעדזשיסטער און איך בין צוגעקומען אין אַ זײַט, פון וואַנען איך האָב די אַרײַנגעקומענע געסט געקענט באַטראַכטן, און עס איז שוין בײַ מיר קיין ספק ניט געווען, אַז דער מיט די זײַט־טשופּרינעס איז בן־גוריון. ס׳האַרץ האָט אַ צאַפּל געטאָן... דוד בן גוריון בײַ מיר אין לאָנטשענעט. פון די צײַטונגען האָב איך שוין געוואוסט, אַז דוד בן גוריון, דער פירער פון די יידן אין ארץ ישראל, און פאָרזיצער פון דער יידישער אַגענטור, איז אַהער געקומען צו דער יו״ען פאַרהאַנדלונג וועגן ארץ ישראל. אָבער אַז מײַן מזל זאָל

אויסטראַגן, אַז ער זאָל אַריינקומען אין מיין לאַנטשענעט פאַר אַ קאַפּע און קוכן, האָב איך זיך זיכער ניט געריכט...

איך האָב באַשלאָסן ניט דורכצולאָזן אָט די דאָזיקע געלעגנהייט און דריקן זיין האַנט און מעגלעך און אויסרעדן מיט אים עטלעכע ווערטער. אָבער איך האָב ביי זיך ניט געקענט פועלן צוצוקומען צו אים. ער, בן גוריון, דער העלדישער קעמפער, דער בויער, דער אַרכיטעקט פון דער יידישער מדינה, איז דאָך איינער פון די גרעסטע יידן, טאָ ווי קומט מען צו צו אים און מען גיט אָפּ שלום עליכם? איבערהויפּט, ווען ער איז פאַרטאָן אין אַ געשפּרעך מיט זיינע צוויי באַגלייטער...

איך האָב געבעטן איינע פון די קעלנערינס אַכטונג צו געבן אויף דעם קעש־רעדזשיסטער, און איך האָב ביי זיך געפּאַסט מוט און צוגעקומען זיך באַגריסן מיט דוד בן גוריון. ער האָט מיר דערלאַנגט זיין האַנט און איך האָב זי געדריקט. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין דאָס דער אייגנ־טימער פון דעם קאַפּע־הויז, און מיין נאָמען איז הערי דעל, און איך שעץ זיך גליקלעך צו האָבן דעם כבוד, אַז אַזאַ גרויסע פּערזענלעכקייט, זאָל זיין מיין גאַסט.

בן גוריון האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „איך בין אויך שטאָלץ מיט אַזעלכע יידן ווי איר, אויף וועמען מען קען בויען צו דעראָבערן דאָס לאַנד פון אונדזערע אָבות".

— מר. בן גוריון, — רוף איך זיך אָן צו אים — איר וועט מיר אַנטשולדיקן פאַר אַ ווייל, איך וויל אייך עפּעס ווייזן. איך בין שנעל צוגעקומען צום קאַונטער און פון דאָרט אַרויסגענומען מיין יאָר־בוך „טעטער און קונסט", וואָס איך האָב תמיד געהאַלטן מיט זיך. איך בין צוריק־געקומען צו זיין טיש און אים געצייגט, זאָגנדיק: — איך בין אַן אימ־פּרעסאַריאָ, און איך האָב רעדאַקטירט אָט דעם בוך.

בן גוריון האָט מיך דורכגענומען מיט זיינע ליבלעכע מילדע אויגן. דאַן האָט ער גענומען בלעטערן דעם בוך און ער האָט אַרויסגעוויזן אַנטציקונג פון די בילדער פון אַלע גרויסע קינסטלער און שרייבער, וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין דעם בוך.

— עס איז מערקווירדיק — האָט זיך דוד בן גוריון געווענדעט צו זיינע צוויי באַגלייטער, אין מאַמע לשון — אָט איז אַ ייד, אַן אימפּרעסאַריאָ, וועלכער איז פאַראינטערעסירט אין יידישער קונסט און מוזיק, אין אַרטיסטן און קולטור, און אַ לעבן מאַכט ער פון אַ לאַנטשענעט.

זיינע רייד האָבן מיר געגעבן מער מוט און איך רוף זיך אָן צו אים: „איך האָב אייך געזאָגט ווען זיך אַלס אימפּרעסאַריאָ און אייך געצייגט דעם בוך, ווייל מיר איז איינגעפאַלן, אַז ווען איר קענט קומען רעדן פאַר די בראָנזווילער יידן, וואָלט איך אַלץ באַזאָרגט און איך וואָלט גאַראַנטירט אַז

מער ווי פינף טויזנט יידן וואָלטן זיך פאַרזאַמלט אייך צו הערן. אייער זיין דאָ וואָלט באַדאַרפט אויסגענוצט ווערן לטובת ארץ ישראל...״

— ווען איך ווייס דאָס מיט אַ פּאָר וואָכן פריער וואָלט איך געוועזן צופרידן דאָס צו טאָן — האָט בן גוריון צו מיר געזאָגט — אָבער צום באַדויערן וועל איך אָפּפאָרן פון דאַנען אין עטלעכע טעג אַרום. אפשר ביי אַן אַנדער געלעגנהייט וועל איך דאָס קענען באַוויזן.

איך האָב נאָך דאַן אַפילו ניט געחלומט, אַז אָט דער זעלבער דוד בן גוריון וועט בקרוב זיין דער ערשטער פּרעמיער פון דער באַנייטער מדינת ישראל. ווען איך טראַכט פון מיין באַגעגעניש מיט אים, ווער איך אָנגעפילט מיט פרייד און שטאָלץ. דוד בן גוריון איז פאַר דעם וועלט יידנטום דער דזשאָרדזש וואַשינגטאָן פון מדינת ישראל. דוד בן גוריונס נאָמען וועט איינגעקריצט ווערן אין די יידישע הערצער פאַר אַלע דורות.

## חיים וויצמאַן

אויב איך מאַך ניט קיין טעות איז עס פאַרגעקומען אין דער צענטער עניוואוירסערי (יאָר־טאָג) פון דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ד״ר חיים וויצמאַן, דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער וועלט אָרגאַניזאַציע, איז דאַן געווען אין ניו־יאָרק. פאַרשידענע פייערונגען לכבוד דער „באַלפור־דעקלאַראַציע״, זיינען אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ניו־יאָרק און אין ברוקלין. איך האָב דאַן געאַרבעט אומדערמידלעך צוזאַמען מיט די אַנדערע טעטיקע יונגעלייט, ציוניסטן, צו אַראַנזשירן אַ פייערלעכן אָוונט לכבוד דער באַלפור־דעקלאַראַציע. ווען עס האָט זיך אונדז איינגעגעבן צו קריגן ד״ר חיים וויצמאַן ער זאָל אַדרעסירן די יידן פון בראַנזוויל אויף אָט דעם דאָזיקן פייערלעכן אָוונט, איז שוין ביי אונדז קיינעם ניט געווען דער מינדסטער צווייפל, אַז דער אָוונט וועט זיין דער גרעסטער דערפאָלג.

מיר האָבן דאַן געקראָגן דעם גרויסן ליבערטי־טעאַטער. אַלע טיקעט זיינען אויספאַרקויפט געוואָרן, הונדערטער מענטשן זיינען געבליבן שטיין אין דרויסן, ווייל עס איז שוין ניט געווען קיין פּלאַץ. עס זיינען געווען פיל רעדנער, חזנים, זינגער, וועלכע האָבן אונטערהאַלטן דעם עולם. אָבער די גרעסטע סענסאַציע איז געווען די קורצע רעדע וואָס ד״ר חיים וויצמאַן האָט געהאַלטן. ער האָט גערעדט בלויז פופצן מינוט, און די אָוואַציע האָט געדויערט באַלד צוואַנציק מינוט.

נאָך וויצמאַנס רעדע, בין איך מיט נאָך אייניקע, וועלכע האָבן מיט מיר אַזוי שווער געאַרבעט צו מאַכן דעם אָוונט אַ גרויסן דערפאָלג, אַריין הינטער די קוליסן, פאַרגעשטעלט צו ווערן פאַר וויצמאַנען און דריקן זיין האַנט.

וויצמאַן האָט אונדז זייער פריינדלעך אויפגענומען. ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף יעדן איינעם באַזונדער. מיט אַ מאָל לאָזט זיך אַריין אַהין

„חנא דער באַוואוסטער", מיט זיינע גרויסע פיס און מיט זיין שטעקן אין האַנט. אָן צערעמאָניעס גייט ער צו גאַנץ נאָענט צו ד"ר חיים ווייצמאַן און טיטלענדיק צו אים מיט זיין דיקן צייג־פינגער רופט ער אויס: „הער נאָר דו, חיימקע, איך פאַרלאַנג פון דיר, אַז דו זאָלסט מאַכן אַ סוף צו די אַלע שטיק וואָס קומען פאָר אין ציוניסטישע קרייזן!"

עס איז געוואָרן אַ טומל. מיר אַליין האָט אַ צופ געטאָן ביים האַרצן. איך האָב געמיינט אַז איך וועל ניט אַריבערטראָגן די בושה. סטייטש, ווי אַזוי איז דאָס דערלאָזט געוואָרן, אַז אָט דער ווילדער, פאַרגרעבטער חנאָ, זאָל אַזוי באַליידיקן אונדזער טייערן ליבן גאַסט, דעם פרעזידענט פון דער וועלט־ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע, איינער פון די גרעסטע יידישע פירער, וואָס מיר האָבן ווען עס איז געהאַט אין אונדזערע גלות־יאָרן, אַ מאַן מיט אַזאַ רעפּוטאַציע און אַזעלכע וואונדערלעכע דערגרייכונגען. קומט אַזאַ חנאָ און רופט אים: „חיימקע, הער נאָר דו"... כדי אָפּצושוואַכן דעם שווידערלעכן איינדרוק, רוף איך זיך דאַן אָן, נאָכדעם ווי חנא איז אַרויס פון דאָרט: „אָ, ער איז דאָך דער שטאָט־משוגענער"...

איך האָב דאַן באַמערקט אַ לייכטן שמייכל אויף ד"ר ווייצמאַנס פּנים און ער רופט זיך אָן: „חנא איז שוין גאָרניט קיין משוגענער. אָט דאָס איז זיין אופן אַרויסצוצייגן זיין איבערגעגעבנקייט און געטריישאַפט צום ציון־אידעאַל. אָט וועל איך אייך דערציילן אַ מעשהלע וואָס האָט פּאַסירט אין דעם בית־המדרש פון ר' ישראל בעל שם טוב:

„איין פרימאָרגן, ווען דער בעל שם טוב האָט געדאַוונט מיט זיינע חסידים און זיך שטאַרק פאַרדבקעט (געמאַכט מינעס און באַוועגונגען אין אַ רעליגיעזן עקסטאַז), קומט אַריין אין בית־המדרש אַ בעל־עגלה אין אַ שעפּסענעם פעלץ, מיט פאַרשמירטע שטיוול פון דזשעגעכץ, מיט אַ בייטש אין זיין האַנט. ער בלייבט אַ ווײַלע שטיין, צוקוקנדיק זיך ווי די חסידים דאַווגען. פּלוצלונג הויב ער אָן שמייסן מיטן בייטש אין דער לופטן. זיין גאַנצער קערפּער טרייסלט זיך און ער שרייט אויס מיט אַלע זיינע כוחות: „וויאָ! וויאָ!"

די חסידים, אויפגעברויזט און צאָרנדיק אויף דעם פאַרגרעבטן בעל עגלה, האָבן אים געוואָלט אַרויסשליידערן פון בית המדרש. זיי זיינען צו אים צוגעלאָפן מיט געדריקטע פויסטן, און אים געוואָלט גוט מכבד זיין.

„באַרואיקט זיך, טייערע יידן, — האָט דער בעל שם זיך צו זיי געווענדעט — זיין תפילה וועט דערגרייכן אין הימל שנעלער ווי אונדזערע תפילות. ער איז נעבעך אַ פּראָסטער ייד. ער האָט קיינמאָל ניט געלערנט. ער קען אַפילו קיין אות ניט.... ער האָט אָבער ליב גאָט, האָט געוואָלט אויסדריקן זיין ליבשאַפט צו גאָט אין אַ תפילה, אָבער ער ווייסט ניט ווי אַזוי... ער איז אַריינגעקומען אַהער און געזען ווי אַלע דאַוונען מיט אַזוי פיל התלהבות (צעפלאַמקייט, באַגייסטערונג), אַז אין אים האָט זיך דער־

וועקט אַ שטאַרקער פאַרלאַנג אויפן אָרט צו דינען גאָט מיט זיין גאַנצן לייב און לעבן... אַזוי ווי זיין גאַנץ טועכץ איז איינגעהילט אין זיין פערד, אין זיין בייטש, האָט ער דורך דעם אויסגעדריקט זיין התלהבות צו עבודת הבורא, (דאָס דינען צום באַשעפער). אָט מיט דעם בעל־עגלהשן וואָרט „וויאָ״, האָט ער אויסגעגאָסן זיין שטאַרקן געפיל צו גאָט, און פאָכנדיק מיטן בייטש האָט ער דאָס נאָך מער באַטאָנט... „יאָ, אָט דער חנא אי׳ ווי יענער בעל עגלה. ער רעדט פאַרגרעבט, אָבער ער מיינט גוט״.

דורך אָט דעם דאָזיקן פאַרענטפערן „חנאָן דעם באַוואוסטן״, האָב איך ערשט געקענט זען די גרויסקייט, די דערהויבנקייט פון דער גרעסטער יידישער פערזענלעכקייט אין פיל דורות, ד״ר חיים וויצמאַן.



## דוד דובינסקי

מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט דייוויד דובינסקין איז געווען דאַן ווען איך בין געווען אַ מיטגליד פון לאָקאַל 10, אין יאָר 1919 אָדער 1920. עס איז דאַן אויסגעבראָכן אַ סטרייק פון די ליידיס וועיסטמעיקערס. אין מיין פרייער צייט האָב איך שוין אָנגעהויבן אַראַנזשירן אָוונטן און קאָנ־צערטן און אַנגאַזשירט באַוואוסטע אַרטיסטן, חזנים און אַקטיאָרן. אָבער דאָס איז בלויז געווען, ווי מען רופט עס אָן אין ענגליש „מאַי אַוואָקעישאָן״, אַ צייט־פאַרטרייב אַרבעט. דערווייל האָב איך פון דעם קיין לעבן ניט געמאַכט. ווען עס איז אויסגעבראָכן דער סטרייק, בין איך אַלס קאַטער פון לאָקאַל 10 אויסדערוויילט געוואָרן אַלס פאַרשטייער פון מיין שאַפ. מיין אויפגאַבע איז געווען צו פאַרטרעטן מיין לאָקאַל אויף דעם גרויסן מאַסן־מיטינג פון די סטרייקערס.

איך האָב זיך פאַרשריבן צום וואָרט. אויף דער פלאַטפאָרמע זיינען דאַן געווען שלאָסבערג, דובינסקי און אַנדערע וויכטיקע יוניאָן־פירער. יונג בין איך געווען, פול מיט פייער, אַ קעמפער פאַר גערעכטיקייט. איך בין

געוועזן איבערצייגט, אַז דער סטרייק איז אַ געראַכטער. די אַרבעטער ווערן געקריוודעט און די פֿאָדערונגען, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט, זיינען יושרדיקע.

ווען איך האָב זיך געשטעלט רעדן איז דער זאַל געווען געפּאַקט, אַן ערך צוויי טויזנט מענטשן. איך האָב אָנגעהויבן רעדן לאַנגזאַם, רואיק... אָבער ביסלעכווייז האָב איך זיך צעהיצט. איך האָב גערעדט מיט פֿאַרביטער־רונג קעגן דער עקספּלואַטאַציע, וואָס די באַלעבאַטים פּראַקטיצירן אויף זייערע אַרבעטער און איך האָב די באַלעבאַטים געגעבן אַ גאַב. איך האָב פֿאַרגעשטעלט אונדזער לאַגע, די לאַגע פֿון די אָרעמע האָרעפּאַשנע אַרבעטער. איך האָב פֿאַרענדיקט, אַז מיר וועלן זיך ניט צוריקקערן צו דער אַרבעט ביז וואַנען אַלע אונדזערע געראַכטע פֿאָדערונגען וועלן ניט נאָכגעגעבן ווערן.

מען האָט מיך שטאַרק אַפּלאָדירט. מיין פּנים האָט געפֿלאַמט און איך בין אין גאַנצן באַגאָסן געוואָרן מיט שווייס. איך בין געווען דער לעצטער רעדנער. דער עולם האָט זיך גענומען צעגיין און איך בין שוין געווען גרייט אַרונטערצוגיין פֿון דער פּלאַטפֿאָרמע, ווען איינער פֿון די דעלעגאַטן קומט צו מיר צו און זאָגט: „וואַרט דאָ צו אַ ווײַלע. דייוויד דובינסקי וויל דיך זען!"

איך האָב צוגעוואַרט. דובינסקי און שלאָסבערג האָבן עפּעס גערעדט צווישן זיך. איך האָב דעם דעלעגאַט געזאָגט מיין נאָמען, איך האָב אים אַפֿילו געוויזן אַ פּלוג־בלעטל, אין וועלכן עס איז געווען געמאָלדן וועגן אַ קאָנצערט, וואָס עס איז אַראַנזשירט געוואָרן אונטער מיין דירעקציע. יענער האָט עס ביי מיר גענומען און ער האָט עס געצייגט צו שלאָסבערגן און דובינסקין. דאַן האָט ער מיך פֿאַרגעשטעלט. ווייזט אויס, אַז צוליבן טומל האָט ער ניט געקאָנט הערן דייטלעך מיין נאָמען, האָט ער מיך געפֿרעגט:

— ווי איז אייער נאָמען, יונגערמאַן?

— מיין נאָמען איז הערי דעל! — רוף איך זיך אָפּ, און וויש אָפּ דעם שווייס פֿון מיין פּנים.

דובינסקי האָט געדריקט מיין האַנט און ער האָט זיך צו מיר אָנגערופֿן:

— איר האָט גערעדט אויסגעצייכנט. מיר דאַרפֿן האָבן אַזעלכע ווי איר, יונגעלייט, וועלכע זיינען אידעאַליסטיש און גרייט צו קעמפֿן פֿאַר דעם אַרבעטער־קלאַס. איך בין זיכער, אַז מיר וועלן נאָך הערן פֿון אייך...

איך בין געווען אין זיבעטן הימל פֿון גליק. אַ קליייניקייט, דוד דובינסקי, אויפֿשטייגענדיקער פֿירער פֿון דער יידישער אַמעריקאַנער אַרבעטער באַ־וועגונג, האָט מיך אַזוי קאָמפּלימענטירט.

אַלע יאָרן האָב איך נאָכגעפֿאָלגט זיינע פֿאַרשידענע טעטיקייטן לטובֿת דער יידישער אַרבעטער באַוועגונג. איך האָב אים געזען פֿירנדיק

די היסטאָרישע סאָציאַליסטישע קאַמפּעינס, מיט די איינדרוקספולע דע־מאָנסטראַציעס, מיט די סטרייק־אויסברוכן, ווען די אָרעמע יידישע אַרבעטער האָבן געזוכט זיך צו באַפרייען פון די קייטן פון די סוועט־שעפּער...

ווען דובינסקי האָט איבערגענומען די פּירערשאַפט פון דער אינטער־נעשאָנאַל לײדיס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן, איז זי געווען אויפן שוועל פון באַנקראָט און איצט ווערט די אינטערנעשאָנאַל געשאַצט אַלס איינע פון די רייכסטע און די בעסט געמענעדזשטע יוניאָנס אין אַמעריקע. דורך זיינע גרויסע לייסטונגען האָט דובינסקי באַרייכערט די אַרבעטערשאַפט פון גאַנץ אַמעריקע. דובינסקי באַקעמפט די דיקטאַטאָרס — קאָמוניסטישע ווי פאַ־שיסטישע — וועלכע אונטערדריקן די פערזענלעכע פרייהייטן.

דובינסקיס אויסערגעוויינלעכע פעאיקייטן, מיט זיין באַגאַבטקייט און טאַלאַנט און אויך זיין פּאָראויסזעאונגס־קראַפט האָבן געשטאַרקט די „אינ־טערנעשאָנאַל", וואָס ער האָט איבערגענומען מיט אַ צייט פריער, ווען זי איז געשטאַנען אויף דער נידעריקסטער מדרגה פון איר עקסיסטענץ און זי געמאַכט פאַר איינער פון די גרעסטע און פרוכטבאַרסטע יוניאָנס אין אַמע־ריקע, וועלכע ציילט איצט קרוב צו אַ האַלבן מיליאָן מיטגלידער, מיט אַ זייער רייכער קאַסע — יאָ, רייך אין געלט און רייך אין איינפלוס און אין עטיק אין דער אַמעריקאַנער טרייד יוניאָן באַוועגונג.

לייבעלע וואַלדמאַן, אירווינג מעלטזער, גאַסי דעל, ראָוז מעלטזער, חנה געלער
אונטן הערי דעל

## שלום אַש

אין יענע יאָרן האָט זיך געטומלט אויף דער יידישער גאַס וועגן שלום אַשס נייעם ענגלישן בוך „דהי נאַזאַרין”. איך בין געווען אַ שטאַרקער אָנהענגער פון שלום אשן. איך האָב געלייענט אַ גרויסע צאָל פון זיינע ביכער: „די דריי שטעט”, „קידוש השם”, „מאָטקע גנב” און אַנדערע פון זיינע ראָמאַנען. איך בין געווען זיינער אַ פאַרערער און נאָכגעפאָלגט אַלע זיינע דערציילונגען און אַרטיקלען, וואָס ער האָט געשריבן אין „פאָרווערטס”. ווען זיין בוך „דער נאַזאַרין” איז אַרויס פון דרוק, האָב איך, פאַרשטייט זיך, גלייך זיך איינגעשאַפט דעם בוך און אים דורכגעלייענט. איך בין זיך מודה, אַז אַלס פשוטער, געטרייער, נאַציאָנאַלער ייד, בין איך געבליבן ווי געפּלעפט נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיקט לייענען זיין „נאַזאַרין”.

עפּעס איז אין מיר פאָרגעקומען אַ „ויתרוצצו” (געראַנגל). שלום אַש, דער גרויסער יידישער שרייבער, וועלכער איז דורכגעדרונגען מיט יידישקייט, זאָל פלוצלונג אַרויסקומען מיט אַזאַ בוך אין ענגליש, אין וואָס ער

גלאָריפיצירט „ישו הנוצרי״... ווי שיקט זיך דאָס? ... דאָס בוך איז מיר גראָד געפעלן געוואָרן. עס איז געווען גוט אָנגעשריבן און איך האָב זיך באַקאַנט מיט אַן עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע פון יענער צייט, אָבער אַרויסצוקומען מיט אַזאַ פייערלעכקייט וועגן „אותו האיש״ (יענער מאַן, יעזוס), האָט ביי מיר אַרויסגערופן אַ מין פריקרעקייט.

איך האָב דעריבער נאָכגעפאָלגט אַלע אַרטיקלען, אַלע איבערבליקן און קריטיקן וועגן דעם „נאַזאַרין״, און איך בין זיך מודה אַז דאָס אַלץ האָט מיך נאָך מער צעטומלט און צעמישט. חיים ליבערמאַן פון „פאָרווערטס״ האָט געשטורעמט געגן אַשן, אים גערופן „מסית ומדיח״ (פאַרפירער). ער האָט געשריבן, אַז מיט זיינע קריסטלעכע ווערק, האָט שלום אַש געזינדיקט אַ גרויסע זינד קעגן יידישן פאָלק... פון דער אַנדערער זייט האָב איך געלייענט אַרטיקלען פון אַנדערע שרייבער און קריטיקער ווי ש. ניגער, יואל ענטין און חיים גרינבערג וועלכע לויבן זיין ראָמאַן אַלס אַ גרויס קונסט־ווערק.

אין די געזעלשאַפטן און קלובן וואו איך האָב פאַרוויילט האָט מען אויך ניט אויפגעהערט רעדן וועגן שלום אַש און זיין „נאַזאַרין״. אַלע מיינע פריינד, געלערנטע און נאַציאָנאַלע יידן, האָבן פאַרדאַמט שלום אַשן מיטן אויסנאַם פון עטלעכע, וועלכע האָבן אים געלויבט. די וועלכע האָבן אים פאַרדאַמט האָבן געזאָגט, אַז אַ בוך ווי דער „נאַזאַרין״ איז עלול (קעיפּעבעל) צו ברענגען אַ סך שאָדן דער יידישער יוגנט, וואָס ליידט אַזוי אויך פון אַן „אינפיריאָריטי קאָמפּלעקס״ בנוגע קריסטנטום... די, וועלכע האָבן געלויבט אַשן, האָבן געזאָגט, אַז זיין „נאַזאַרין״ איז געשריבן מיט דער כוונה צו בויען אַ בריק צווישן יידן און קריסטן...

פּאַסירט עפּעס נאָך אַ קלייניקייט, וואָס האָט מיך נאָך מער צערודערט. עס איז דאַן געווען קריסטמעס־צייט. אין מיינע ביזנעס האָב איך געהאַט צו טאָן מיט אַ זייער פרומען קאַטאָליק. ער איז געווען אַ גאַנץ אינטעליגענטער מאַן, און איך האָב באַשלאָסן צו געבן אים אַ גוטן בוך אַלס קריסטמעס פּרעזענט. איך בין דאַן אַוועק צו דער דעפּאַרטמענט סטאָר „אייברעהעם ענד סטראַוס״ אין דעם בוך דעפּאַרטמענט, און איך האָב געפרעגט די פרוי איבער די ביכער, אַז זאָל מיר זאָגן וואָס פאַר אַ בוך זי רעקאָמענדירט מיר צו געבן אַלס קריסטמעס פּרעזענט צו מיין גוטן פריינט, דעם פרומען, אינטעליגענטן קאַטאָליק.

— אָ, איך האָב פאַר אייך אַ וואונדערבאַרן בוך — רופט זי אויס מיט באַגייסטערונג — איך גלויב, אַז דאָס וועט אייער קאַטוילישער פריינד שטאַרק אָפּשאַצן — זי נעמט אַרויס אַ בוך און איך זע אַז דאָס איז „דהי נאַזאַרין״ פון שלום אַש...

— אָ, איך האָב דעם בוך געלייענט רוף איך זיך אָן. — אָבער ווי קומט

עס צו געבן אַ פרומען קאַטאָליק אויף קריסטמעס אַ בוך וואָס איז געשריבן פון אַ יידישן שרייבער?

— גלויבט מיר — רופט זי זיך אָן — אַז קיין בעסערן בוך וועגן „אַאור לאָרד דזשיזוס", וואָלט דער פרימסטער קאַטאָליק ניט געקענט אָנשרייבן. איך אַליין בין אַ קאַטויליקין און ביי מיר איז דאָס בוך אַ מין ביבל...

איך האָב געקויפט דעם בוך און געגעבן מיין קאַטוילישן פריינד אַ קריסטמעס פּרעזענט. איך האָב אָט דעם אינצידענט דערציילט אין אַ קלוב וואו מיר האָבן פאַרבראַכט און ווידער האָט זיך צווישן אונדז אָנגעהויבן אַ דעבאַטע וועגן דעם בוך.

— ווייסט איר וואָס — האָב איך פאָרגעשלאָגן — איך וועל זיך מיען קריגן דעם שרייבער שלום אַש, ער זאָל קומען און אַדרעסירן אַ פאַרזאַמלונג וואָס מיר וועלן אַראַנזשירן און מיר וועלן דאַן הערן וואָס ער האָט צו זאָגן וועגן „נאַזאַרין". יעדער איינער וועט אים קענען שטעלן פראַגן, און מיר וועלן דאַן פילייכט זיך קענען דערגרונטעווען וועגן דעם בוך פון מחבר אַליין.

דער געדאַנק איז אַלעמען געפעלן געוואָרן. מיר האָבן אויסגאַרבעט אַ פּלאַן. מיר האָבן אַפילו באַשלאָסן וואו צו מאַכן אַזאַ אָוונט. די פראַגע איז איצט געווען, צי מיר וועלן קענען קריגן שלום אַשן. איך האָב זיך אונ־טערגענומען אים צו זען. ער איז דאַן געווען אין מיאַמי, אָבער ער פלעגט גאַנץ אָפט קומען קיין ניו־יאָרק.

איך האָב געוואוסט, אַז איך האָב אויף זיך אַ שווערע אויפגאַבע, ווייל שלום אַש נויטיקט זיך ניט אין געלט, און ווער ווייסט צי ער וועט איינ־שטימען. איך האָב אָבער געהאַט צוטרויען צו זיך. אַלס אימפּרעסאַריאָ, איז מיר געלונגען צו קריגן די גרעסטע קינסטלער צו אַן אָוונט, און איך בין געווען זיכער, אַז אויך שלום אַש וועט זיך ניט אָפּזאָגן צו קומען און רעדן וועגן זיין בוך, וואָס האָט אַרויסגערופן אַזאַ שטורם אין דער יידישער וועלט.

ענדלעך האָב איך זיך דערוואוסט, אַז שלום אַש איז געקומען קיין ניו־יאָרק. איך האָב אויסגעפונען וואו ער שטייט איין און איך האָב זיך מיט אים געשטעלט אין פאַרבינדונג.

— איר ווייסט, קאָלעגע שלום אַש — רוף איך זיך אָן צו אים — איך האָב געלייענט כמעט אַלע אייערע ביכער און איך קען אייך זאָגן בפה מלא, (מיטן פולן מויל), אַז איך בין אייערער אַ חסיד. (איך האָב אים אויך געוויזן מיין בוך „טעאַטער און קונסט", כדי אים צו צייגן, אַז איך האָב צו טאָן מיט ליטעראַרישע מענטשן). איך בין אייך געקומען איינלאַדן צו אַן אָוונט וואָס מיר גרייטן צו לכבוד אייער בוך „דער נאַזאַרין"...

— אַ, איך דאַנק אייך זייער — רופט זיך אָן שלום אַש און זיינע אויגן האָבן זיך צעלויכטן — איך וועל זיכער קומען, אויב איך וועל נאָר דאָ זיין אין ניו־יאָרק, זאָגט מיר ווען און וואו עס וועט פאָרקומען?

— ווען עס וועט פאַרקומען וועט זיך ווענדן אין אייך, ווען איר וועט קענען קומען און רעדן וועגן אייער בוך. עס וועט זיין אַן עכטער ליטע־ראַרישער אָוונט און מיר וועלן האָבן אייניקע רעדנער, וועלכע וועלן רעדן וועגן שלום אַשן און זיינע ווערק.

— איר ווייסט דאָך וואָס פאַר אַ דערפאָלג „דער נאַזאַרין" האָט גע־מאַכט — רופט ער זיך אָן צו מיר.

— אָ, יאָ, איך ווייס — זאָג איך און איך דערצייל אים די געשיכטע מיט מיין קאַטוילישן פריינד און מיט די ביכער־פאַרקויפערין פון איבערהעם ענד סטראָוס...

זיין פנים האָט זיך צעשיינט ווען ער האָט געהערט די געשיכטע. ער רופט זיך אָן צו מיר:

— איר זעט ווי אַזוי די אַמעריקאַנער שאַצן אָפּ מיין בוך... אָבער מיינע אייגענע ברידער... אָ, זיי פאַרגינען מיר ניט. מיין בוך איז דאָך אַ „בעסט סעלער"!

— איך פאַרזיכער אייך, אַז מיינע פריינד און איך שאַצן אָפּ אַלע אייערע ווערק — גיב איך אים אַ קאָמפּלימענט. — עס וועט ביי אונדז אַלעמען זיין אַ גרויסער יום־טוב ווען איר וועט קומען רעדן פאַר אונדז וועגן אייער בוך.

— איך וועל זיין אין ניו־יאָרק אָנהייב מאַי, און איר קענט אַראַנזשירן דעם אָוונט וועלכן עס איז טאָג אין מיטן מאַי.

— איר וועט רעדן וועגן דעם „נאַזאַרין" און נאָכדעם וועלן אייניקע פון אונדז אייך שטעלן פראַגן — זאָג איך אים.

— אויב מען וועט מיר שטעלן פראַגן וועל איך ניט קומען! — האָט שלום אַש זיך אַ שטעל געטאָן — ניין איך קום ניט! דאָס איז געווען מיין ערשטע באַגעגעניש און מיין לעצטע מיט שלום אַשן.

לאַזאַר וויינער



## מאָריס ראָזענפעלד

מיין ערשטע באַגעגעניש מיט מאָריס ראָזענפעלדן איז געווען אין אַ זאַל אין בראָנזוויל. דער אַריינטריט איז געווען פינף און צוואַנציק סענט, און דאָס געלט איז געגאַנגען צו דעקן די הוצאות פאַר דינגען דעם זאַל. מאָריס ראָזענפעלד האָט באַדאַרפט פאָרלעזן און דעקלאַמירן אייניקע פון זיינע לידער.

איך בין שוין פון לאַנג געווען אַ מאָריס ראָזענפעלד־פּאַטריאָט. איך האָב געלייענט אַ היפּש ביסל פון זיינע פּרעכטיקע לידער פון אָרעמען אַרבעטער, וואָס זיינען געווען דורכגעדרונגען מיט שטאַרקע עמאָציעס פון ליבע און ברידערלעכקייט. אַ היפּשע צאָל פון אָט די דאָזיקע לידער האָט מען געזונגען אין די שעפּער, אויף פאַרזאַמלונגען און אויף פאַרוויילונגס־אָוונטן. איך פלעג זיי מיטזינגען מיט אַ סך געפיל, און זיי האָבן אין מיר אַרויסגערופן אַ סך פאַרערונג פאַרן גרויסן דיכטער. דעריבער, ווען איך האָב געהערט, אַז מיין באַליבטער דיכטער מאָריס ראָזענפעלד וועט דעקלאַמירן און פאָרלייענען פון זיינע נייע לידער, בין איך אַוועק, געקויפט אַ בילעט פאַר 25 סענט און איך בין געווען כמעט פון די ערשטע אַריינצוקומען אין זאַל, און פאַרנעמען מיין פּלאַץ אין דער ערשטער רייע.

דער זאַל איז געווען געפּאַקט. עס האָבן זיך דאָרט געפונען עטלעכע הונדערט פּלעצער. אָט איז אימיצער אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע. ער האָט פאָרגעשטעלט מאָריס ראָזענפעלדן, וועלכער וועט באַלד פאָרלייענען לידער פון זיין נייעם בוך, וואָס איז נאָר וואָס אַרויס. צוויי יונגעלייט האָבן דערווייל אַרויפגעטראָגן אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ קעסטל פול מיט ביכער.

באַלד האָט זיך באַוויזן מאָריס ראָזענפעלד, און אין זאַל האָבן אויסגעבראָכן הילכיקע אַפּלאָדיסמענטן. איך בין געזעסן פּונקט קעגן אים, און איך האָב אים גוט געקענט באַאָבאַכטן. זיין פּנים איז געווען בלייך און אויסגעמאָ־גערט. זיינע אויגן האָבן געגליט ווי צוויי פונקן פייער אין קאָנטראַסט צו זיינע שוין גרויעלעכע שפּיציקע וואָנצעס, וועלכע האָבן אויסגעדריקט אומרו, זאָרג און טרויער. ער האָט גענומען פאַרלייענען אייניקע פון זיינע לידער און אין מיינע אויגן האָבן זיך באַוויזן טרערן, ווען ער האָט אין זיינע וואונדערלעכע לידער אַזוי בולט אַרויסגעבראַכט די ליידן און שמערצן פון דעם אָרעמען שאַפּ־אַרבעטער, וועלכער אַרבעט פון פרימאָרגן ביז שפּעט אין דער נאַכט, כדי צו פאַרדינען אויף זיין שטיקל ברויט...

פלוצלונג האָט ער גענומען זינגען זיין ליד „מיין יינגעלע". ער האָט געהאַט אַ גאַנץ פיינע טענאָר־שטים, און איך האָב געקענט מערקן ווי דער עולם ווישט די אויגן. די אַפּלאָדיסמענטן האָבן געדויערט היפּשע עטלעכע מינוט. ווען ראָזענפעלד האָט פאַרענדיקט זיינע רעציטאַציעס, איז אַרויפגעגאַנגען דער פאָרזיצער און ער האָט זיך אָנגערופן: „ווי איר ווייסט אַלע, קריגט מאָריס ראָזענפעלד ניט קיין האָנאָראַר פאַר דעם, אַלץ וואָס ער ווינטשט איז אַז מען זאָל אים בלויז געבן צו לייזן פאַר אַ ביכל. אָט דאָ געפינען זיך אַ צאָל פון זיין נאָר־וואָס דערשינענעם בוך, און מיר בעטן דעם געערטן פובליקום זיך וואָרעם אָפּצורופן און קויפן די דאָזיקע ביכער. דער פּרייז פון אַ בוך איז בלויז איין דאָלאַר.

אין זאַל האָט געהערשט אַ שטילקייט. קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עס זיינען פאַריבער עטלעכע מינוט און דערווייל האָט זיך נאָך קיינער ניט אויפגעהויבן פון זיין פּלאַץ. דער עולם איז באַשטאַנען פון אָרעמע אַרבעטער, ביי וועמען דער דאָלאַר איז געווען זייער טייער. איך אַליין האָב שוין דאַן געאַרבעט אין אַ שאַפּ און פאַרדינט זיבן דאָלאַר אַ וואָך, און מיטן געלט באַדאַרפט העלפן שטיצן מיינע עלטערן. דאָך איז מיר געוואָרן פריקרע צוזוזען ווי אַזוי דער עולם רירט זיך ניט פון אָרט, און דער גרויסער אַרבעטער־דיכטער שטייט אין אַ זייט אויף דער פּלאַטפאָרמע אַ פאַרלוירענער און געפינט זיך קיין אָרט ניט.

איך האָב זיך אויפגעשטעלט פון מיין פּלאַץ און איך בין צוגעגאַנגען צו דער פּלאַטפאָרמע מיט אַ דאָלאַר אין האַנט, און זיך אָנגערופן: „איך וויל קויפן אַ בוך". איך האָב געקראָגן דעם בוך, באַצאָלט דעם דאָלאַר און זיך צוריקגעקערט צו מיין פּלאַץ. נאָך מיר האָבן זיך שוין געפונען נאָך עטלעכע וועלכע האָבן געקויפט ביכער. נאָכדעם ווי דער עולם האָט זיך שוין געהאַט צעגאַנגען, בין איך צוגעקומען מיטן בוך צו דעם מאַן, וועלכער האָט פאַרקויפט די ביכער און איך האָב אים געזאָגט אַז איך בין גרייט צו געבן נאָך אַ דאָלאַר, און איך וויל האָבן דעם אונטערשריפט פון גרויסן דיכטער. יענער האָט עס אַריינגעשושקעט ראָזענפעלדן אין אויער. ראָזענ־

פעלד איז צו מיר צוגעקומען. ער האָט מיר געגעבן זיין האַנט און געזאָגט:
„איר זייט געווען דער ערשטער וועלכער האָט זיך אָפּגערופן און געקויפט אַ בוך, און איך בין אייך פאַר דעם זייער דאַנקבאַר. איך וועל זיך אונטער־שרייבן אויפן בוך, אָבער געלט פאַר דעם וועל איך ניט נעמען". ער האָט אויטאָגראַפירט מיין בוך, און איך האָב אים דערוויל געזאָגט אַ קאָמפּלי־מענט, אַז איך האַלט אים פאַר דעם גרעסטן יידישן דיכטער, און ער האָט מיר נאָכאַמאָל באַדאַנקט און געדריקט מיין האַנט.

דאָס איז געווען מיין איינציקער צוזאַמענטרעף מיט דעם גרויסן אַר־בעטער־דיכטער מאָריס ראָזענפעלד. אָבער דעם איינדרוק, וואָס ער האָט אויף מיר געמאַכט, וועל איך ניט פאַרגעסן אַזוי לאַנג ווי איך לעב. איך בין פאַרבליבן זיין פאַרערער. איך האָב נאָכגעפאָלגט יעדעס ליד, יעדען עסעי און יעדן אַרטיקל, וואָס איז אַרויס פון זיין פעדער.

יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט פון מאָריס ראָזענפעלדן, ווער איך באַ־נומען מיט אַ געפיל פון אומעט, צער און אַנגסט. אָט דער דאָזיקער איידע־לער, צאַרטער פאָלקס־דיכטער, וועלכער האָט געווידמעט זיין לעבן אַרויס־צוברענגען די ליידן און שמערצן פון דעם אָרעמען יידישן האָרעפּאַשנעם אַרבעטער, וועלכער האָט אַריינגעבראַכט אַזוי פיל גייסטיקן גענוס אין די הערצער פון צענדליקער טויזנטער יידן, וועלכע האָבן מיט דורשט גע־שלונגען זיינע לידער וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט ליריזם און טרויער, ליבשאַפט און באַרמהאַרציקייט צו זיינע ברידער בפרט, און צו דער מענטש־הייט בכלל, זאָל אַליין דאַרפן דורכמאַכן אין זיין לעבן די „שבעה מדורי גיהנום" (די זיבן אָפּטיילונגען וועלכע דער גיהנום איז איינגעטיילט — זייער פיל אויסשטיין).

זיין שלאַנקער אויסזען, זיין בלאַסלעך ברונעטער פּנים, זיינע שוואַרצע פייערדיקע אויגן, זיינע שוואַרץ־גרויע געקרייזלטע האָר, זיין מאַגנעטישער בליק, האָבן אַלעמען פאַרכישופט, איבערהויפּט נאָך דאַן ווען ער פלעגט מיט זיין זיסער שטים דעקלאַמירן אָדער אויסזינגען זיינע לידער.

מאָריס ראָזענפעלד איז געווען אַ דיכטער „בחסד עליון" (פון גאָטס גנאָד); ער איז געווען אַ נאַציאָנאַלער אַרבעטער־דיכטער. זיינע לידער זיינען גע־ווען ניט נאָר קינות אין וועלכע ער האָט אַזוי דייטלעך געמאָלן די נויט, די אָרעמקייט פון דעם אויסגעמוטשעטן יידישן אַרבעטער און ער האָט גע־קלאָגט אויף דעם חיבוט הקבר, (די ליידן וועלכער דער טויטער מוז אויס־שטיין אין זיין קבר איידער מען ברענגט פאַרן הימלישן געריכט). וואָס אים קומט אויסצושטיין אין שאַפּ, נאָר אין זיי האָט דער לייענער אויך געשעפּט טרייסט, האָפענונג, אויף אַ בעסערער און גליקלעכערער צוקונפט. אין זיי האָבן זיך קאָמבינירט דער „שבת חזון" און דער „שבת נחמו"...

מאָריס ראָזענפעלדס לעבן איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם צער און פּיין, וואָס זיין קינסטלערישע פען האָט אויסגעדיכטעט אין זיינע שיינע

לידער. איובס צרות האָבן זיך אויף אים אויסגעגאָסן. עפּעס איז די טראַגעדיע אים נאָכגעגאַנגען צו וואָס ער האָט זיך גענומען און וואוהין ער איז געגאַנגען.

מאָריס ראָזענפעלד האָט אין זיין יוגנט געוואַנדערט אין פאַרשידענע מדינות, אין האָלאַנד און אין אַנדערע לענדער אין אייראָפּע. אומעטום האָט ער געזוכט עפּעס אַן אָנהאַלט צו דערנערן זיך און זיין פאַמיליע דורך שוויס, בלוט און מאַטערניש — איז אים דאָס אויך ניט געלונגען...

אין יאָר 1886 איז ראָזענפעלד געקומען קיין אַמעריקע און ער האָט געוואוינט אויף דער איסט סאַיד. דאָרט האָט ער מיט זיינע אויגן צוגעזען די יידישע אָרעמקייט און הילפלאָזיקייט. ער איז געוואָרן אַקטיוו אין פאַרשידענע יידישע אַרבעטער־באַוועגונגען און ער האָט גערופן צו דער־וואַכונג און קאַמף... ער מאָלט אין זיינע לידער דעם פאַרשמאַכטן יידישן אַרבעטער, וועלכער זיצט איבער דער מאַשין געבויגן אין דרייען און אַרבעט אַזוי אַן אויפהער זעכצן שעה אַ טאָג. דער אַרבעטער גייט אַוועק צו זיין שאַפּ פאַרטאָג, ווען עס איז נאָך פינצטער און קערט זיך אום ביינאַכט ווען עס איז שוין פינצטער, און זעלטן זעט ער זיינע קליינע קינדערלעך, ווייל ער גייט אַוועק צו דער אַרבעט שלאָפן זיי און ווען ער קערט זיך אום פון שאַפּ שלאָפן זיי, און אָט דעם דאָזיקן פאָטערלעכן צערטלעכן סענטימענט דריקט ער אויס אין זיין פערלדיקן ליד „מיין יינגעלע״...

אָט טוט פלוצלונג די זון אַ שיין פאַר אים. אַ יידישער פּראָפעסאָר פון האַרוואַרד אוניווערזיטעט באַקאַנט זיך מיט ראָזענפעלדס לידער און ווערט אַזוי באַגייסטערט, אַז ער זעצט איבער זיינע לידער אויף ענגליש, און דערצו שרייבט ער נאָך וועגן דעם „שניידער־פּאָעט״ עטלעכע היפשע אַרטיקלען אין דער באָסטאָנער צייטונג „טראַנסקריפּט״, און געפינט אַ גרויסן ענגלישן פאַרלעגער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן ראָזענפעלדס אַרבעטער־לידער אין ענגליש. צווישן אַנדערע שרייבט פּראָפעסאָר ווינער וועגן ראָזענפעלדן:

„אויף דעם גורל פון אַ רוסישן יידן איז אין סוף פון ניינצענטן יאָרהונדערט אויסגעפאַלן זען און צו מאָלן דעם גיהנום מיט אַזעלכע פאַרבן, וואָס מען קען ניט געפינען זינט דאַנטן. אָבער דאַנטע האָט געשילדערט דעם גיהנום פון יענער וועלט און מאָריס ראָזענפעלד מאָלט דעם גיהנום אויף דער ערד; דעם גיהנום וואָס ער האָט ניט בלויז באַזוכט, נאָר וואו ער האָט יאָרנלאַנג געלעבט״...

נאָכדעם ווי די אַמעריקאַנער ענגלישע צייטונגען האָבן געשריבן וועגן ראָזענפעלדן, האָבן אויך די אייראָפּעאישע צייטונגען געשריבן וועגן אים. ראָזענפעלד איז מיט אַ מאָל געוואָרן אַ באַרימטקייט. זיין מערכה אָבער האָט זיך ניט פאַרבעסערט. ער האָט ניט געקענט זיין אַפילו אין אַ רעדאַקציע. צוליב זיין אימפּולסיווער נאַטור. ער איז געווען טעמפּעראַמענט פול, שטאַרק

עמפּינדלעך, שטאַרק בייסיק און גאַליק־ביטער. אין דער זעלבער צייט אָבער איז ער געווען סענטימענטאַל־צאַרט, פריינדלעך און ליבלעך.

איבער טראַגישע אומשטענדן איז ער געצוואונגען געווען גאַנץ אָפט צו ווייזן נעגאַטיווע מאָמענטן אַלס מענטש. בכלל אָבער איז ער געווען אַ העכסט גוטמוטיקער סימפּאַטישער מענטש, וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם גיהנום אויף דער וועלט. פאַר זיין טויט, ווען ער איז געלעגן קראַנק, האָט ער געשריבן: „איינזאַם אין מיין קראַנקן צימער ליג איך טרויעריק אַליין, נאָר די וועגט די שטומע הערן מיינע קרעכצן, מיין געוויין״...

מאָריס ראָזענפעלד איז געבאָרן געוואָרן אין 1862 און איז געשטאָרבן אין 1923.



הוירבי דעל

הוירבי דעל צו זעקס יאָר

# הוירבי (חיים)

עס איז פאַראַן אַ שפּריכוואָרט אין תלמוד: „בכל אָדם מתקנא חוץ מבנו ותלמידו (עס ליגט אין דער נאַטור פון אַ מענטשן מקנא צו זיין יעדן איינעם וועלכער צייכנט זיך אויס אין וואָס ניט עס איז מער פון אים)... אויב יענער איז קליגער, רייכער אָדער מזלדיקער פון אים, איז ער יענעם מקנא, אויסער זיין זון... יעדער פאָטער, יעדע מוטער וויל זען, אַז דער זון אָדער די טאָכטער זאָל איבערשטייגן די עלטערן אין אַלץ. יעדער פאָטער וויל זען, אַז זיין זון זאָל זיין מער דערפאָלגרייך אין לעבן ווי ער איז. ניט נאָר האָפט ער און וויל עס זען, נאָר ער איז גרייט צו ברענגען די

גרעסטע קרבנות, אַז זיין זון זאָל זיין מער דערפאָלגרייך און גליקלעכער פון אים.

נאָך אַלס גאָר קליין קינד האָט מיין זון הוירבי אַרויסגעצייגט מוזי־קאַלישע פעאיקייטן. גראָד איז דעמאָלט געווען אָנהייב די קריזיס־יאָרן, אין די אָנהייב דרייסיקער. הוירבי אין דאַן געווען אַ יאָר פיר. ווען איך האָב געזען, אַז ער כאַפּט זייער שנעל איבער אַ ליד, זינגט עס איבער מיט אַזוי פיל פּינקטלעכקייט, מאַכט נאָך אַלע מוזיקאַלישע העויות, (גרימאַסן, מינעס, באַוועגונגען), האָב איך גלייך געקענט זען, אַז ער איז געבענטשט מיט אַ מוזיקאַליש אויער.

די ערשטע זאַך וואָס איך האָב געטאָן איז געווען צו קויפן אים אַ פידל, דינגען אַ לערער וועלכער זאָל אים לערנען שפּילן פידל. דער פידל־לערער, ווייזט אויס, איז געווען אַן ערלעכער מענטש, רופט ער זיך אָן צו מיר: „אָן צווייפל, אַז אייער קינד האָט אַ מוזיקאַלישן אויער, און איר דאַרפט אים דערמוטיקן אין מוזיקאַלישע אונטערריכטונג, אָבער מיין עצה, איז, אַז ער זאָל זיך נעמען צו דער פּיאַנאָ... דאָס וועט זיין דער מוזי־קאַלישער אינסטרומענט אין וועלכן ער וועט זיך אויסצייכענען".

דער קריזיס איז געווען זייער שטאַרק, און קיין געלט האָב איך ניט געהאַט. האָב איך זיך ווי עס איז אָנגעשטרענגט און גענומען זוכן פאַר אים אַ לערער פאַר פּיאַנאָ. גראָד האָב איך געהאַט אַ קוזינע, וועלכע איז געווען אַ פּיאַנאָ־לערערין, האָב איר איר געצאָלט 75 סענט פאַר אַ לעסאָן. ווען זי האָט געזען אַז הוירבי צייכנט זיך אויס אין שפּילן און מאַכט שנעלן פּראָגרעס, האָט זי מיר געראָטן אַז איך זאָל קריגן פאַר אים אַ גוטן לערער.

איך בין שוין דאַן געווען באַקאַנט מער אָדער ווייניקער אין דער מו־זיקאַלישער און אַרטיסטישער וועלט, אַלס אימפּרעסאַריאָ, האָב איך זיך באַ־קאַנט מיט דעם באַרימטן פּיאַניסט יודזשין ניגאָב. מיר זיינען געוואָרן זייער פריינדלעך. דאָך האָב איך צו אים געבראַכט מיין הוירבין. ער האָט גענומען מיט אים שפּילן, און ער איז געוואָרן אַנציקט פון אים.

„דיין זון, הוירבי, האָט טאַלאַנט!" — רופט זיך אָן צו מיר יודזשין ני־גאָב. ער האָט זיך אונטערגענומען אים צו געבן פּיאַנאָ־לעסאָנס און ביי מיר ניט געוואָלט נעמען קיין געלט פאַר דעם. ווען מיין זון הוירבי איז אַלט געוואָרן אַכט יאָר, האָט ניגאָב מיך געראָטן איך זאָל אים ברענגען צו „מעידזשאָר באָוס אַמאַטיור אאָור", וואָס מעידזשאָר באָו האָט דאַן געהאַט אויף דער ראַדיאָ. מיט גרויס מי האָב איך זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אים. מעידזשאָר באָו האָט הוירבין באַלד אויסגעפּרואווט, און ער האָט אים גלייך אָנגענומען צו קומען זיך באַטייליקן צווישן אַלע אַנדערע טאַלאַנטפולע קינ־דער.

עס איז לייכט פאַרצושטעלן ווי זיין מוטער און איך האָבן געפילט ווען ער האָט באַדאַרפט אין אַ געוויסן טאָג און אין אַ געוויסער שעה שפּילן פּיאַנאָ

אויף דער ראַדיאָ. די סטודיאָ איז געווען פול. אַלס דער פּאַטער פון דעם טאַלאַנטפולן קינד, בין איך געווען איינער פון די געסט. אַט רופט מען אויס פאַרשידענע טאַלאַנטפולע קינדער, איינער וואָס שפּילט פידל, אַ צווייטער האָט געזונגען. אַנדערע האָבן געצייגט זייערע פאַרשידענע טאַ־לאַנטן. מיט אַ מאָל הער איך ווי מעידזשאָר באָו רופט אויס:

„הוירבי דעל!״ מיין האַרץ האָט אין מיר אַ צאַפּל געטאָן. מיין הוירבי!...

איך האָב אָנגעשטרענגט מיינע אויגן און אָנגעשפּיצט מיינע אויערן. אָט זע איך ווי מיין טייער ליב קינד הוירבי גייט צו צו דער פּיאַנאָ, פאַרנייגט זיך פאַרן פּובליקום, און ווי אַ געניטער פּיאַניסט, לויפן זיינע שיינע, דינינקע און צאַרטע פינגערלעך איבער די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ. ער שפּילט אַזוי וואונדערלעך, אַזוי באַצויבערנדיק, אַז איך ווער צעשמאָלצן פון נחת... מען אַפּלאָדירט און ער שפּילט נאָך עפּעס. איך הער ווי איינער פון די געסט, וועלכער איז געזעסן אַ ריי הינטער מיר, רופט זיך אָן צו זיין פרוי: „הי איז וואָנדערפול!״ איך קען זיך שוין מער ניט באַהערשן, איך דריי אויס מיין קאָפּ צו אים און רוף אויס מיט שטאָלץ: „הי איז מיין סאָן!״

„קאָנגראַטולייששענס! — רופט זיך אָן מיין שכן הינטער מיר — יור סאָן וויל סאָם דעי בי אַ גרעיט פּיאַניסט!״

איך בין אַרויף הינטערן סטעידזש, און אויך דאָרט האָב איך געהערט אַ סך שבחים וועגן הוירביס טאַלאַנט און איך בין געווען אַזוי איבערוועלטיקט פון פרייד און גליק, אַז כ׳בין ניט געגאַנגען, נאָר כ׳האָב געשוועבט אין די וואָלקנס.

עס איז אומעגלעך איבערצוגעבן די דאַנקבאַרקייט, וואָס איך האָב געפילט צו אָט דעם פריינד מיינעם יודזשין ניגאָב. איך האָב זיך געגרייט קומען צו אים און אויסדריקן מיין טיפסטן דאַנק צו אים. האָט מען מיר געזאָגט, אַז ער איז אָפּגעפאָרן אויף וואַקיישן אויף אַ פּאָר וואָכן. ווי שטאַרק שאָקירט און דערשלאָגן איך בין געוואָרן, ווען איך האָב געהערט אַז אָט דער נאָבעלער פריינד מיינער, יודזשין ניגאָב, איז דערהרגעט געוואָרן אין אַ קאַר־עקסידענט...

די צייט איז געווען זייער אַ שלעכטע. דער קריזיס איז מיט יעדן טאָג גרעסער געוואָרן. מענטשן האָבן פּשוט ניט געהאַט פון וואַנען צו לעבן. איך האָב געקענט מענטשן, ערשט פאַרמעגלעכע, זיי האָבן איצט פאַר־קויפט עפּל אין גאַס, כדי זיך צו דערנערן. יידן האָבן אויפגעהערט צו באַזוכן קאָנצערטן און פאַרווילונגען. אויב אימיצער האָט געהאַט עטלעכע סענט, האָט ער דאָס געהאַלטן אויף שפּייז... מיין הוירבי איז שוין דאַן געווען צען יאָר אַלט. איך טאָר ניט דערלאָזן, אַז ער זאָל איצט אויפגעבן זיינע לעסאָנס אין פּיאַנאָ. איך האָב געקראָגן אַ גוטן לערער, מר. פרענקעל, אָבער ער האָט געוואָלט פינף דאָלאַר אַ לעסאָן.

אין אַלגעמיין איז פינף דאָלאַר אין יענער צייט געווען אַ סך געלט,

אָבער פון וואַנען זאָל איך נעמען פינף דאָלאַר, אַז קיין פּרנסה איז ניט געווען? קיין תירוץ איז דאָס אָבער ניט. איך בין גרייט אויף די גרעסטע קרבנות, אַבי מיין זון זאָל קענען קומען צו דער גרויסער קאַריערע וואָס איך דערוואַרט. איך האָב געבאָרגט ביי פריינד, איך האָב פאַרזעצט וואָס איך האָב נאָר געהאַט, אַבי צו געבן מיין ליב קינד אַ געלעגנהייט זיך צו דערשלאָגן צום ציל וואָס ער האָט געשטרעבט.

דריי יאָר האָט מר. פרענקעל געלערנט מיט הוירבין, ביז זיין בר־מצווה. אויף זיין אייגענער בר־מצווה־פייערונג האָט שוין הוירבי געשפּילט מאָצאַרט און אַנדערע קלאַסישע מוזיק.

מבינים האָבן מיר געזאָגט אַז ער שפּילט אויסגעצייכנט און מען האָט מיר רעקאָמאַנדירט אַ זייער גרויסן לערער. פרענקעל אַליין האָט צוגעגעבן, אַז הוירבי דאַרף איצט האָבן נאָך אַ גרעסערן לערער ווי ער, און רעקאָמענדירט מיר צו אַ באַרימטן פּיאַנאָ־לערער מיטן נאָמען מאַסלאָו, וועלכער האָט ביי מיר גענומען פופצן דאָלאַר אַ לעסאָן. עס איז איבעריק צו זאָגן ווי שווער מיר איז אָנגעקומען דאָס געלט. איך האָב אים געצאָלט פופצן דאָלאַר פאַר יעדן לעסאָן וואָס ער האָט געגעבן הוירבין. ער האָט אים גענומען צוגרייטן פאַר זיין דעביו (דאָס ערשטע אויפטרעטן). באַלד איז אָבער אויסגעבראָכן די צווייטע וועלט־מלחמה. מען האָט גענומען דרעפטן די יונגע לייט, און כאָטש מיין זון הוירבי איז דאַן בלויז אַלט געווען זיבעצן יאָר, האָט ער באַשלאָסן זיך אָנצושליסן פרייוויליק אין דער אַרמיי. ער האָט געוואוסט, אַז ווען מען וועט אים דרעפטן וועט ער ניט האָבן קיין אויסוואַל, אָבער אַלס פרייוויליקער וועט ער קענען האָבן זיין וואונטש — אַריינגענומען צו ווערן אין די ענטערטעימענט סירוויס. מען האָט אים אָנגענומען און באַשטימט, אַז זיין אויפגאַבע זאָל זיין צו אונטערהאַלטן די סאָלדאַטן.

אין דער אַרמיי האָט שוין הוירבי באַדאַרפט אויפגעבן די קלאַסישע מוזיק, וואָס איז געווען זיין באַרוף און ער האָט געשפּילט פּאָפּולערע מוזיק. זעקס חדשים האָט מען אים מושטירט אין דער אַרמיי. ער האָט באַדאַרפט דורכמאַכן אַלע איבונגען וואָס עס קומט אויס צו מאַכן יעדן סאָלדאַט.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי זיין מוטער און איך האָבן געפילט ווען ער האָט געקראָגן אַ מעלדונג, אַז ער דאַרף זיין גרייט צו גיין איבערן אַטלאַנטישן ים, אין דער אייראָפּעאישער מלחמה. די נאַציס האָבן דאַן געמינעוועט פאַרשידענע טיילן פון אַטלאַנטישן ים. זיי האָבן דאָרט געהאַט הונדערטער סאָבמאַרינס, און מען האָט גאַנץ אָפט געהערט ווי אַזוי די נאַציס זינקען די שיפן פון די עליים. ענדלעך דערהאַלטן מיר אַ בריוו פון אים, אַז ער און די אַנדערע מיט אים זיינען אָנגעקומען בשלום צום שלאַכטפעלד.

פיל וואָכן זיינען פאַריבער און מיר האָבן פון הוירבין קיין ידיעה ניט באַקומען. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרטרויערטע, באַזאָרגטע און דער־

שלאָגענע. דערנאָך האָבן מיר פון אים באַקומען אַ בריוו, אין וועלכן ער שרייבט אונדז, אַז אין געוויסן שטעטל אין פראַנקרייך, וואו זיין אָפּטיילונג האָט זיך געפונען, האָט ער אונטערהאַלטן די זעלנער מיט זיין שפּילן, און דאַן האָבן זיי פאַרלאָזן דאָס שטעטל און זיך פאַרנומען אין אַן אַנדער ריכטונג, און פּונקט אויף מאָרגן אין דער פרי איז באַקאַנט געוואָרן, אַז די דייטשן האָבן באָמבאַדירט דאָס שטעטל און אַלע וועלכע האָבן זיך דאָרט געפונען זיינען אומגעקומען...

מיר זיינען ניט געווען די איינציקע; אַלע עלטערן, וועלכע האָבן געהאַט קינדער אויפן שלאַכטפעלד, זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרזאָרגטע מיט הערצער פול מיט שרעק און אַנגסטן. מיט אונדזער הוירבין האָט פּאַסירט אַ נס... אָבער ניט אַלע טאָג פּאַסירן ניסים... הוירבי איז אָפּגעווען אין אייראָפּע צוויי יאָר צייט. ענדלעך דערלעבן מיר שוין היטלערס מפּלה. די מלחמה אין אייראָפּע האָט זיך געענדיקט... מיר וואַרטן מיטן גרעסטן אומגעדולד צו הערן אַז הוירבי וועט קומען בשלום אַהיים. דערהאַלטן מיר פון אים אַ בריוו אין וואָס ער לאָזט אונדז וויסן, אַז מען וועט אים און די אַנדערע פון זיין אָפּטיילונג, שיקן איבערן פּאַסיפישן ים אין מלחמה קעגן יאַפּאַן. (די אייראָפּעאישע מלחמה האָט זיך געענדיקט מיט עטלעכע חדשים פריער. די יאַפּאַנישע מלחמה האָט זיך נאָך געהאַלטן אין צע־פלאַקערן).

עס איבעריק צו באַשרייבן ווי מיר האָבן דאַן געפילט. פון איין פייער געשיקט צום צווייטן פייער. מיר זיינען אַרומגעגאַנגען פאַרטרויערטע צע־טראָגענע און צערודערטע. אונדזערע נעכט זיינען געווען שלאָפלאָזע...

איינמאָל, זיץ איך און לייען די צייטונג, וועגן די מלחמה־נייעס. מיין האַרץ איז אָנגעפילט מיט צער און ווייטאָג... איך טראַכט פון מיין אָרעמען הוירבי, וועלכער האָט שוין אַזוי אויך היפּש דורכגעמאַכט, און איצט שיקט מען אים אַריבער דעם פּאַסיפישן ים... ער איז נאָך קוים צוואַנציק יאָר אַלט, און גאָט ווייסט וואָס וועט מיט אים ווייטער געשען. מיט אַמאָל צע־קלינגט זיך דער טעלעפאָן. איך הויב אויף דעם טרייבל (רעסיווער) און איך הער אַ שטים: „העללאָו, פּאָפּ, האַו אַר יו? דאָס רעדט הוירבי!"

— הוירבי! דאָס ביסטו?! — רוף איך אויס — און איך טרייסל זיך פון איבעראַשונג און צעמישונג. — הוירבי, מיין זון, וואו ביסטו?!

— איך בין אין באָסטאָן! אַי עם קאָמינג האָום!

צו אונדזער פרייד איז קיין גרענעץ ניט געווען. מיר האָבן צוגעגרייט אַ „וועלקאָם האָום" פאַר אים. די גאַנצע משפחה איז זיך צונויפגעקומען. מיר האָבן געהאַט אונדזער הוירבי אין דער היים. ער איז נאָך אָבער אַלץ געווען אין זיין מונדיר, און אין אונדזער פרייד האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ טרויעריקער געדאַנק. אָט וועט מען אים באַלד שיקן איבערן פּאַסיפיק. אָבער אַ דאַנק גאָט, די מלחמה מיט יאַפּאַן ענדיקט זיך, און הוירבי בלייבט אַ היגער.

ער האָט דאַן אָרגאַניזירט אַ בענד פון פיר און ער האָט דעם אָרקעסטער אַ נאָמען געגעבן „די דעלאַניעס". צוליב געוויסע אורזאַכן צעלאָזט ער דעם בענד און ער הייבט אָן שפּילן מיט „דע־קאַסטראָ סיסטערס". די באַרימטע זינגערינס, און ער האָט אָנגעפירט מיט זייער אָרקעסטער.

אין יענער צייט האָט הוירבי געקראָגן אַ סקאָלערשיפּ פון „דזשוליאַרד סקול אָוו מיוזיק". פיר הונדערט מוזיקער האָבן דאַן גענומען די עקזאַמענס אין מוזיק. בלויז פערציק האָבן אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען, און הוירבי איז געווען איינער פון זיי. ער האָט זיך אויסגעצייכנט אין זיין שפּילן און געקראָגן דעם סקאָלערשיפּ.

מיט די „דע־קאַסטראָ סיסטערס" האָט ער געשפּילט פינף יאָר. נאָכדעם האָט ער זיך פאַרבונדן מיט די באַרימטסטע קאָמעדיענס און ער האָט אָנגעפירט די בענדס ביי די רעהוירסעלס פון אַזעלכע קאָמידיענס ווי דיען מאַרטין, רעד סקעלטאָן, סעמי דעיוויס דזשוניאָר, דזשאָי בישאָף, פראַנק סינאַטראַ, פּיטער לאָופאָרד, רעד באַטאָנס און אַנדערע. ער איז אויך געווען דער אָנפירער פון אָרקעסטער פאַר עדי פישער.

ווען איך בין געווען אויף אַ באַזוך ביי מיין זון אין לאָס אַנדזשעלעס, האָט ער מיך גענומען צו איינעם פון די נאַכט־קלובן, וואו ער האָט אָנגעפירט מיט דעם אָרקעסטער. דאָרט האָט ער מיך פאָרגעשטעלט פאַר אייניקע פון די באַרימטהייטן וועלכע זיינען אַהין געקומען צו פאַרברייגגען. ווען הוירבי האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר מילטאָן בוירל, רופט זיך מילטאָן אָן צו מיר: „איי קען טעל יו דהאַט יור סאָן הוירבי איז קאָנסידערעט טאָפּ נאָטש אין האָליוואוד").

פאַרשטייט זיך, אַז איך בין געווען זייער צופרידן צו הערן אַזעלכע לויב־געזאַנגען וועגן מיין זון פון אַזאַ גרויסן סטאַר ווי מילטאָן בוירל. איך האָב געזען מיט מיינע אויגן ווי אַזוי די קאָמידיענס, וועלכע זיינען באַרימט אויף דער וועסט קאָוסט אַלס די גרעסטע אין זייער פאַך, באַנעמען זיך צו הוירביק, בין איך אָנגעפילט געוואָרן מיט שטאָלץ.

הוירבי האָט געקראָגן איינלאַדונגען פון די גרויסע טעלעוויזשן סטיישנס נ.בי.סי. און סי.בי.עס. און ווען די דאָזיקע גרויסע סטאַרס פלעגן אויפטרעטן אויף יענע סטיישנס, פלעגט הוירבי אָנפירן מיט די אָרקעסטערס דורך דער צייט פון זייערע רעפּעטיציעס (ריהוירסעלס).

הוירבי איז לעצטנס אויך פאַרבונדן מיט דעם באַרימטן קאָמידיען שעקי גרין, ווענמען ער אַקאָמפּאַנירט אין זיינע אויפטרעטונגען *

הוירבי האָט זיך אויסגעצייכנט אין דער וועלט פון מוזיק, און ער איז באַליבט, געשעצט און געאַכטעט ביי אַלעמען.

---

* שעקי גרין איז אַ קאָמידיען־קינסטלער בחסד עליון. ער פאַרמאָגט אַ שיינע געשולטע שטים, און קאָמבינירט זיין געזאַנג מיט הומאָר. שטייענדיק פאַרן פּובליקום אימפּראָוויזירט ער און ציגט זיין קינסטלערישן טאַלאַנט.

סימור רעכטצייט

ראָוז שושנה

וואָלף מערקור

מאיר מאַכטענבערג

# אַדאָלף העלד

צו אַדאָלף העלדן האָב איך אַ באַזונדערן געפיל פון דאַנקבאַרקייט און פאַרערונג. איך האָב אים צום ערשטן מאָל געזען אין דער אַמאַלגאַמייטעד באַנק אויף יוניאָן סקווער. ער איז דאַן געווען דער פרעזידענט פון דער באַנק.

דאָס איז געווען מיט עטלעכע און דרייסיק יאָר צוריק. איך בין געווען אין אַזאַ שווערער געענגטער לאַגע, אַז איך האָב פאַר זיך ניט געזען קיין אויסוועג. מיינע לעצטע אָפּגעשפּאָרטע דאָלאַר האָב איך אַריינגעבראָקט אין מיין בוך „טעאַטער און קונסט". ווען איך האָב זיך אונטערגענומען דאָס בוך צו רעדאַגירן און אַרויסגעבן, האָב איך זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט אַז די דאָזיקע אונטערנעמונג וועט פאַרשלינגען אַזוי פיל געלט. ניט נאָר האָב איך אויסגעגעבן מיין ביסל אָפּגעשפּאָרט געלט, נאָר איך בין אויך געווען געצוואונגען צו באָרגן ביי באַקאַנטע, ביי פריינד און ביי קרובים. איך האָב אַרויסגעגעבן וועקסלען (נאָטס) צום דרוקער, צום בוכבינדער און צום פּאָטאָ־ענגרעיווער, וואָס איך האָב באַדאַרפט אָפּצאָלן קורץ נאָך דעם ווי מיין בוך וועט „זען די ליכטיקע שיין".

ווען דאָס בוך איז ענדלעך אַרויס פון דרוק, בין איך געווען אין דער זעלבער מדרגה ווי דער אָרעמער באַלעבאַטישער ייד, וועלכער האָט חתונה געמאַכט זיין טאָכטער, איר געגעבן נדן און איז געבליבן אָן אַ גראָשן. ער איז געווען גליקלעך וואָס אים איז ענדלעך געלונגען אַריינצוקריגן אַזאַ פיינעם איידעם, אָבער אין דער זעלבער צייט איז אים געוואָרן קאַלאַמוטנע אויפן האַרצן, וואָס ער האָט אַוועקגעגעבן דעם לעצטן ביסן פונעם מויל און אים וועט איצט אויסקומען צו הונגערן...

איך בין געבליבן אָן אַ פּעני, מיט חובות איבערן קאָפּ. איך האָב ניט געהאַט קיין געלט איבערצוקומען דעם טאָג מיט מיין פרוי און קינדער. לייען געלט אין אַ באַנק אויף אויסצוצאָלן האָב איך ניט געקענט, ווייל אַ באַנק לייט געלט בלויז צו אַזעלכן וואָס האָט אַ שטענדיקן פּאָסטן, איך בין געווען אַן אימפּרעסאַריאָ, וואָס דאָס גיט ניט קיין שטענדיקן איינקונפט. אויסער דעם דאַרף מען האָבן „קאָ־מעיקערס״ (גוטזאָגערס), וואָס דאָס וואָלט פאַר מיר שווער געווען צו קריגן אונטער די געגעבענע אומשטענדן. איינער פון מיינע פריינד האָט מיך געראַטן זיך צו ווענדן צו אַדאָלף העלד, דעם פּרעזידענט פון דער אַמאַלגאַמייטעד באַנק, און אים דערציילן ווער איך בין.

איך בין אַוועק אין יענער באַנק. איך האָב מיטגענומען מיין בוך „טעאַטער און קונסט״. איך האָב זיך פאָרגעשטעלט פאַר אים און אים דערציילט מיין גאַנצע לאַגע. מר. העלד האָט מיך אויסגעהערט מיט אויפמערקזאַמקייט און האָט מיך אַ פרעג געטאָן: „ווי גרויס דאַרף זיין די הלוואה?״. איך האָב אים געענטפערט, אַז איך דאַרף פינף הונדערט דאָלאַר אויף אַ יאָר צייט. ער האָט מיך געפרעגט צי איך וועל קענען צאָלן פופציק דאָלאַר אַ חודש. מיין ענטפער איז געווען, אַז — יאָ, דאַן האָט ער מיך געהייסן אויספילן אַן אַפּליקאַציע. מר. העלד האָט אַרויפגעשטעלט זיינע איניציאַלן און מיך געהייסן צוגיין צום פענסטערל קריגן דאָס געלט.

איך בין געווען אַזוי דערשטוינט ווען איך האָב געקראָגן דעם טשעק פון דער באַנק, אַז אין מיינע אויגן האָבן זיך טרערן באַוויזן. איך האָב געוואוסט פון דערפאַרונג, אַז מאַכן אַ הלוואה אין אַ באַנק נעמט עטלעכע טעג ביז וואַנען מען קריגט דעם טשעק און דאָ — מיט איין קריץ פון זיין פּען האָב איך געקראָגן דאָס געלט אָן שוועריקייטן און אָן שפיכת דמים.

ערשט דאַן האָב איך איינגעזען די נאָבלקייט, די הומאַניטעט פון דער גרויסער פערזענלעכקייט אַדאָלף העלד. אין די געציילטע מינוטן וואָס ער האָט מיט מיר גערעדט, האָט ער דורכגענומען מיין לאַגע. ער איז געווען גרייט מיר צו העלפן ניט נעמענדיק אין אַנבאַטראַכט די שוועריקייטן וואָס איך וועל מעגלעך האָבן אויסצוצאָלן די הלוואה. איך בין זייער שטאָלץ, וואָס איך האָב געהאַט די פּריווילעגיע צו געווינען די פריינדשאַפט פון אָט דעם דאָזיקן גרויסן, וואונדערבאַרן מענטש, וועלכער איז געווען און איז נאָך עד־היום אַקטיוו אין פאַרשידענע הומאַניטאַרע אונטערנעמונגען. ער איז נאָך איצט פאָרזיצער פון יידישן אַרבעטער קאָמיטעט, ער איז הויפּט מענעדזשער פון „פאָרווערטס״, וויצע־פּרעזידענט פון „אָרט״ אין אַמעריקע, ער איז פּרעזידענט פון דירעקטאָרן באָארד פון דער ראַדיאָ־סטאַנציע דאַבליו־אי־ווי־די.

אין די דאָזיקע שורות פון מיין בוך וויל איך אויסדריקן מיין האַרציקע דאַנקבאַרקייט, אָפּשאַצונג און ליבשאַפט צו אַדאָלף העלדן, וועמענס פריינדלעכקייט, האַרציקייט און פאַרשטענדעניש איך וועל קיינמאָל ניט פאַרגעסן.

סידאָר בעלאַרסקי

טשאַרלי קאָהען

בנימין פישביין

הערשל גענדל

חנה׳לע סטראָמבערג (ירדני)

מרדכי ירדני

# מיין דאַנק צו מרדכי ירדני

דעם קינסטלער מרדכי ירדני קען איך פון דעם ערשטן טאָג אָן זינט ער האָט זיך באַוויזן אין ניו־יאָרק. איך קען אים ווי אַ קאָנצערט־זינגער, אַלס חזן ביים עמוד און אויך ווי אַ מוזיק־קריטיקער, שרייבער און לעקטאָר. זיינע דריי ביכער „אינטערוויוען מיט אידישע שרייבער״, „לעאָ ליאָוו״ און „50 יאָר אידיש געזאַנג אין אַמעריקע״ געפינען זיך אין מיין ביבליאָטעק צוזאַמען מיט אַנדערע ווערק פון באַוואוסטע שרייבער. פונקט ווי ס׳איז מיר אָנגענעם און געשמאַק צו לייענען מרדכי ירדנים זינגען, איז מיר אויך אָנגענעם און געשמאַק צו לייענען מרדכי ירדנים ביכער און אַלצדינג וואָס ער שרייבט.

איך פאַרענדיק די ערשטע צוויי טיילן פון מיינע זכרונות מיט אַ האַרציקן דאַנק צו מיין פריינד, דעם שרייבער און חזן מרדכי ירדני, פאַר דער חבריש־קאָלעגיאַלער הילף, וואָס ער האָט מיר געגעבן ביים צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק.

ווען ס׳וועט דערשיינען דער דריטער טייל פון מיינע זכרונות, וועלן די לייענערס געפינען אין בוך אַ שמועס מיט מרדכי ירדני, וועגן זיינע טעטיקייטן און וועגן זיינע פלענער.

ה. ד.